STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00446

# DRAMEN

David Pinski

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Raymond C. & Helen Sandler*
*in memory of*
*Moses & Sonia Sandler and Nathan & Lillian Hoffman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דוד פּינסקי
# דראמען

פערלאג „פועלי ציון".
ניו יאָרק
1919

Copyright by David Pinski, 1919.

PINSKI-MASSEL PRESS
NEW YORK

# פיערטער באנד

אינהאלט־פערצייכניס פון דעם פיערטען באנד:

יענקעל דער שמיעד, פיעסע אין פיער אקטען.

גאברי און די פרויען, שפיעל אין דריי אקטען.

מיט זיעגערפאהנען, שפיעל אין איין אקט.

ליעבע'ס קרומע וועגען, פיעסע אין פיער אקטען.

# יענקעל דער שמיעד

פּיעסע אין פיער אקטען.

(נאָוועמבער־דעצעמבער 1906)

## פערזאָנען:

יענקעל דער שמיעד.

שמחה דער בעל־עגלה, זיין פֿאָטער.

מאריאשע, זיין מוטער.

טאמארע.

פרומע, איהר מומע.

ר׳ אהרן, פרומע׳ס מאַן.

רבקה.

רפאל דער וואָכערניק, איהר מאַן.

חיה פּעשע, אַ שדכנ׳טע און אַ מעקלערקע.

אַ בעל־עגלה.

מיידלעך.

# ערסטער אַקט

דער „זאַל" ביי פרומע'ן, שבת פאַר נאַכט בין מנחה למעריב, בעל־הביתיש, אלטמאָדיש און זאט אין יאָהרען. אין ז'ער הינטערסטער וואנד צוויי פענסטער, אויף וועלכע עס שטעהען וואזאָנעס מיט בלומען און צווישען וועלכע עס געפינט זיך אַ גרויסע פּליושענע סאָפאַ מיט צוויי פאטערשטולען פוןביידע זייטען. ביי דער לינקער וואנד א טשיראטענע קאַנאַפּע מיט אַ טיש פאר איהר, וועלכער איז איבערגעדעקט מיט אַ רויטען טישטוך; פון ביידע זייטען קאנאפּע שטולען. אין מיטען פון דער רעכטער וואַנד אַ טיר מיט אַ גרויסען ספרים־אַלמער נאָך הינטען און אַ שיינעם פאטערשטול נאָך פאָרנט. די וועגד זיינען בעקלעפּט מיט ברוינע אָבאָיעס, איבער די סאָפאַס הייגען בילדער פון פערשיעדענע גרויסע אידען און איבער דעם אלמער הייגגט א זייגער. אין מיטען צימער הייגגט אַ קאַנדעליאבר־לאָמפּ. די פּאָדלאָגע איז ריין געוואַשען, בעדעקט מיט אַ פּאָר לויפערס.

פרומע (זיצט ביים לינקען פענסטער אין א פאטערשטול מיט'ן טייטש־חומש אין די הענד, מיט ברילען אויף דער נאָז, און לייענט שטיל פאר זיך, באַלד קומט אַריין חיה פּעשע מיט דער „קאטינקע" אויף איין אַרבעל).

חיה פּעשע. א גוט שבת אייך, פרומעטשקע.

פרומע (מאכט א בעוועגונג, ווי צו דערלייענען אויף גיך ביז סוף שורה).

חיה פּעשע. די טיר איז אָפען, און קיינער איז ביי אייך ניטאָ אין די אַנדערע חדרים. מע קאָן דאָך צוטראָגען די גאַנצע שטוב.

פרומע (העבט אויף איהר אויף די אויגען, דערקענט זי עפּעס נישט צוערסט, כאַפּט זיך אָבער גלייך). א, חיה פּעשע! א גוט שבת,

א גוט יאָהר! איך האָב מיך פערלייענט, האָב איך נישט געהערט, ווי איהר זייט אריינגעקומען. (טוט אוים די ברילען און לעגט זיי אריין אין דעם טייטש־חומש, וועלכען זי מאַכט צו.)

חיה פעשע (זעצט זיך אויף א שטול לעבען פרומען). וואָס מאַכט איהר עפּים, פרומעטשקע? איך האָב אייך טאַקי שוים לאַנג נישט געזעהן, שוים טאַקי עפּים א שאָק מיט יאָהרען.

פרומע. און אצינד האָט איהר שוים מסתמא עפּים פאַר יענטע דוואָשען? אייך פארדריסט, וואָס איך האָב שוים לאַנג קיין צרות נישט געהאַט מיט א דיענסט?

חיה פעשע. זעהט איהר... און אז איך וואָלט געהאַט עפּים פאַר איהר, וואָלט אויך קיין אחריות נישט געווען. וואָס איז, זי איז קיין אידישע טאָכטער נישט? זי איז א אידישע טאָכטער און מוז חתונה האָבען, און אייך וואָלט איך שוים געפונען אן אנדער דיענסט.

פרומע. א דאַנק אייך פאַר דער טובה. זי האָט נאָך צייט, עס ברענט נאָך ביי איהר נישט אזוי. ניש־קשה, זי איז נאָך א יונג מיידעל.

חיה פעשע. און איינגערע ווילען דען נישט חתונה האָבען? א מיידעל, ווי זי קומט נאָר אביסעל צום שכל, וויל זי חתונה האָבען.

פרומע. ווי איהר זעהט מיך לעבען, אז איך וועל מיך צוקריעגען מיט אייך דערפאַר. וואָס איז דאָס פאַר אן אופן?...

חיה פעשע. הע־הע־הע, געזונד זאָלט איהר מיר זיין! אָבער ווי איז די מעשה, אז איך בין גאָר נישט געקומען צו אייך וועגען יענטע דוואָשען?

פרומע. נישט וועגען יענטע דוואָשען?

חיה פעשע. איך וועל זאָגען, ווי איהר זאָגט: יענטע דוואָשע האָט נאָך צייט. אמאָל איז קיין מיידעל נישט צו יונג געווען, היינט איז קיין מיידעל נישט צו אַלט. ניש־קשה, זי קאָן

נאָך אָבזיין ביי אייך אַ פּאָר יאָהר, אויב איהר ווילט זי נאָר האַלטען.

פּרומע. איז אַז נישט וועגען יענטע דוואָשען...

חיה פּעשע. טאָר איך גאָר צו אייך נישט קומען אין גוטען מוט? דאַרף דאָס דווקא זיין אַ דיענסט אָדער אַ שידוך פאַר דער דיענסט?

פּרומע. איך מיין... איך האָב געמיינט... איהר זייט ביי מיר אַן אָנגעלעגטער גאַסט... אָבער געוועהנליך, אַז איהר קומט...

חיה פּעשע. איז קיין אַנדער כלה־מיידעל האָט איהר גאָר נישט אין שטוב?

פּרומע (קוקט זי אָן מיט פערוואונדערונג). טאַמאַרע?! איהר מיינט מיין טאַמאַרען?

חיה פּעשע. וואונדערט איהר זיך, הייסט דאָס, וואָס חיה פּעשע די מעקלערקע, אַ שדכנ'טע צווישען דיענסט־מיידלעך, זאָל קומען רעדען אַ שידוך אייער פּלימעניצע? אַ העזה אַביסעל, וואָס?

פּרומע. אוי, מיט אייך צו רעדען דאַרף מען דאָך עפּיס גאָר...

חיה פּעשע. שעמט אייך נישט, איהר מאָגט עס זאָגען, איך וועל מיך נישט בעליידיגען. וואָרום אין דר'אמת'ן וואָלט מיר נישט אריינגעקומען אויפ'ן קאָפּ אפילו, צו קומען צו אייך מיט אַ שידוך פאר אייער פּלימעניצע. וואָס האָב איך דאָ וואָס צו לייקע־נען — מיין סחורה איז נישט פאר איהר, מיין סחורה איז פון אַ גאַנץ ביליגען סאָרט. איך וויים גאַנץ גוט, אַז וואָס עס איז גוט פאר אַ יענטע דוואָשען, איז נישט גוט פאר פרומע ר' אהרנ'ס אַ פּלימעניצע, כאָטש אַן אָרימע יתומה.

פּרומע. און יעצט האָט זיך ביי אייך עפּיס געמאַכט פאר איהר?

חיה פעשע. ביי מיר אַליין האָט זיך גאָרנישט געמאַכט. מיר אַליין וואָלט דאָס אפילו אין חלום נישט איינגעפאַלען.

פרומע. אָבער איהר זייט'אָך געקומען מיט אַ שידוך פאַר איהר?

חיה פעשע. ווי זאָל איך אייך זאָגען? דער שידוך איז נישט מיינער, מיר איז ער נישט איינגעפאַלען.

פרומע. אוי, קרוינעלעך מיינע, זעה, אז מיך אַרט נישט, ווֶעמען ער איז איינגעפאַלען.

חיה פעשע. פערשטעהט איהר מיך, דאָס טרעפט זיך מיר צום ערסטען מאָל אין מיין לעבען. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב דאָך שוין אַ סך זאַכען איבערגעהאַט אויף מיין לעבען, אַז איך זאָל נעמען אַלץ אויסדערצעהלען, וואָס איך האָב איבערגעהאַט אויף מיין לעבען, וואָלט איך געדאַרפט נאָך אמאָל אַזוי־פיעל לעבען, אַז איך זאָל גאָר האָבען צייט דאָס איבערצודערצעהלען. אָבער אַזאַ זאַך טרעפט זיך מיר צום ערסטען מאָל.

פרומע. קרוינעלעך מיינע, הארצעלעך מיינע! מע וועט שוין באַלד קומען פון מעריב, און איך קאָן נאָך גאָר פון אייך קיין טאָלק נישט דערגעהן.

חיה פעשע. וואָס איז דאָ צו דערגעהן אַ טאָלק? וועט'ן קומען פון מעריב, וועט'ן אָנצינדען ליכט און מע וועט ווייטער רעדען. — איז אייער פלימעניצע גאָר אין דערהיים נישטאָ?

פרומע. זי איז אַוועק אויפ'ן בולוואַר. נאַ, און אָהן איהר, הייסט דאָס, ווילט איהר מיר נישט זאָגען, ווער, וואָס, וועמען.

חיה פעשע. ווי הייסט, איך וויל נישט? אַ ודאי וויל איך, און איך וועל עס אייך טאַקע זאָגען.

פרומע (אין כעס). ווייסט איהר גאָר וואָס? טשעפּעט זיך גאָר פון מיר אָב! איהר נודיעט מיר דאָך עפּיס אַרויס די נשמה. ווילט איהר רעדען, טו רעדט, אַז נישט, אַרט מיך אויך נישט. איך וועל דאָך פון אייך קריגען אַ קאַפּוועהטאָג.

ח י ה פ ע ש ע. אוי, פרומעטשקע, ווער עס ווינשט אייך אַ קאַפּוועהטאָג, זאָל איהם אַליין האָבען אויף דאָס גאנצע לעבען. איהר דארפט אָבער אויף מיר נישט אין כעס ווערען. אז איהר זאָלט וויסען די גאנצע מעשה, וואָלט איהר אָסור אין כעס געוואָרען אויף מיר, וואָס איך דרעה אייך כלומר'סט אַ קאָפּ. בקיצור, אַז איהר זאָגט מיר צו, אַז איהר וועט אויף מיר נישט אין כעס ווערען, וועל איך מיט אייך רעדען אָפענע דיבורים.

פ ר ו מ ע. וואָס זאָל איך עפּיס אין כעס ווערען אויף אייך? מיר וועט דער שידוך נישט געפעלען, וועל איך זאָגען ניין, און אוים געשעפט. אבי רעדט.

ח י ה פ ע ש ע. איהר דארפט אָבער וויסען, אַז נישט איך האָב דעם שידוך אויסגעטראכט. מי האָט מיך געשיקט, פארשטעהט איהר מיך. איך וויל, איהר זאָלט דאָס וויסען: מ י ה אָ ט מ י ך ג ע ש י ק ט. מיר וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאַלען...

פ ר ו מ ע. זעהט, ווי איהר האָט מורא צו זאָגען, ווער דער חתן איז. איהר ווילט'אָך איהר נישט רעדען אַ שידוך מיט אַן אנטלאָפענעם אַסטראָזשניק?

ח י ה פ ע ש ע. זאָל גאָט אויסהיטען! וואָס מיינט איהר עפּיס, און איך קען זיך דאָס מיט אנטלאָפענע אַסטראָזשניקעס? מיין סחורה איז אפילו פון ביליגען סאָרט, אָבער נישט קיין אנט־לאָפענע אַסטראָזשניקעס. און א י ך וויל איהר בכלל גאָרנישט רעדען. מי האָט מיך געשיקט, בין איך געגאַנגען.

פ ר ו מ ע. טיק זאָגט־זשע מיר, ווער האָט אייך געשיקט! וואָס דרעהט איהר מיר אַ קאָפּ, וואָס?

ח י ה פ ע ש ע. ווער זאָל דאָס זיין? אָט די גערעטענע סחורה... דער שמיעד... יענקעל דער שמיעד...

פ ר ו מ ע. ווער? יענקעל דער שמיעד? אָט דער...?

ח י ה פ ע ש ע. יאָ, יאָ, ער, ער אַליין. דער פיינער חברה־

מאן. איז געקומען צו לויפען צו מיר א פארסאפעטער, איך זאל שוים געהן צו אייך און רעדען דעם שידוך. איך האב איהם גע־וואלט אנשפייען א פולע צורה. ווי הייסט, זאג איך צו איהם, ביזט משוגע געווארען? מעהר פעהלט דיר שוים גארנישט? רב אהרנ'ס פלימעניצע דוקא, אן אנדערע שטעהט דיר נישט אן? — אזוי האב איך איהם געזאגט, ווי איהר זעהט מיך לעבען. וואס, איך וועל מיך עפים שעמען פאר איהם? — ווי ביזטו געקומען אויף דארויף? האב איך איהם געזאגט. דו ביזט אזא און אזא, דו וייסט'אך, וואס דו ביזט, האב איך איהם געזאגט, און זי איז אזא כשר קינד, אזא טייער קינד, אזא גאלדענער נפש?!... זאגט ער צו מיר: איהר געהט, וואס ארט אייך. אז אבזאגען, זאלען זיי מיר דארטין אבזאגען, נישט איהר. דאס איז נישט אייער גע־שעפט. זאג איך צו איהם: ווי הייסט, איך וועל געהן? איך זאל געהן און מי זאל מיך ארויסווארפען פון אלע טירען? מי וועט מיך דארטין דאך אייך ווייס נישט וואס, און זיי וועלען זיין גע־רעכט. אזוי האב איך איהם געזאגט. גאנץ פשוט. וואס האב איך וואס מורא צו האבען פאר אזא שטיק גארנישט? ענטפערט ער מיר: איהר געהט נאר, איך וועל אייך גוט בעצאהלען פאר אלץ. און אז מי וועט אייך דארטען צופלעטען דעם מוח, בין איך דאך עפים א שמיעד, וועל איך איהם אייך שוים מאכען גאנץ. וויל איך דאך אויסגיסען צו איהם אלע בייזע חלומות, מאכט ער קיין טענות נישט און ווארפט אויף מיר ארויף מיין „קאטינקע" און שטופט מיך ארוים פון שטוב און ברייגנגט מיר אזש ביז אהער. נו, וואס זאגט איהר דערצו? ביז'ן בריקעל האט ער מיך צוגעפיהרט, און איך בין א בעלן צו וועטען, אז ער שטעהט דארטין אצינד און ווארט.

פרומע. זעהט, האט מען נישט אנגעצונדען אין בית־מדרש קיין ליכט?

חיה פעשע. א ודאי האט מען שוים אנגעצונדען.

פרומע. דאַרף מען שוים אויך אָנצינדען. (העבט אָן צו זאָגען „גאָט פון אברהם“.)

חיה פעשע. אוי, אז איהר האָט מיך נאָך נישט ארויס־געטריבען, איז דאָך דאָס עפּיס א שטיקעל נס. אוי, איך וואָלט עפּיס איצטער א גאנצען תהלים אָבגעזאָגט! (זאָגט אויך „גאָט פון אברהם“.)

פרומע (געהט אַרויס, ברייננט אַריין אַ שוועבעלע, רייבט זי אָן און צינדט אָן די הייגגלאָמפּ). א גוטע וואָך!

חיה פעשע (ענדיגענדיג די תפלה). א גוטע וואָך, א גוט יאָהר, עס זאָל עפּיס זיין א מזל'דיגע וואָך, א פרעהליכע וואָך... איך וויים, אפשר... אבי איהר האָט מיך נישט אַרויסגעטריבען, איז... איך ווייס?

פרומע (עוסק'נדיג זיך מיט דער לאָמפּ, וועלכע וויל עפּיס נישט גוט ברענען). איך בין אפילו נישט קיין גוטע, אָבער ארויס־טרייבען האָב איך נאָך קיינעם נישט ארויסגעטריבען.

חיה פעשע. אַז איך זאָג אייך, עס האָט אויף מיר גע־ציטערט די הויט. ווען ער וואָלט מיך נישט געשטופּט אהער מיט ג'וואַלט, אַז אָסור אויב איך וואָלט געגאַנגען.

פרומע. וואָס איז ער משוגע געוואָרען? וואָס האָט זיך איהם מיט אמאָל פאַרוואָלט טאמארע?

חיה פעשע. זאָל איך אזוי וויסען פון איהם. ער האָט מיר עפּיס געזאָגט? איך האָב דאָס איהם אויך געפרעגט, האָט ער מיר דען געענטפערט? איך האָב איהם אָנגעהויבען אויסצו־רעכענען פארשיעדענע כלות, מיידלעך פון זיינס גלייכען, איך וויים, ישראל דעם קצב'ס מיידעל, אפרים דעם שניידער'ס, מיכל דעם שוסטער'ס, ענטפערט ער מיר, אז די מיידלעך קאָן ער אַליין קריגען, צו זיי דאַרף ער מיך נישט האָבען. טיק קריג זיי דיר, זאָג איך איהם, וואָס האָט דיר אָנגעשפּאַרט דוקא רב אהרנ'ס פלימעניצע? האָט ער מיר דען געענטפערט? ער האָט מיך גע־

שטופט! ער האָט מיך אַזוי אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנד, איז אַז ער האָט זי מיר נישט איבערגעבראָכען, איז טאַקי אַ נס מן השמים.

פרומע. ער איז דאכט זיך אַ גרויסער פאַרדיענער?

חיה פעשע. צו איז ער אַ פאַרדיענער? הע־הע! ווען ער וואָלט נאָר נישט געוועזען אַזא שאָלטיק, ווער וואָלט דען געוועזען צו איהם גלייך? יענער איז שטענדיג פאַרוואָרפען מיט אַרבייט. וואָלט ער נאָר אַזא מענש געוועזען, ווי אַ ווייב וואָלט שוין פאַר איהם געגעסען ברויט מיט'ן פולען מויל.

פרומע. און אַזא חברה־מאַן וויל דאָך מסתמא נדן אויך?

חיה פעשע. פון ועמען? פון אייער פלימעניצע? אַ קאָפּקע נישט. אַזוי האָט ער געזאָגט. ווי זי שטעהט און געהט, וויל ער זי נעמען. אפילו קיין חתן־מתנות וויל ער נישט. דערפאַר אָבער וועט ער איהר אָנקויפען...

פרומע. זיין טאַטע איז, דאַכט זיך... וואַרט, אויב איך האָב קיין טעות נישט...

חיה פעשע. ווער זאָל זיין זיין טאַטע? ער שטאַמט נישט אָב פון אַזא גרויסען יחוס. זיין טאַטע איז שמחה דער בעל־עגלה.

פרומע. אַ שיינער יחוס, נישטאָ וואָס צו זאָגען.

חיה פעשע. הערט, אָט דאָס איז דאָך די מעשה! וואָס דען האָב איך אַזוי מורא געהאַט צו געהן צו אייך? איהר דאַרפט וויסען, אַז איך בין גאָר קיין שרעקעדיגע נישט, אָבער מ'דאַרף דאָך וויסען, וואו דער חמור שטעהט.

פרומע. און וואָס איז ער אַזוי פאַר אַ מענש?

חיה פעשע. וואָס זאָל ער זיין פאַר אַ מענש? איהר האָט'אָך מסתמא געהערט? אַ טרינקער, אַ... אָבער זעהט נאָר, פרומעטשקע, געזונד און שטאַרק זאָלט איהר מיר זיין, איהר פרעגט זיך פאַרנאַנדער, אַקוראַט ווי איהר וואָלט טאַקי... זעהט נאָר, איך בעט אייך, אויב אַזוי, טאָ לאָ'מיר טאַקי רעדען קלאָרע

דבורים. וואָס, איהר ווילט טאַקי, איך זאָל אייער פּלימעניצע רע־דען דעם שידוך?

פּרומע. וואָס הייסט, איך וויל? וואָס האָב איך דאָ וואָס צו ווע‏לען? זי איז עפּעס מיין טאָכטער? איך גיב איהר עפּעס נדן? זי איז א יתומה און אויף זיך אליין א בעל־הבית'טע, און וואָס זי וועט וועלען, וועט זי טאָן. און אז איך וועל נישט וועלען, איז וואָס? זי איז שוין קיין נפל'ע נישט...

חיה פּעשע. זעהט א טשעקאַוועס, האָט זיך מיר גאָר וועןגעחלום'ט, אז איך זאָל ביי אייך פאַרדיענען שדכנות?

פּרומע. ביי מיר וועט איהר סיי־ווי־סיי קיין שדכנות נישט פאַרדיענען. ערשטענס אוועק. שדכנות זאָל ער אייך שוין בעצאָהלען.

חיה פּעשע. איך מיין טאַקי —

פּרומע. און צווייטענס, וואַרט־זשע אויס, ביז איהר וועט הערען, וואָס זי וועט אייך זאָגען.

חיה פּעשע. ווי הייסט? א נאַר וועט זי זיין, ווען זי וועט זיך נישט אָנכאַפּען מיטביידע הענד. וואָס מיינט איהר, אזעלכע חתנים וואַלגערן זיך עפּיס אין די גאַסען? שיין איז ער דאָך, אז מ'קאָן זיך אין זיין פּנים נישט איינקוקען, ווי אין דער זון. דאָס האָב איך דאָך אייך נישט וואָס אָבצומאָלען, איהר האָט'ן דאָך מסתמא געזעהן. שיין און געזונד, בלוט און מילך, אז א חיות אויף איהם צו קוקען. זיי ווערען דאָך אלע זיין כפּרה. און א גוטער איז ער — מדינות אויסצופאַהרען. וואָס ער פאַרדיענט, צוטיילט ער דאָך...

פּרומע. הייגט וואו נעמט ער אויף צו טרינקען?

חיה פּעשע. צו טרינקען! איהר מיינט, ד'ר'אמת'ן, אז ער איז דאָס דער גרויסער שכור? וואָס איהם פעהלט נאָך צו א גרויסען שכור, זאָל דאָס צוקומען אונזער פּאָליצמייסטער, דעם צורר. אָט גלאַט, א פאַרדיענער איז ער, און קיין ווייב און קיין

קינדער האָט ער אויף זיך נישט, איז גיט ער זיך אמאָל א לעב. אָט, ער וועט חתונה האָבען...

פ ר ו מ ע. וואַרט, איז נישט עמיץ אריין אין שטוב? (זי געהט צו דער טיר.) טאמארע, דו?

ש ט י מ ע (פון א צווייטען צימער). יאָ.

פ ר ו מ ע. קום אהער אריין אויף א ווײלע.

ד י ש ט י מ ע. גלייך.

פ ר ו מ ע (העבט אָן אומצוגעהן איבער'ן צימער. — שווייגען).

ט א מ א ר ע (קומט אריין, פעררינכטענדיג מיט די הענד איהרע האָר). גוט וואָך.

פ ר ו מ ע. גוט יאָהר.

ח י ה פ ע ש ע. אָט איז זי טאקי אליין. א גוט וואָך, א גוט יאָהר אייך, טאמארעטשקע!

ט א מ א ר ע. וואָס עפּיס: „אָט איז זי אליין“?

ח י ה פ ע ש ע. מסתמא האָט'ן גערעדט פון אייך.

ט א מ א ר ע. גוטס? שלעכטס?

ח י ה פ ע ש ע. שלעכטס. אלץ הייסט, שלעכטס. מען האָט אייך קיין איין גאנץ ביינדעל נישט איבערגעלאָזען. האָט אייך גאָר אין די אויערען נישט געקלונגען?

ט א מ א ר ע. איך האָב מיך נישט צוגעהערט.

ח י ה פ ע ש ע. אויפ'ן בולוואר זיינען די אויגען אזוי פאַר־נומען, אז מ'פארגעסט די אויערען. אָבער ווען איהר וואָלט גע־וואוסט, וואָס מיר האָבען דאָ גערעדט, וואָלט איהר זיך שוים צוגעהערט.

ט א מ א ר ע. אפשר יאָ און אפשר נישט.

פ ר ו מ ע. זי איז דיר געקומען רעדען א שידוך — און ווייסט, מיט וועמען?

ח י ה פ ע ש ע. געזונד זאָלט איהר מיר זיין, פרומעטשקע, איהר קאָנט קיין שדכנ'טע ניט זיין. דאָס לאָזט שוים מיך. מיר וועלען רעדען, וועלען מיר זיך דעררעדען. וואָס גלאט נעמען און

אריינפאלען ווי א יאָוועו אין סוכה? אז מען זאָגט א מיידעל: איך קום דיר רעדען א שידוך, קאָן זי גאָר כאַפּען און אנטלויפען. ווארום שייכות צו זאָגען, וועלכע מיידעל וויל דאָס חתונה האָבען? זיי שעמען זיך גאָר צו הערען וועגען אזעלכע זאכען.

טאמארע. נו, אז איך בין נישט אנטלאָפען, מאָגט איהר דאָך מאכע אביסעל בקיצור.

חיה פעשע. בקיצור! שייך, בקיצור? מיר שטעהען דאָך נישט אויפ'ן פראָסט. אָט, לאָ'מיר עס מאכען, ווי צווישען אונז אידענעס פיהרט זיך — טאקע מיט נייען מאָס רעד.

טאמארע. ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָלט איך שוים בעסער געבליבען לייגער אויפ'ן בולוואר.

פרומע. לייגער נאָך? וועניג זיך אָנגעשפאצירט? דער פעטער קומט גלייך פון מעריב און מע דארף אויפשטעלען דעם סאמאָוואר. יענטע דוואָשע פארגעסט'אָך אויך, אז זי דארף קומען אהיים.

טאמארע. וועל איך געהן אויפשטעלען דעם סאמאָוואר.

חיה פעשע. ניין, איהר הערט מיך שוים אויס. דער סאַמאָוואר וועט נישט אנטלויפען, און דאָרטין קאָן זיין שטעהט א מענש און ווארט. וואָרום איהר דארפט וויסען, אז מי האָט מיך געשיקט אהער, מיט געוואלט גענומען און ארויסגעשטופט מיך אהער — אזוי האָט עס יענעם אָנגעשפארט צו האָבען אייך פאר א כלה.

פרומע. בקיצור, דאָס איז יענקעל דער שמיעד...

טאמארע. ווער?!

פרומע. יענקעל דער שמיעד, און זאָל זיין א מעשה מיט א סוף. קענסט'אָך איהם, האָסט'אָך מסתמא וועגען איהם געהערט, איז געפעלט ער דיר, זאָג יאָ, און זאָל זיין מיט מזל; געפעלט ער דיר נישט, טאָ זאָג ניין, און געה און שטעל אויף דעם סאמאָוואר.

חיה פעשע. אָבער פרומעטשקע, טייערינקע, הארצינקע, איהר קאָנט'אָך מיר אזוי קאליע מאכען דעם גאנצען שידוך.

פרומע. איך האב פיינט, אז מי באלאקעט גלאט אזוי. וואס איז דא פאראן צו רעדען מיט קונצען? זי איז קיין קינד נישט, זי ווייס גאנץ גוט, אז חיים סימען'ס זוהן וועט זיך צו איהר נישט שדכנען, און פאליאקאווס אויך נישט, און רויטשילד אודאי נישט, איז נישטא וואס צו רעדען. א יתומה אהן נדן האט זיך נישט וואס איבערצונעמען. און אז מיך ארט נישט דער יחוס...

טאמארע (וועלכע איז געשטאנען די גאנצע צייט ווי פערגליווערט, רעדט קוים ארויס). יא, דער עיקר זייט איהר, דאס ווייס איך.

פרומע. וואס הייסט, דער עיקר בין איך? וואס ווייסטו? וואס? — דו זאג נאר מיר, וואס וועט זיין דער סוף פון דיין זיצען ביי מיר? וואס וועט זיין דער תכלית? וואס וועסטו אויס־זיצען? איך האב עפיס פון וואנען דיך אויסצוהאלטען?

טאמארע. אז איך האב צו אייך קיין טענות נישט.

פרומע. א דאנק דיר דערפאר! האסט נאך געדארפט צו מיר טענות האבען! איך פרעג דיך מעהר נישט, ווי לאנג וועסטו נאך זיצען אזוי ביי מיר אויפ'ן קארק? איז אז עס קומט איינער און וויל דיך נעמען ווי דו שטעהסט און געהסט, איז נישטא וואס איבערצוטראכטען.

חיה פעשע. ווי איהר שטעהט און געהט וויל ער אייך נעמען, ווי איהר זעהט מיך לעבען. און מתנות האט ער צוגעזאגט און וואס ווילט איהר נישט. עס האט איהם אזוי אנגעכאפט, אז ער האט מיך מיט גוואלט געשלעפט אהער. אקוראט ווי איהר וואלט איהם עפיס אונטערגעגעבען ליוביזניק. ביז'ן בריקעל האט ער מיך דאך צוגעפיהרט, און איז געבליבען שטעהן און היטען, צו וועל איך ארייו צו אייך. ער שטעהט דארטין נאך א ודאי אוןווארט, ביז איך וועל ארויסקומען צוריק.

טאמארע (געהט צו מאשינעל צום לינקען פענסטער און קוקט ארויס אין גאס).

חיה פעשע. וואס, מע זעהט איהם דארטין? ס'איז

פינסטער, אז נישט, וואָלט איהר איהם שוים מסתמא דאָרטין געזעהן.

טאמארע (קערט זיך אָב פון פענסטער). געהט, זאָגט איהם, אז...

חיה פעשע. אז—אז—אז?...

טאמארע (שטיל). אז — — גוט.

חיה פעשע (איבעררײשט, גיט א פּאַטש מיט די הענד). גאָטוניו, טאטעלעך, זעהט נאָר, אוי, איך גלויב דאָך גאָר מיינע אויערען נישט!

פרומע. איך מיין, דו דארפסט דיר גוט איבערלעגען. נויטען נויט איך דיך דאָך נישט. דו ווייסט'אָך א ודאי, וואָס פאר א מענש ער איז?

טאמארע. וואָס מאכט עס אויס, מומע. וואָס האָט אַן אָרימע יתומה וואָס איבערצוקלעגען?

פרומע. זעה, טו נאָר א קוק, וואָס בין איך אויסען געוועזען מיט די ווערטער?

טאמארע. איך האָב צו אייך גאָרנישט, מומע.

פרומע. און אז דו האָסט יאָ צו מיר עפּעס, מיינסטו, ארט מיך א סך?

טאמארע. איז א ודאי נישטאָ וואָס צו רעדען.

פרומע. די גרויסע רעות, וואָס דו האָסט געהאט פון מיר! ווענינ דיך נאָך אויסגעהאלטען!

טאמארע. ווער האָט אייך ווען עס איז וואָס געזאָגט?

חיה פעשע. אוי, קרוינעלעך מיינע, זעהט נאָר, איך בין דאָך עפּים געבליבען זיצען ווי א ליימענער גולם! וואָס זיץ איך, וואָס? איך דארף דאָך לויפען צו איהם. איז זאָל איך איהם טאקע זאָגען?

טאמארע. איהר'ט'אָך געהערט וואָס.

חיה פעשע. אוי, ער ועט'אָך מיר אָנטאָן א גאָלדענע

קרוין! איז הייסט עס קאָן ער קומען נאָך היינט, זאָגען מיר, צו א קנין?

פרומע. וואָס איז די איילענים? איילען זיך איז נישטאָ וואָס.

חיה פעשע. וואָס איז דאָ פאראן וואָס אָפּצולעגען? אז אויב יאָ, פאר וואָס טאקי נישט גלייך א קנין? אוי, רבונו של עולם, אוי, וואָס אלץ קאָן זיך מאכען! אוי, איך וועל דאָך לויפען צו איהם, ווי שדים וואָלטען מיך געטריבען, אוי... א גוטע וואָך אייך דערווייל! (איילט אוועק.)

פרומע. וואָס איז דאָ טאקע געוועזען פאר אן איילענים?

טאמארע. איך געה אויפשטעלען דעם סאמאָוואר.

פרומע. וואָס ביזטו מיר אזוי אָנגעבלאָזען? אקוראט אין ד'ר'אמת'ן, ווי איך וואָלט דיך עפּיס געצוואונגען.

טאמארע (געהט צו דער טיר).

רב אהרן (קומט אריין). גוט וואָך. וואָס איז עפּיס פינסטער אין סטאָלאָווע? און ווער איז דאָס ארויסגעלאָפען פון שטוב ווי א משוגענע?

פרומע. חיה פעשע די מעקלערקע. (צו טאמארען.) געה ברייננ אריין צו מאכען הבדלה.

טאמארע (געהט ארויס).

פרומע (דעקט אויף א ברעג טיש). קאָנסט שוין אָפּגעבען טאמארען א מזל טוב. חיה פעשע איז דאָ געוועזען א שידוך רעדען איהר — דער חתן האָט זי אליין געשיקט, און אונזערע איז מוסכם געוואָרען.

רב אהרן. נו, זאָל זיין מיט מזל. ווער איז דער חתן?

פרומע. דער חתן איז אפילו נישט אזא אנטיקעל, נאָר מילא, אבי זי וויל איהם.

טאמארע (קומט אריין מיט א פלעשעל רויטען וויין, א בעכער, א הדס'ל און דעם הבדלה־ליכט).

רב אהרן. ווער איז ער?

פרומע. אט מאך אב א־פריער הבדלה.

רב אהרן. וואס האסטו מורא אנצורופען מיר דעם חתן?

טאמארע. יענקעל דער שמיעד.

רב אהרן. ווער? ווער, האסטו געזאגט? יענקעל?!

טאמארע. איז וואס האט איהר אייך אזוי דערשראקען, פעטער? אייך שטעהט אפשר דער יחוס נישט אן?

רב אהרן. אט מיט דעם?... מיט איהם?... ער איז דאך... מסתמא לצנות! (קוקט אויף פרומען.)

פרומע (בייז). נישט קיין לצנות! נישט קיין לצנות! מאך הבדלה, מאך! ווי לאנג וועל איך נאך ווארטען?

רב אהרן (גיעסט אן וויין אין בעכער). איך וועל אייך נישט גלויבען, אז איהר וועט מיר אפילו איך וויים נישט וואס.

טאמארע. איהר וועט שוין גלויבען, פעטער, אז ער וועט באלד קומען אהער. וואס איז, ער געפעלט אייך אפשר נישט? מיר געפעלט ער זעהר שטארק, און דער מומען אויך.

רב אהרן. ער איז דאך... נו, אה... איהר האט דאך געמאגט א־פריער פרעגען ביי מיר אויך. וואס איז דאס געוועזען פאר אן איילענים?

פרומע. מאך שוין הבדלה, מאך, דו וועסט שוין דער־רעדען שפעטער. האב איך ביי איהר נישט געפרעגט, וואס איז די איילענים?

רב אהרן. אה, נו... ווי טוט מען עפים אב אזא זאך? ער איז דאך... וועה, אה... הנה אל ישועתי... (מאכט הבדלה, אונ־טערברעכענדיג זיך אפט מיט אונצופריעדענהייטס־ און פערוואונדערונגס־אויסרופען. נאך דער הבדלה ווינשען זיי זיך אלע צו א „גוט־וואך“.)

רב אהרן. אה... ד׳מיין... האסט געהערט א חתן? יענקעל דער שמיעד!

טאמארע (נעמט צו די הבדלה־זאכען און געהט ארוים).

רב אהרן. טאקע, וואס איז די מעשה — איז דאס טאקע אמת?

פרומע. ווער זאָגט דיר ליגען, ווער?

רב אהרן. איז וואָס איז דאָס פאַר אַן אופן?

פרומע. וואָס זאָל דאָס זיין פאַר אַן אופן? עס האָט איהר אָנגעשפּארט און פאַרטיג.

רב אהרן. ווי הייסט, עס האָט איהר אָנגעשפּארט? ווי מאָגען מיר גאָר דערלאָזען אזא זאַך?

פרומע. וואָס דערלאָזען, וואָס? זי פרעגט עפּיס ביי דיר עצות? זי איז א יתומה און מאָג טאָן מיט זיך וואָס זי וויל.

רב אהרן. ווי הייסט? און אז זי וועט וועלען נעמען א שטריק און אויפהייגגען זיך, מאָגען מיר עס אויך דערלאָזען? האָסט געהערט א חתן פאַר איהר? יענקעל דער שמיעד! אזא מנוול, אזא שטיק גאָר נישט... א—א — איך בעט דיך איבער פאַר די רעד — אזא מיידעלניק, אזא שיכור...

פרומע. זי וויים עס דען נישט? וואָס האָסטו זיך צו־שריען, וואָס, משוגענער? האָסט פאַר איהר עפּיס אַן אנדער חתן? קאָנסט איהר געבען נדן? און ער וויל זי נעמען, ווי זי שטעהט און געהט!

רב אהרן. דאַרפען מיר זי דערפאַר, הייסט עס, אוועק־געבען א איך ווייס נישט וועמען, אַן אויסוואורף, א...

פרומע. טו נאָר אויף איהם א קוק: מיר געבען זי שוין אוועק! ווי הייסט, מיר געבען זי אוועק? זי האָט זיך דאָך אליין אָנגעכאפּט אָן איהם! דו ווייסט'אָך שוין נישט, וואָס דו רעדסט.

רב אהרן. ווי הייסט, זי האָט זיך אָנגעכאפּט? ווי האָט זי זיך גאָר געקאָנט אָנכאפּען?

פרומע. „ווי האָט זי זיך גאָר געקאָנט אָנכאפּען?" „ווי האָט זי זיך גאָר געקאָנט אָנכאפּען?" וואָס איז זי עפּיס? א קליין מיידעלע? א פּיטשינקע איז זי, וואָס? זי איז שוים, אָהן עין הרע, א מויד אין די יאָהרען און פאַרשטעהט, אז איינער איז בעסער ווי קיינער. וואָס וועט זי אויסזיצען, וואָס? אויף וואָס וועט זי וואַרטען, אויף וואָס? און ווייעדער גערעדט, וואָס מאכסטו דאָ

פאר א רעש? א פארדיענער איז ער? געלט האט ער? אי, וואס ער איז דארטין נישט אזא גרויסער צדיק, וועט זי דאך זיין זיין ווייב, טא זאל זי איהם איבערמאכען. און זי איז א סחורה, ניש־קשה. זי וועט איהם ארומוויקלען ארום פינגער אט ווי ער איז דארטין איך וויים וואס.

רב אהרן. דעם שיכור, דעם מיידעלניק, דעם...

פרומע. אז ער וויל חתונה האבען, איז א סימן, אז ער וויל אויפהערען צו זיין דאס, וואס ער איז געוועזען.

רב אהרן. איז ביי דיר, הייסט עס, איז עס א גלייכער שידוך? איז ביי דיר, הייסט עס...

פרומע. וואס ביי מיר, וואס? אוי—אוי—אוי! וואס רעד איך דא מיט דיר, וואס?

רב אהרן. מילא, זי איז דאך דיין פלימעניצע, איך מיין, דיין ברודער׳ס טאכטער. נאר זאגען זאג איך דיר, אז ווען זי וואלט נישט געהאט דיך פאר א מומען...

פרומע. וואס בין איך שוים דא, וואס? וואס האסט זעך צוגעטשעפעט צו מיר? יענע האט זיך אנגעכאפט, בין איך דא שולדיג! איך צווינג זי עפים? האט זי געזאלט נעמען דעם אויסגעוויקטען ישיבה בחור, ווען זי איז געוועזען ביי איהר טאטען.

רב אהרן. הערסט, איז וואס האסטו אויסגעפיהרט? דאס זאג איך דאך, אז ווען זי וואלט דיך נישט געהאט פאר א מו־מען און וואלט נישט געדארפט אנקומען צו דיין לאסקע, וואלט זי... אז איך רעד שוים נישט וועגען יחוס, מיך ארט שוים נישט, וואס ער איז א שמיעד, מיך ארט שוים נישט זיין טאטע דער בעל עגלה — איך וועל שוים זאגען, ווי דו זאגסט: א יתומה, אהן נדן, אן ארים מיידעל, מילא! אבער גלאט, ווי קומט אזא עהרליך און כשר קינד צו אזא מין אויסוואורף? ווי קאן זי איהם גאר וועלען? אז... אז... אז ער איז גאר קיין איד נישט! ווילסטו מיך איינ־שמועסען, אז זי האט זיך אנגעכאפט אן איהם מיט׳ן גוטען ווילען? אז... נא!

טאַמאַרע (קומט אַריין. זי האָט פערוויינטע אויגען).

פרומע. ווי שטעהט'ס מיט'ן טיי?

טאַמאַרע. יענטע דוואָשע איז געקומען.

פרומע. וואָס האָט שוין דאָרטין ביי דיר גערעגענט פון די אויגען, וואָס?

רב אהרן. האָסט געהערט א שידוך? יענקעל דער שמיעד! אָבער גאָרנישט, האָסט נישט וואָס צו וויינען. ער'ט קומען, וועט ער אוועקגעהן. איך וואָלט וועלען גלאט וויסען, ווי קומט ער גאָר אויף דעם געדאַנק, צו שדכענען זיך צו דיר? אזא העזה פון אזא שטיק מנוול!

טאַמאַרע. פעטער, זידעלט איהם נישט, ווארום ער וועט ווערען מיין חתן.

רב אהרן. וואָס איז דאָס פאר א ווערטער? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? ווי הייסט, ער וועט ווערען דיין חתן? ער וועט עס ווערען מיט געוואַלט?

טאַמאַרע. מיט געוואַלט נישט, אָבער...

פרומע. איז וואָס האָסטו דאָרטין געוויינט, וואָס?

רב אהרן (נעמענדיג דעם סידור פון אלמער צו זאָגען „ויתן לך"). זעהסט, מיין טאָכטער, איך זאָג עס דער מומען אין די אויגען, זי איז טאקי א שלעכטע, אָבער...

פרומע. איך געפעל דיר נישט, איז טאָמער וועסטו זיך מיט מיר צו'גט'ן? א שלעכטע בין איך! די גרויסע שלעכטס, וואָס איך האָב איהר דאָ אָנגעטאָן! איך האָב איהר עסען נישט געגעבען! אליין האָב איך געגעסען און געטרונקען פון פויגעל-מילך, און זי האָט נעביך ביי מיר געהונגערט!

רב אהרן (צו טאַמאַרען). אָבער, פארשטעהסט, דאָס וויל איך דיר טאקי זאָגען — אזוי שלעכט, אז דו זאָלסט דארפען אנטלויפען פון אונז צו יענקעל דעם שמיעד, איז נאָך דיר ביי אונז נישט.

טאמארע. איך וויל נישט אנטלויפען און איך האב נישט געזאגט, אז מיר איז ביי אייך שלעכט.

רב אהרן. ניין, איך מיין אין ד'ר'אמת'ן. פארשטעהסט, איז גארנישט. איז נישטא וואס צו אנטלויפען, איז נישטא וואס ארויסצוכאפען זיך ווי פון א פייער. דו ביזט נאך נישט אזוי אלט, דו קאנסט נאך ביי אונז זיצען, ביז עס וועט קומען דיין אמת'ער בעשערטער, עפּיס א לייטישער מענש.

טאמארע. אז מיך ארט נישט יענקעל.

פרומע. נו, איז האסטו וואס צו רעדען מיט איהר?

רב אהרן. ווי הייסט, דיך ארט נישט יענקעל? דו ווייסט, וואס דו זאגסט? דו ווייסט דען, וואס פאר א מענש ער איז? ער איז... הם! מע טאר דאך איהם אין א אידישע שטוב נישט אריינלאזען! ווייסטו דאס כאטש?

טאמארע. איך ווייס.

רב אהרן. איז נו?

טאמארע. איך ווייס אלץ וועגען יענקלען, איך ווייס נאך אפשר מעהר ווי איהר, און דאך...

פרומע (איראניש). ער איז דאך אזא שיינער.

טאמארע. וואס מיינט איהר, מומע, דאס איז שוין גראד קיין חסרון נישט.

פרומע (צו רב אהרנ'ען). זעהסטו, הא? וואס ווילסטו נאך מעהר?

רב אהרן. זיין שיינקייט קוילעט דאך איהם אוועק. דערפאר איז ער דאך אזוי אויסגעלאסען... איך זאג דיר, איך בין שוין מוחל אלץ, וואס ער איז געוועזען, איך האב אבער מורא, אז ער וועט נישט בעסער ווערען, אז ער וועט בלייבען דערזעלבער שאלטיק נאך דער חתונה ווי פאר דער חתונה, אז... אז ער איז דאך עפּיס גאר קיין מענש נישט.

טאמארע (זיפצט אויף). פאר דאס האב איך דאס אויך מורא. איך האב זיכער נישט געוויינט איבער דאס, וואס ער איז

געוועזען ביז אהער; איך האָב אויך נישט געוויינט, וואָס ער איז א שמיעד, וואָס ער שטאַמט נישט פון גרויסען יחוס. ער איז מיר טויזענד מאָל ליעבער, ווי דער אויסגעווייקטער ישיבה בחור...

פרומע (צו רב אהרנ׳ען). נו, הא?

טאמארע. וואָס זאָל איך דאָ לייקענען? איך וויים, אז ער האָט א סך גוטע מעלות אין זיך, אז אלע, ווער עס פערקערט נאָר מיט איהם, האָבען איהם ליעב. אָבער איך וואָלט נישט גע־וואָלט דערלעבען צו זעהן איהם קומען א שיכור׳ער א היים, און איך וואָלט נישט געוואָלט זעהן נאָך א סך זאכען.

רב אהרן. איז וואָס דארפסטו קריכען מיט א געזונטען קאָפּ אין א קראנקען בעט?

טאמארע (מיט א זיפץ). מילא, וועל איך ריזיקירען. יעדער שידוך איז דאָך אן איינשטעלענים. (מיט נצחון.) אָבער ווי געפעלט אייך, וואָס פון אלע מיידלעך האָט ער מיך אויסגעקליבען?

רב אהרן. א נאר איז ער, וואָס? ער וויים שוין, וואָס א מיידעל איז. און אזא מיידעל ווי דו...

פרומע. זעה נאָר, זעה נאָר... קוק נאָר אן דעם אלטען אידען! סליונקעס רינען איהם שוים באלד פון מויל.

טאמארע. איז וואָס ארט אייך, פעטער, עס וועט שוין זיין גוט, איך וועל שוים... איך וועל שוים מאכען פון איהם א מענש! איהר וועט זעהן, פעטער...

פרומע. שא, עפענט נישט עמיצער די טיר? (מען הערט חיה פעשעס שטימע און נאָך אנדערע שטימען.)

פרומע. דאָס קומען זיי שוים.

טאמארע (ווערט שטארק אויפגערעגט, סטארעט זיך אָבער אָנ־צונעמען א רוהיג געזיכט).

רב אהרן. זעה, און איך האָב נאָך מיינע „זמרות“ נישט געזאָגט. (עס קומט אריין חיה פעשע, נאָך איהר יענקעל, און נאָך איהם שמחה מיט מאריאשען. מען בעגריסט זיך. גוט וואָך! גוט יאָהר!)

חיה פעשע. אַט איז דאָ אי דער חתן, אי די מחותנים. מיר האָבען דאָס געמאכט אויף גיך.

פרומע. זעצט זיך, נעמט פּלאַץ.

יענקעל (זעצט זיך אויף דעם פאַטערשטול פאָרענט ביי דער רעכטער וואַנד, בעטראכט דאָס צימער און ווארפט פארבייגעהענדיג בליקען אויף מאמארען).

מאריאשע (זעצט זיך מיט א זיפץ אויף א שטול ביי דער לינקער וואנד און שפּארט אונטער דעם קאָפּ מיט דער רעכטער האנד).

שמחה (זעצט זיך נישט וויט פון מאריאשען, מעלה־גרה'נדיג מיט זיין צאָנלאָזען מויל און אַרויסגעבענדיג פון זיך פערלעגענהייטס־טענער). הם, הם, בע.

חיה פעשע (זעצענדיג זיך אויף א פאַטערשטול אין הינ־טערגרונד). זעהט איהר איהם, הא? אַט קאָן ער גאָר קיין צוויי נישט צעהלען, האָט זיך אוועקגעזעצט ווי א סטאטיק.

מאריאשע (מיט א זיפץ). יאָ, א סטאטיק! אויף שונאי ציון געזאָגט געוואָרען.

יענקעל (לאכט פערלעגען). א גוטע רעקאָמענדאציע.

רב אהרן (קומט צו צו שמחה'ן). אזוי, רב שמחה, ווילט איהר דאָס ווערען מיט מיר א מחותן?

שמחה (מעלה־גרה'נדיג). הם, הם, בע! ד'וויל! וואָס שייך? ער וויל, ער טוט.

מאריאשע. אז ער איז אריינגעפאַלען ווי א פאר'סם'טער — ווי א פאר'סם'טער איז ער דאָך אריינגעפאלען — מיר זאָלען געהן מיט איהם אהער, האָב איך דאָך געמיינט, אז ער רעדט אויס'ן וועג, שונאי ישראל. ווען חיה פעשע וואָלט מיט איהם נישט געוועזען און וואָלט אונז נישט דערצעהלט, וואָלט איך אויסגע־בייטעלט צו איהם אלע חלומות און וואָלט מיך פון אָרט נישט געריהרט. איך וואָלט עס אָנגענומען פאר איינעם פון זיינע גלייב־ווערטלעך און אויסנארעניסען. און איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיר גלויבט זיך דאָס נאָך אצינד אויך נישט.

פרומע. יאָ, אז מי איז אָרים, זיינען אַלע פון גלייכען יחוס.

מאריאשע. אז מיך וואונדערט גאָר, וואָס ט'צעך געפונען איינע, וואָס זאָל איהם ווע̇לען.

טאמארע (לאכט נערוועז אויף).

חיה פעשע. שאַ, שאַ, מאכט מיר דעם שידוך נישט קאַליע.

שמחה. שאַ! שאַ! צעך צורעדט! בהמה, פערד!

חיה פעשע (צו יענקלען). נו, וואָס האָסט צעך אוועקגעזעצט און שווייגסט ווי א חתן־בחור.

יענקעל. דאָס בין איך דאָך טאקי.

מאריאשע. מיט א מאָל איז ער געוואָרען א שעמעוודיגער.

חיה פעשע. איהר ווייסט, לאָמיר גאָר לאָזען חתן־כלה אליין, זיי זאָלען זיך דורכרעדען.

פרומע. קומט טאקע אלע אין סטאָלאָווע. זאָלען זיי זיך דאָ דורכרעדען.

רב אהרן. וואָס איז זיי דאָ צו לאָזען אליין? זיי קאָנען זיך זיצען דאָ, און מיר וועלען זיך זיצען דאָ. אָדער מיר קאָנען אלע געהן אין סטאָלאָווע. זיי וועלען זיך רעדען זייערס, און מיר וועלען זיך רעדען אונזערס. איך דאַרף נאָך זאָגען „ויתן לך“.

חיה פעשע. זעהט נאָר, זאָל איך אזוי געזונד זיין, ווי רב אהרן האָט מורא זיי צו לאָזען אליין.

רב אהרן. איך האָב מורא! ווי הייסט, איך האָב מורא!

מאריאשע. ער איז באלד נערעכט, אויף מיינע נאמנות!

פרומע. לאָ'מיר, נישט־קשה. מאכט איהם נישט פאר אזא איך וויים נישט וואָס. וואָס געוועזען, איז געוועזען. אצינד וועט ער ווערען א חתן, חתונה האָבען און וועט בעסער ווערען.

מאריאשע. בעסער ווערען! ער וועט בעסער ווערען! געפונען, ווער עס זאָל בעסער ווערען!

חיה פעשע. קומט, קומט. (צו מאריאשען.) הערט איהר, איהר האָט געמאָגט גאָר בלייבען אין דער היים.

שמחה (צו מאריאשען). דו שווייג! שווייג! בהמה! פערד! געה אהיים!

רב אהרן (קרעכצט). אך — אך... נא, מילא... ויתן לך אלהים מטל השמים ומשמני הארץ... (געהט ארויס.)

מאריאשע (קרעכצענדיג). שווייג, שווייג... דאָס אלץ. (געהט ארויס.)

שמחה. בהמה... בהמה... פערד... פערד... (אָב.)

חיה פעשע. האָסט געהערט, אַן אייגענע מאמע זאָל אזוי רעדען! (אָב.)

פרומע (געהט ארויס די לעצטע און לאָזט אָפען די טיר).

חיה פעשע (קומט צו און מאכט זי צו).

יענקעל (אין פערלעגענהייט, ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט די הענד, נעמט זיך אראָב דאָס היטעל, דרעהט עס א ווײַלע ארום, און שמייכעלט א פאָר מאָל אָב מיט א גאנץ פערלעגענעם שמייכעל, ווען ער טרעפט זיך מיט טאמארעס בליקען).

טאמארע (איז גאנץ רוהיג, זיצט אויפ'ן סאָפא אָנגעשפאר־טערהייט, בעגעגענט זיינע בליקען גאנץ פעסט און וואַרט, ער זאָל עפּיס זאָגען).

יענקעל (שמייכעלט אָב). עה, איך קאָן דאָך פאררויכערן א פאפיראָס? וועל איך עפּיס בעקומען דעם לשון. (וואַרט נישט אָב אויף אַן ענטפער, נעמט ארויס א פאָרטטאבאק און העבט אָן צו דרעהען א פאפיראָס.)

טאמארע (נאָך א קליינעם שווייגען). איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אז איהר זייט פון די שרעקעדיגע.

יענקעל (בענעצט דאָס פאפיראָסען־פאפיער מיט דער צונג). אָט אזוי, אָ, זאָגט אויך א וואָרט.

טאמארע. איך דאַרף דערצו נישט פאררויבערן קיין פאפיראָס.

יענקעל (רייבט אָן א שוועבעלע אן די הויזען און פערדרוי־כערט. האַרט הינטער דער טיר דערהערט זיך רב אהרן'ס „זמרות"). דער פעטער הערט זיך טאַקי צו, וואָס מיר רעדען.

טאַמאַרע. ער וועט נישט א סך אָנהערען.

יענקעל (לאַכט; רויכערט).

(שווייגען)

יענקעל. איהר... איהר... איהר'ט טאַקע באַלד מיינען, אז איך קאָן קיין צוויי נישט צעהלען.

טאַמאַרע. און אין ד'ר'אמת'ן?

יענקעל. קאָן איך שוין צעהלען איבער צוויי אויך. אין אַל'די רוחות, ווייס איך, די צונג געהט עפּיס נישט אַצינדערט.

טאַמאַרע. דער פּאַפּיראָס האָט אויך נישט געהאָלפען?

(שווייגען.)

טאַמאַרע (מיט א דורכדרינגענדען בליק, רוהיג). זאָגט מיר, פאַר וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלען צו שדכ'נען זיך צו מיר, און נאָך געטריבען חיה פעשען, זי זאָל געהן, וואָס גיכער?

יענקעל. אָט אזוי... אָט אזוי... אצינד וועל איך קאָנען רעדען. (פערלעשט דעם פּאַפּיראָס, שטעהט אויף, וואַרפט איהם אריין אין שפּייקעסטעל ביי דער טיר, און העבט אָן צו רעדען אין אויפרעגונג, שטאַרק וואַרפענדיג מיט די הענד.) איהר הערט'אָך, טאַמאַרע, איך... ווי זאָל איך אייך זאָגען?... הע, איך'ל מיך נישט קאָנען גוט אויסדרעהען. א כוואַראָבע, איך ווייס עפּיס נישט ווי צו רעדען, אז ס'זאָל עפּיס זיין... אָבער איהר'ט מיך שוין פאַרשטעהן. איהר הערט'אָך... איהר זאָגט מיר, פאַר וואָס האָב איך אוועקגעוואָרפען די לעצטע צייט אַלע מיינע פּאַסקודנע שטיק?

טאַמאַרע. איך ווייס גאָרנישט, אז איהר האָט זיי אוועקגעוואָרפען.

יענקעל. ווי איהר זעהט מיך א אידען, אז איך האָב זיי אוועקגעוואָרפען.

טאמארע. מסתמא האָט איהר געפונען, אז ס'איז אייך שוים גענוג אויפצופיהרען זיך, ווי איהר'ט זיך אויפגעפיהרט.

יענקעל. ניין, נישט דאָס. איך... איך... ווי זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב מיך פאר... פאר... פארביינקט נאָך אייך.

טאמארע. פארביינקט נאָך מיר? ווי קומט איהר דערצו?

יענקעל. זעהט איהר דאָך. אָט ווייסט איהר, אָט פון זינט איך האָב אייך געטראָפען ביי לאה דער נייטאָרקע, אָט פון דאמאָלס אן איז — ווי זאָל איך אייך זאָגען?... איהר זייט מיר עפּיס, ווי איינגעבאקען געוואָרען אין הארצען. איהר'ט מיר גלויבען, הא? ווי איהר זעהט מיך לעבען, אייער קול איז מיר געשטאנען אין מיינע אויערען. איך האָב געקלאפּט מיט מיין האמער און געהערט אייער קול — ט'איהר מיר גלויבען?

טאמארע. איך האָב נישט געוואוסט, אז איך האָב אזא שטארקען קול.

יענעקעל. ניין, דוקא ווייל איהר האָט אזא שטילען, עפּיס אזא שטילען און פרעהליכען קול. ער איז מיר עפּיס אריין אין... אין... א צרה, אז מי קאָן נישט רעדען!... ווי זאָל איך אייך זאָגען, מיר איז געוואָרען אזוי ווארים פון איהם ביים הארצען. איהר דארפט'אָך ווּיסען, טאמארע, אז איך קען מיך מיט מיידלעך, אזוז — איך האָב שוין א סך איבערגעקאָנט... איהר ווייסט'אָך, איך דארף דאָך אייך נישט דערצעהלען. און צו קיין מיידעל האָב איך נישט איבערגעפיהלט, וואָס צו אייך. יעדע מיידעל איז ביי מיר געווען א שפּיעלכעל, א צאצקע, אזוי א שטיפעריי. ווי זאָל איך אייך זאָגען? איך בין א מענש פול מיט פייער... א... א מענש פול מיט פולווער, און יעדע מיידעל איז פאר מיר געוועזען א שוועבעלע. די פולווער פלעגט זיך אָנכאפּען, אויפרייסען און אויס — און מעהר נישטאָ. דערפאר האָב איך דאָס נאָך ביז יעצט נישט חתונה געהאט, כאָטש מיר איז שוין צווישען אונז גערעדט באלד צוויי און דרייסיג יאהר. איהר האָט עפּיס אויף מיר גאנץ

אנדערס... גאנץ אנדערס גע... געווירקט. איך בין עפּיס בטל ומבוטל געוואָרען, ווי איהר זעהט מיך לעבען. איך האָב מיך עפּיס דערפיהלט אזוי מאָדנע... ווי זאָל איך אייך זאָגען? עפּיס ווי עמיצער וואָלט מיר געגאָסען בוימעל אויפ׳ן הארצען. עפּיס אזוי פּוטערדיג ווייך, עפּיס אזוי געשטילט. וואָס זאָל איך אייך א סך ברייען, זינט איך האָב אייך געטראָפען, האָב איך מיך אָנגעהויבען צו שעמען פאר זיך אליין.

טאמארע. דאָס איז געווען די בעסטע זאַך, וועלכע איהר האָט געקאָנט טאָן. און איהר האָט אוועקגעוואָרפען אייערע מעשים־טובים?

יענקעל. אוועקגעוואָרפען! ווי איהר זעהט מיך לעבען. איך האָב מיר געזאָגט: דו טראָגסט דיך ארום אין קאָפּ מיט איהר — איך האָב דאָס געמיינט, מיט אייך — טיק זיי־זשע נישט מעהר קיין חזיר. און אויס, באסטא, ווי קיינמאָל גאָר נישט געשארלאטאנעוועט.

טאמארע. דאָס איז זעהר גוט.

יענקעל. אלץ הייסט גוט! איהר ווייסט נישט, ווי גוט דאָס איז. איך פיהל מיך גאָר ווי א נייער מענש. און איהר׳ט לאכען, הא? איך האָב נישט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען אייך. די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט. ווי א שאָטען זייט איהר מיר נאָכגעגאנגען. און היינט, ווען איך האָב אייך געזעהן ארומ־געהן אזוי אויפ׳ן בולוואר, ווי א מלכה, דאָס געזיכט האָט געלויכטען און די אויגען האָבען אזוי חיות׳דיג געקוקט...

טאמארע. זעה, וואָס פאר א קאָמפּלימענטען איהר קאָנט מאכען!

יענקעל. ניין, דאָס זיינען נישט קיין קאָמפּלימענטען. קאָמפּלימענטען טראכט מען אויס, דאָס האָב איך אָבער געזעהן און געפיהלט. איך האָב געקוקט אויף אייך און געפיהלט. איך האָב געקוקט אויף אייך און... און מיין הארץ האָט מיר שטארק געקלאפּט. האָב איך מיר א זאָג געטאָן: עה, וואָס וועט זיין, וועט

זיין — איך געה און שיק חיה פעשען צו איהר. און געטראכט און געטאָן. אוי, ווער האָט זיך געקאָנט ריכטען, אז איהר וועט זי נישט ארויסטרייבען פון שטוב, אז איהר וועט גאָר... אוי, אוי... עס פאַטופּעט זיך מיר גאָר נישט אין מיין מוח. (פלוצלונג מיט צווייפעל.) דאָס איז דאָך אמת? חיה פעשע האָט'אָך מיך נישט גענארט?

טאמארע. געוויס נישט. אז נישט וואָלט איהר דאָ איצטער מיט מיר נישט גערעדט.

יענקעל. איהר ווייסט נישט ווי... ווי... ווי זאָל איך אייך זאָגען?... ווי איך בין גליקליך! אוי, טאמארע, וואָס ארט אייך, איהר וועט קיין חרטה נישט האָבען!

טאמארע. הלואי.

יענקעל. וואָס ארט אייך, איהר וועט זעהן. א, אָבער עס פאַטופּעט זיך מיר נישט אין מח, ווי גיך דאָס איז צוגעגאנגען. איהר האָט'אָך געוואוסט, וואָס פאר א סחורה איך בין געוועזען, ווי אזוי האָט איהר טאקע נישט ארויסגעטריבען חיה פעשען?

טאמארע. איהר ווילט עס וויסען?

יענקעל. איך וויים? העהע...

טאמארע. איך וועל אייך נישט קאָנען זאָגען, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט.

יענקעל. א־ודאי נישט, דאָס וויים איך אליין.

טאמארע. איהר זייט א שיינער, א קלוגער און א גוטער. דאָס האָב איך געוואוסט. און איך האָב א טראכט געטאָן, אז עס קאָן געמאָלט זיין, אז ווען איהר זאָלט אריינפאלען אין גוטע, רעכטע הענד, וועלען אייערע גוטע מדות גובר זיין די שלעכטע. נו, און איך לעב ביי א מומען...

יענקעל. אוהום!

טאמארע. אליין עפעס דערשלאָגען זיך צו עפעס האָב איך נישט געקאָנט, ווייל ביז פאר אנדערטהאלבען יאָהרען האָב איך געמוזט פיהרען די ווירטשאפט ביי מיין קראנקען טאטען...

יענקעל. יאָ, איך פארשטעה, איך פארשטעה.

טאמארע. און דאָס לעבען ביי דער מומען איז נישט אזוי זיס.

יענקעל. יאָ, דאָס וויים איך. אויף דאָס האָב איך טאַקע אָבגעזעהן.

טאמארע. און איהר האָט געטראָפען.

יענקעל (מיט היץ). און איהר וועט זעהן, אז איהר וועט קיין חרטה נישט האָבען. טאמארע, איהר קענט מיך נאָך נישט! איהר האָט שטענדיג געהערט, אז איך בין א שאַרלאַטאַן, א איך וויים נישט וואָס. און איך לייקען עס גאָרנישט. איך בין עס געוועזען. עפּעס ווי א שד וואָלט געזעסען אין מיר, א מין דבוק, און וואָלט געשטופּט מיך, איך זאָל שאַרלאַטאַנעווען. אָבער ווי דער שד פלעגט אָבלאָזען, פלעג איך ווערען גאָר אַן אנדער מענש. אז דער שד פלעגט אָבלאָזען, פלעג איך געהן אפילו אין בית מדרש צו הערען א פּרק משניות אָדער עין יעקב, אָדער נעמען אליין א ספר אָדער א בוך אין האנד.

טאמארע. אזוי אפילו? דאָס האָב איך נישט געוואוסט.

יענקעל. זעהט איהר, איך האָב אייך געזאָגט, אז איהר קענט מיך נאָך נישט.

טאמארע. אָבער דער שד האָט אייך זעלטען אָבגעלאָזען? ווי?

יענקעל (לאַכט). ליידער, יאָ. זעלטען, זעהר זעלטען. אָבער די לעצטע וואָכען האָב איך איהם אין גאנצען ארויסגעטריבען פון מיר.

טאמארע. און ווי, אז ער וועט זיך צוריק אומקערען?

יענקעל. זאָל גאָט אויסהיטען! זיין אָרט האָט פאַרנומען א... מלאך! (שעמעוודיג.) איך מיין, איהר.

טאמארע. א שד איז שטארקער פאר א מלאך.

יענקעל (מיט היץ). ניין, קיינמאָל נישט. אפילו אין עין יעקב איז א מלאך שטארקער.

טאַמאַרע. אָבער טאָקע נישט מעהר, ווי אין עין יעקב.

יענקעל. ניין, רעדט עס נישט, זאָגט עס נישט. איך וויל זיין אַן אַנדער מענש און וועל עס זיין. נישטאָ מעהר קיין דיבוק אין מיר. און איהר וועט זיין מיין כשר'ע מזוזה, מיין שיר המעלות, און אַלע שדים, אַלע מלאכי חבלים וועלען אַנטלויפען פון מיר... העהעהע...

טאַמאַרע. איך וועל מיך סטאַרען.

יענקעל. דאָס וועט איהר גאָרנישט דאַרפען.

טאַמאַרע. איז נאָך בעסער.

יענקעל. איז אָבגעמאַכט?

טאַמאַרע (קוקט איהם אַ ווײַלע שאַרף אָן). אָבגעמאַכט.

יענקעל. איז — אַ האַנד?

טאַמאַרע (געבענדיג איהם די האַנד). נאַט אייך די האַנד.

יענקעל (שאָקעלט איהר קרעפּטיג די האַנד). אַה, איז גוט!

טאַמאַרע (מיט געלעכטער). אָו, דריקט נאָר נישט אַזוי!

יענקעל. אַך, טאַמאַרע, איהר ווייסט נישט, וואָס איך פיהל! אַה!... איהר הערט'אַך, איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען, איהר זאָלט זיך נאָר נישט בעליידיגען, איהר הערט'אַך... איינמאָל איז די פּולווער געגאַנגען מיט אַ שוועבעלע... העהעהע... איך מיין, איך בין איינמאָל געגאַנגען מיט אַ מיידעל — אַט פון מיינע אַמאָליגע מיידלעך. געגאַנגען זיינען מיר צום וואַלד — איהר קאָנט שוין פאַרשטעהן, העהעהע...

טאַמאַרע (שווידערט אויף).

יענקעל. זי איז געוועזען אַ שיין מיידעל און כלומרשט אַן אָנשטענדיגע און האָט אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט געהן מיט מיר אַליין שפּאַצירען אין וואַלד. דאָס האָט מיך שרעקליך גע־רייצט, און שטענדיג ווען איך פלעג מיך מיט איהר צונויפטרע־פען, פלעג איך מיך פיהלען ווי אַ ווילדע חיה. ביז ענדליך האָט זי אָבגעלאָזען איהר עקשנות און איז אַוועק מיט מיר אין וואַלד. אויפ'ן גאַנצען וועג האָט אין מיר אַזוי מאָדנע געקאָכט דאָס

בלוט, און אז מיר זיינען צוגעקומען צום וואלד, האט מיר עפּעס אַ שלאַג געטאָן אין קאָפּ, און איך האָב זי אויפגעהויבען אויף מיינע הענד און איינגעגעסען זיך אין איהר קלייד מיט מיינע ציינער, און האָב אזוי געשריען און געכראַפּעט ווי אַ ווילדער חזיר און בין אריינגעלאָפען אין וואלד...

טאַמאַרע (ציטערנדיג אין גאַנצען קערפּער). פוי, פוי! צו וואָס דערצעהלט איהר מיר דאָס? צו וואָס דערצעהלט איהר מיר דאָס?

יענקעל. צו וואָס דערצעהל איך אייך דאָס? (מיט אַ פער־באַפטען אָטעם.) צו וואָס דערצעהל איך אייך דאָס? ווייל איך פיהל, אז איך וואָלט אייך אויפגעהויבען אצינד און וואָלט צושריען זיך... אוי, אזוי צושריען זיך!

טאַמאַרע. וואָס?! וואָס?!

יענקעל. ווייל איך פיהל, אז איך בין יעצט אַן אנדער מענש געוואָרען. אָי, איהר פארשטעהט, איך וואָלט זיך יעצט צושריען, אַקוראַט... אַקוראַט ווי איך וואָלט עפּיס אראָבגעוואָרפען פון מיר אַ גאַנצע משא, עפּעס אַ זאַך, וועלכע האָט אזוי געדריקט אויף מיר. אוי, טאַמארע, ווען איהר וואָלט געוואוסט...

רב אהרן (עפענט אויף די טיר). וואָס, איהר האָט נאָך אַלץ נישט אָבגערעדט?

יענקעל. אָבגערעדט! אָבגערעדט!

רב אהרן (צו די איבריגע אין סטאָלאָווע). נאַ, איהר קאָנט אַלע אריינקומען. (צו טאַמאַרען.) מיר האָבען דאָרטין דערווייל נאָך געסט. רפאל איז דאָ מיט רבקה'ן. (חיה פעשע, מאַריאַשע, שמחה, פרומע, רבקה און רפאל קומען אריין.)

רבקה. גוט וואָך און מזל טוב!

רב אהרן. וואַרט, צוערסט וועלען זיי מקבל קנין זיין, ווי ביי אידען פיהרט זיך, דערנאָך וועלען מיר זיי אָבגעבען „מזל טוב" און מאַכען אַ „לחיים"... (צו פרומע'ן.) וואו איז מיין רויט טיכעל?

פרומע (געהט ארויס נאך דעם רויטען טיכעל).

רב אהרן (נאך איהר).

חיה פעשע. נו, וואס זאגט מען דערצו? האט זיך מיר דאס געחלומ׳ט, אז איך וועל היינט גאר זיין אויף א קבלת קנין, און איך וועל זיין די שדכנטע, און וואו און ביי וועמען?!

שמחה (צו יענקלען). דו... דו... טו אן ס׳היטעל!... גוי! גוי! אהן א היטעל גאר!

מאריאשע. קיין גרעסערע עברות האט ער ביי איהם נישט געפונען, קיין גרעסערע.

יענקעל (געהט צו זיין פריערדיגען זיץ, נעמט דארטין דאס היטעל און טוט עס אן מיט א פערלעגענעם שמייכעל).

רבקה (צו יענקלען). איז וואס, איז געהט איהר טאקע ווערען א חתן?

יענקעל. אט ווי איהר זעהט.

רפאל (שטעלט זיך צווישען יענקלען און רבקה׳ן). אט אזוי, הא, רב יענקעל — איצטער דאך, רב יענקעל, ווי? — איצטער וועט איהר ווערען א סטאטיק, העהעהע...

רבקה. גענוג, מ׳פרעגט ביי דיר נישט, וואס ער וועט ווערען.

מאריאשע. א סטאטיק. ער א סטאטיק. געפונען, ווער ס׳זאל ווערען א סטאטיק.

רפאל (לאכט).

שמחה. שווייג, שווייג! בהמה, פערד! ער׳ט ווערען! פאר וואס זאל ער עפּיס נישט ווערען? דו נאר רעדען!

רבקה (צו רפאל׳ן). וואס׳ט׳צעך אוועקגעשטעלט פאר די אויגען מיט דיין ציגענעם בערדעל און הירזשעסט ווי א פערד? געה אוועק פון מיר.

יענקעל (וויל צוגעהן צו מאמערען).

רבקה (פערשטעלט איהם דעם וועג). עפּיס אזוי פלוצלונג, גאר פון העלער הויט. וואס עפּיס מיט א מאל?

יענקעל. די בעשערטע איז געקומען, איז געוואָרען מיט א מאַל.

רפאל (שטעלט זיך ווידער צווישען רבקה'ן און יענקלען). די בעשערטע, העהע... העלפען קיין טענות נישט. איז אלע מייד־לעך און ווייבלעך אן א זייט און — פארטיג, העהעהע...

יענקעל (געהט צו צו טאמארען).

רבקה (צו רפאל'ן). וועסטו אָבטרעטען פון מיינע אויגען?

רב אהרן און פרומע (קומען אריין).

רב אהרן (מיט א רויטען טוך אין האנד). אצינד וועלען זיי מקבל קנין זיין און נאָכדעם וועלען מיר זיי אָבגעבען אן אמת'ן „מזל טוב" און מאכען „לחיים" און פארבייסען, און זאָל זיין טאקי מיט מזל און ווי גאָט וויל. (וויקעלט ארום דאָס טוך ארום האנד און לאָזט צוויי ברעגען. איין ברעג נעמט יענקעל, דעם צווייטען טאמארע.) זייט וויסען, אז יעצט זייט איהר חתן־כלה פאר גאָט און פאר לייטען און זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק.

אלע. מזל טוב! מזל טוב! (בעגריסען זיך איינע די אנ־דערע.)

פרומע. אצינד קומט אין סטאָלאָווע. קומט, מחותנים! (געהט ארויס. נאָך איהר רב אהרן.)

שמחה (צו יענקלען). אצינד ביזטו א חתן... א חתן... (מיט טרערען.) זיי א מענש, מיין זוהן... סטארע זעך... סטארע זעך... ווארף אוועק דיינע שלעכטע שטיק... ווארף אוועק... אז נישט, 'עט זיין א ביטערער רחמנות אויף איהר... אויף טאטע־מאמען האָסטו קיין רחמנות נישט געהאט, האָסט געוואָלט בעגראָבען טאטע־מאמען, פטור ווערען פון טאטע־מאמען... איז וואָס האָב איך געקאָנט מאכען?... אָבער אויף איהר ז'א רחמנות... ווארף אוועק דיינע שטיק... ווארף אוועק... הערסט'ע?... זי'ז א טייער קינד... אויסגעריסען וועסטו ביי מיר ווערען... פאר איהר וועל'ך דיר נישט שווייגען... וועל'ך דיר נישט שווייגען...

מאריאשע. וואס׳ט׳צעך צו׳דרשנ׳ט? פאר איהם האלט ער דרשות! (וויינט.) ער וועט נאך...

שמחה. שווייג! שווייג! בהמה!

יענקעל (גערירט). עס׳ט שוים זיין גוט, טאטע! עס׳ט שוים זיין גוט.

חיה פעשע. אט ער׳ט אויף זיך נעמען א יאך, וועט איהם פארגעהן דאס שפיעלינקען.

שמחה (צו טאמארען). דו א כשר קינד, מיין טאכטער. איך — מיט דיר. איך שטענדיג האלטען מיט דיר...

פרומע (בעוויזט זיך אין טיר). קומט שוים, מחותנים, קומט שוים. (מאריאשע, חיה פעשע און שמחה געהען ארויס.)

רפאל (געהט אויך צו דער טיר; דערזעהענדיג, אז רבקה געהט נישט, בלייבט ער אויך. צו רבקה׳ן). נו, קום דאך. וואס שטעהסטו דא, רבקה? אפשר ווילען חתן־כלה בלייבען אליין?

רבקה. וואס זאגט איהר צום פרומאקס קאפ? האהאהא...

רפאל. אבער דו זעהסט׳אך, אז זיי ווילען בלייבען אליין.

רבקה. האהאהא... ווייסט איהר וואס, טאמארע? לא׳מיר אונז גאר בייטען...

רפאל. א, וואס! דאס רעדט זי בלויז אזוי. זי וועט׳אך פאר מיר קיין צעהן זעק ציבעלע נישט נעמען.

רבקה. נאך ווי! אפילו אומזיסט גיב איך דיך אוועק. אבי נאר פטור ווערען פון דיר.

רפאל. אה, געה שוין, געה! ווילסט גאר נישט פטור ווע־רען פון מיר, העהעהע... מיר וועלען זיך שוים עלטערען צוזאמען, העהעהע...

רבקה. דאס וועלען מיר שוים א סימן האבען. אוי, דו מיט דיין זיסינקען געלעכטערל און מיט דיינע ליעבהארציגע פאה׳־קעלעך און חיות׳דיגען בערדעלע...

רפאל (ערנסט). וועגען מיינע פאות טארסטו אזוי נישט רעדען. וואס ביזטו א גויה, וואס?

רבקה. ווערסט מיך נאָך אריינטרייבען אין שמד, ווארט!

רפאל. אוי, וואָס איז דאָס פאַר א ווערטער! אוי, זאָל גאָט דיך נישט שטראָפען פאר די רעד!

פרומע (אין טיר). נו, וואָס קומט איהר נישט?

רבקה (געהט צו דער טיר). איז נו וואָס, טאמארע? ווערט איהר זיך בייטען? האהאהא... (געהט ארויס.)

רפאל (נאָכגעהענדיג נאָך איהר). וואָס זי קאָן אמאָל א זאָג טאָן, א! (געהט אַרויס און מאַכט צו די טיר.)

יענקעל (וועלכער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אונגעדולדיג). איך זעה, אז איהר האָט זיך דערשראָקען פאר דאָס, וואָס איך האָב אייך פריער דערצעהלט. אפשר האָב איך טאקע געטאָן א נאַריש־קייט, האָב נישט געדארפט גאָר דערצעהלען. איז וועל איך דאָס טאקע מעהר נישט טאָן.

טאמארע (מיט ליידען). איך בעט אייך טאקע, דערצעהלט מיר גאָרנישט פון די זאכען, איך וויל פון גאָרנישט וויסען. איך וויל דאָס נישט הערען, איך קאָן דאָס נישט הערען.

יענקעל (ווארם). מעהר נישט, מעהר קיינמאָל נישט, מעהר וועט איהר נישט בעקומען צו הערען פון מיינע אלטע זאכע־ניסען.

טאמארע. איז גוט. איך בעט אייך זעהר.

יענקעל. און זעהן א ודאי נישט. איך פיהל, אז איך בין אצינד גאָר אן אנדער מענש.

טאמארע. איז א ודאי גוט. מעהר וויל איך גאָרנישט.

יענקעל. זייט איהר נישט מעהר ברוגז?

טאמארע. איך בין'ס נישט געוועזען, אָבער עס האָט מיך...

יענקעל (נעמט זי אָן פאַר דער האַנד). טיק גיט א שמייכעל.

טאמארע (לוסטיג). אפילו א לאַך.

חיה פעשע (פון הינטער דער טיר). חתן־כלה! חתן־כלה!

יענקעל. מיר קומען, מיר קומען!

טאמארע (לוסטיג). עפענט אויף די טיר, מאכט א ווארע!

חיה פעשע (עפענט אויף די טיר, העבט אָן צו פאטשען אין די הענד און טאנצט אונטער). מאכט א ווארע, מזל טוב! מאכט א ווארע, מזל טוב! (זי טאנצט אריין אין צימער און בעגלייט אַרויס טאַמאַרען מיט יענקלען, אונטער דעם טאקט פון די ווערטער.) מאכט א ווארע, מזל טוב!

# צווייטער אַקט

אין אַ יאָהר אַרום.
דאָס עסצימער ביי יענקלען אין הויז. אין דער הינטערוואנד אַ טיר,
וועלכע פיהרט צו דער גאס און דער קיך און צום לעדיגען צימער, אין
דער לינקער וואנד די טיר צום שלאָפצימער, אין דער רעכטער וואנד צוויי
פענסטער מיט וואזאָנעס אויף זיי. צווישען די פענסטער אַ טשיראַטענע
קאנאפע, פאר וועלכער עס שטעהט א קיילעכדיגער פליגעלטיש, איבער־
געדעקט מיט אַ טישטוך. פון בײדע זייטען פון דער קאנאפע צו צוויי
שטולען, און צו איין שטול פון בײדע זייטען טיש. רעכטס פון דער
אַרויסגאנגס־טיר א גלעזערשראנק מיט אַ גלאָזטיר, וועלכע איז פערפוצט
פון אינוועניג מיט פאָרהאנגלעך, פון הינטער וועלכע עס קוקען ארויס
אויף די אויבערסטע פאָליצעס דאָס גלאָזוואַרג און אויף די אונטערסטע
עטליכע ספרים און ביכער. לינקס פון דערזעלבער טיר א גרויסער וואנד־
זייגער. אין דער לינקער וואנד הארט ביי דער הינטערוואנד אַ גרויסער
קאכעלנער קאמין, פאָרנט ביי דערזעלבער וואנד שטעהט אַ קאמאָד, איבער־
געדעקט מיט אַ טישטיכעל, איבער דער קאמאָד הייגנט אַ שפיעגעל. אויף
דער קאמאָד ליעגט אַ בוך און שטעהען צוויי אויסגעפוצטע מעשענע
לייכטער. איבער'ן טיש הייגנט א שיינע פאָרצעלייענע הייגלאָמפּ. —
אין צימער הערשט אַ גרויסע ריינקייט און אָרדנונג. דאָס מעבעל איז
פונקלענדיג־ניי. די פּאָדלאָגע איז פריש געוואשען. אין די פענסטער
לייכט אַריין אַ העלער זומערטאָג.

טאמארע (ליעגט אויף דער קאנאפע און שלאָפט).
יענקעל (מיט דעם ארבייט־פארטוך אַרום זיך, עפענט פאָר־
זיכטיג אויף די טיר און קומט אַריין. זיין פעררויכערט געזיכט שיינט
פון אַ גליקליכען שמייכעל. ער שטעהט אַ ווײלע און בעוואונדערט די
שלאָפענדיגע מיט גרויסער ליעבע, מאכענדיג צו איהר גרימאסען מיט די

ליפען, ווי ער וואָלט זי געוואָלט קוסען. דערנאָך געהט ער צו אויף די שפּיץ פינגער צו דער קאָמאָד, נעמט דאָס דאָרטין ליעגענדיגע ביכעל, געהט צו צוריק צו דער קאָנאַפּע, לאָזט זיך אַראָב אויף ד׳ר׳ערד לעבען טאַמאַרעס צוקאָפּען, עפענט אויף דאָס ביכעל און לייענט).

טאמארע (שטרעקט אויס די האַנד און גלעט איהם איבער דאָס האָר).

יענקעל (שפּרינגט־אויף אויף די קני). הארצוניו, דו שלאָפסט גאָר נישט?

טאמארע. האָסט מיך אויפגעוועקט.

יענקעל. אזא בער, ווי איך בין! איך האָב דאכט זיך אלץ געמאכט אזוי שטיל.

טאמארע. אז דו האָסט זיך אראָבגעלאָזען אויף ד׳ר׳ערד, האָב איך דיך דערפיהלט.

יענקעל. פערשטעהסט, קיין ארבייט איז גראָד נישטאָ, מאָג איך דאָך אריין צו מיין ווייבעל.

טאמארע. האָב איך לאנג געשלאָפען?

יענקעל. אן אנדערטהאלבען שעה. אצינד שוין דריי א זייגער.

טאמארע. אזוי לאנג בין איך געשלאָפען!

יענקעל. וואויל בעקום׳ס דיר. דו דארפסט׳אָך שלאָפען פאר צווייען — פאר זיך און פאר דאָס נפש׳ל אָט אָ דאָ אָ. (בעווייזט אויף איהר בויך.) העהעהע... באלד וועט עס ארויסקומען און מאכען: „קאניאאו, קאניאאו, קאניאאו...“ (מאַכט נאָך אַ קליין קינד׳ס וויינען.)

טאמארע (געניצט). א, איך בין נאָך שלעפעריג.

יענקעל. איז וואָס וועט עס זיין: א אינגעל אָדער א מיידעל?

טאמארע. וואָס עס וועט קומען, ועסטו מוזען אָננעמען פאר א גוטען גאסט.

יענקעל. נאָך וואָס פאר א טייערען גאסט! אלע קאבלען וועל איך אויסברעכען. אָבער גלאט וואָלט איך געוואָלט וויסען...

טאמארע. וועסט שוין וויסען.

יענקעל. פארשטעהסט, טאקע וואָס עס וועט קומען, וועט זיין א טייערער גאסט, אָבער וועלען וואָלט איך געוואָלט — א אינגעל! עפּיס, פארשטעהסט, א אינגעל איז גאָר אן אנדער זאך.

טאמארע. איך וויים שוים, איך וויים שוים. איך האָב עס שוים געהערט.

יענקעל. עפּיס א אינגעל — א יונג מיט ביינער, פאר־שטעהסט. א מיידעל איז אויך חס ושלום קיין ־שפּאָרעוודיגע סחורה נישט, אָבער א אינגעל איז דאָך גאָר עפּיס אנדערע ווערטער. עפּיס א יאטעל, א יאָלד, א יונגאטשעל... העהע...

טאמארע. איז דאָ געוועזען חיה פעשע?

יענקעל. ניין, זי איז נאָך נישט געוועזען.

טאמארע. זי זאָל מיר עפּיס ברייננען א גוטע דיענסט.

יענקעל. יעדע דיענסט וועט שוין זיין א גוטע ביי דיר אין די הענד.

טאמארע (מיט לאַסקע). דו האלסט אָבער פון דיין ווייב א היבש ביסעל.

יענקעל. און ווער האלט נישט פון מיין ווייב? מי זאָל אויספאָהרען מדינות...

טאמארע. איך וועל מיך אזוי אָנהעבען איבערנעמען.

יענקעל. דאָס מאָגסטו גאנץ רוהיג.

טאמארע. און איך וועל וועלען א טעלערל פון הימעל.

יענקעל. וועל איך שמיעדען א גרויסע, גרויסע לייטער, פון דער ערד ביז צום הימעל, און וועל דיר קריגען דאָס טעלערל.

טאמארע (גלעט איהם איבער'ן קאָפּ, בויגט זיך צו איהם צו און גיט איהם אַ קוס אויף די ליפּען).

יענקעל (כאַפּט זי אַרום מיט ביידע הענד און קוסט זי שטארק און ליידענשאַפטליך).

טאמארע (לעגט זיך צוריק אַוועק און קוקט איהם אָן אַ ווײלע מיט לאַסקע). ווײסט, איך וואָלט גאָר געוועזען א בעלן אויף א גלע־זעל וואַרמס.

יענקעל (שפּרינגט אויף). איז הערסט, איז וואָס שווײג־סטו! איז אײנס, צווײ, דרײ און עס ווערט! (לאָזט זיך צו דער טיר.)

מאַריאשע (קומט אַרײן, מאַכענדיג אַ זאָק).

יענקעל. אָט איז די מאמע אויך. זי האָט דערשמעקט, אז איך געה שטעלען דעם סאמאָוואר.

מאַריאשע (אָנגערוקט). א ודאי האָב איך דערשמעקט. איך דאַרף טאקע נויטיג דײן טײ.

יענקעל. טאמארעטשקע, קאָנסטו מיר נישט זאָגען, ווען וועט זיך די מאמע אויפהערען צו דויען?

מאַריאשע. געה שוים. שטעל דעם סאמאָוואר.

יענקעל (לאכט). אי, א בײזע מאמע! (געהט אַרויס.)

מאַריאשע (זעצט זיך אויפ'ן שטול צוקאָפּענס בײ טאמארען). וואָס מאכסטו?

טאמארע. איך נעם מיך איבער בײ מײן מאן.

מאַריאשע. בײ איהם איבערנעמען זיך! בײ איהם און בײ זײן טאטען קאָן מען זיך טאקע א סך איבערנעמען.

טאמארע. וואָס קאָנט איהר זײ אלץ נישט מוחל זײן, שוויגער?

מאַריאשע. אויך מיר מענשען! זײ זײנען דען מענשען? דער טאטע וואָלט אוועקגעגעבען זײן נשמה דער גאנצער וועלט און אויף זײן ווײב קאָן ער נישט מעהר ווי בלאָזען זיך און שרײען. און דער זוהן...

טאמארע. וואָס איז דער זוהן?

מאַריאשע (מאַכט אַוועק מיט דער האַנד). מילא, נישטאָ וואָס צו רעדען.

טאמארע. וואָס האָט איהר איצטער וואָס אויסצוזועצען אין אייער זוהן?

מאריאשע. וואָס דאַרף איך האָבען אויסצוזעצען אין איהם? ער ליעגט מיר גאַנץ גוט אין די עצמות. עס איז מעהר נישט א רחמנות אויף דיר.

טאמארע. דאָס איז נישט שיין פון אייך, שוויגער. אן אייגענע מאמע זאָל נישט קאָנען פערגעסען איהר זוהן דאָס, וואָס ער איז אמאָל געוועזען.

מאריאשע. אך, וואָס האָב איך וואָס צו רעדען! מילא.

טאמארע. ס'איז ווירקליך נישט שיין פון אייך. אן אייגענע מאמע...

מאריאשע. און אז אן אייגענע מאמע, איז וואָס? איך קען מיין צרה. ער איז געראָטען אין זיין טאטען. היינט איז ער אזוי און מאָרגען איז ער אזוי און איבערמאָרגען איז ער ווידער אזוי.

טאמארע. שוים באלד א יאָהר נאָך אונזער קנין און אכט חדשים נאָך אונזער חתונה און וואָס האָט איהר געזעהן אין איהם שלעכטס?

מאריאשע. מילא, הלואי זאָלסטו זיין גערעכט.

טאמארע. ניין, ד'מיין דער'אמת'ן?

מאריאשע. איך קען מיין צרה, האָב איך דיר געזאָגט. וואָס איז מיט איהם געוועזען, איידער דער קנין? פלעגט איהם אָנקומען א טירוף, פלעגט ער מיט א מאָל ווערען א צדיק אין פעלץ און אוועקגעהן אין בית מדרש, און דערנאָך פלעגט איהם ווידער פאַרדרעהען דער טירוף, פלעגט ער ווידער ווערען אן אויסוואורף שבאויסוואורף.

טאמארע. ווילט איהר דערמיט זאָגען, אז...

מאריאשע. אָט גאָרנישט וויל איך דערמיט זאָגען.

טאמארע (זעצט זיך אויף). טיק וויל איך אייך זאָגען, שוויגער, אז איהר קאָנט אייך בערוהיגען. איהר מאָגט אייך ארויס־

שלאָגען פון קאָפּ אַלע אזעלכע געדאנקען. ווארט נאָך, איהר וועט נאָך א סך הנאה האָבען פון אייער זוהן. ער וועט אייך נאָך אָב־צאָהלען פאר אַלע יסורים און עגמת נפש, וואָס ער האָט אייך אָנ־געטאָן.

מאריאשע (קראצט זיך מיט אַ פּרענטעל). יאָ, יאָ, ער וועט מיר נאָך אָבצאָהלען.

טאמארע. אז איך האָב קיין מורא נישט, דארפט איהר א ודאי קיין מורא נישט האָבען.

מאריאשע. איך האָב מורא? וואָס האָב איך, וואָס מורא צו האָבען? עס איז מיר טאקע מעהר נישט ווי א רחמנות אויף דיר.

טאמארע. אי, געהט, שוויגער, איהר זייט א מרה שחורה׳־ניצע, איהר האָט אייך גאָר געדארפט קורירען. נו, וואָס רעדט איהר דאָרטין פאר א זאכעניסען! (פערשעמט.) איהר וועט באלד ווערען א באָבע, דארפט איהר עפּיס אויסזעהן פרעהליכער, לעבע־דיגער.

מאריאשע. מילא, איך וועל שוין מסתמא שטארבען אזא.

טאמארע. וואָס ארט אייך, איהר פערלאָזט זיך נאָר אויף מיר. אייער יענקעל איז שוין נישט דאָס, וואָס געוועזען און וועט דאָס שוין מעהר נישט זיין. דאָס בין איך־אייך ערב.

מאריאשע (קראצט זיך וויעדער דעם קאָפּ מיט אַ פּרענטעל). מיר וועלען שוין זעהן. הלואי זאָלסטו זיין גערעכט און איך זאָל בלייבען א ליגנערטע.

טאמארע. אך, וואָס רעדט איהר דאָרטין!

יענקעל (קומט אריין מיט׳ן סאמאָוואר). א וועג! אַ וועג! איך האָב איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל עס מאכען וואָס גיכער, ווייל טאמארע וויל טיי. איז אין איין מינוט פּיף־פּאף־סססס, און אָט האָסטו איהם שוים.

טאמארע. זעהט איהר, שוויגער, אפילו דער סאמאָוואר האָט פאר מיר אָבשיי.

יענקעל (נעמט ארוים דעם טשיינוק, פערקאָכט טיי). נאָך ווי, אין איין מינוט — פיף־פאַף, פארטיג.

טאמארע (וויל ארויסנעמען די גלעזער פון שראנק).

יענקעל. נא דו, טאמארוק, העלף מיר נישט, איך בעט דיך נישט, זעץ דיך ווי א פריצה און לאָז דיך בעדיענען.

טאמארע (זעצט זיך אוועק מיט א וויכטיגער פּאָזע). מיין הערר דיענער, צוברעכט נאר נישט די גלעזער.

יענקעל (מיט די בעוועגונגען פון א קעלנער, גיעסט אָן דריי גלאָז טיי און צושטעלט זיי אויף דריי זייטען טיש. צו טאמארען). נו, אפשר מיין טיי שלעכט? (צו דער מאמען.) קום, דו, מיין אָנגע־בלאָזענע. (מאכט נאָך איהר זויערע מינע.) וואָס זיצסטו אזוי, וואָס?

מאריאשע (הערבט זיך אויף און געהט צום טיש, קרעכצט). א — אָך!

יענקעל. וועסט זעהן, וואָס וועט זיין. אז עס וועט גע־באָרען ווערען דאָס פּיסקליאַניקעל, וועל איך דיך נישט צולאָזען צו איהם מיט אזא צורה. דאָס קאָן זיך נאָך דערשרעקען און קריגען א שוואך מעגעלע.

טאמארע. רעד נישט קיין נארישקייט און לאָז די מאמע צו רוה. א שטערן, וועלכער איז געלעגען צעהנדליגע יאָהרען אין קנויטשען, קאָן זיך נישט אויסגלעטען אין א יאָהר.

מאריאשע. א—אָך, ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אויסגלעטען. אז מי האָט אזא מאן מיט אזא זוהן...

יענקעל (אויפגעבראכט). וואָס אזא זוהן, וואָס?

טאמארע. ששש, ששש, נישט געשריען. א רוהיג גע־זיכט. אָט אזוי א...

שמחה (קומט אריין אין זיינע בעל עגלה׳שע קליידער).

טאמארע. און אָט איז דער שווער אויך.

מאריאשע. אָט האָסטו איהם! מע דארף איהם דאָ נוי־טיג האָבען.

יענקעל. אויך דערשמעקט טיי, ווי? קום זעץ זעך. איך גיב היינט טיי. (שפּרינגט אויף נאָך א גלאָז.)

שמחה (נעמט אַרויס פון בוזים אַ פּאָר אַפּעלסינעס און גיט זיי טאַמאַרען). דאָ, טאַכטערקע... האָסטע... צוויי אַפּעלסינעס.

טאמארע. א גרויסען דאנק אייך, שווער.

שמחה. עס געזונטערהייט. איך האָב געפיהרט היינט אַפּעלסינעס...

יענקעל. האָסטו אראָבגענומען... און נאָר צוויי?...

שמחה. פערד! פערד! אראָבגענומען! א גנב, וואָס? עפּיס א גנב? פערד! אוי!

טאמארע. פע, יענקעל, קענסט נישט דיין טאטען?

שמחה. זיי האָבען מיר אליין געגעבען, ווי זעהסט מיך לעבען... ווי זעהסט מיך לעבען, מיר אליין געגעבען. „אראָבגענומען!" פערד! אוי! איך נאָך געזאָגט: פאר מיין שנור... הע...

מאריאשע. „פאר מיין שנור"... אַט אזוי אַ שטענדיג. אז מע האָט א ווייב, פארגעסט מען.

שמחה. נאָך וואָס, הא? נאָך וואָס? בהמה!

מאריאשע. אַט אזוי אַ, מיך קאָן ער נאָר רופען „בהמה".

יענקעל. די מאמע ווערט דאכט זיך „פעפערזיכטיג".

טאמארע. וואָס ארט אייך, שוויגער, מיר וועלען זיך צו־טיילען. אַט האָט איהר איינעם און איך איינעם.

שמחה. וואָס! וואָס! דיר געבראכט... ביידע דיר גע־בראכט. זיי נישט קיין נאר.

מאריאשע. איך דארף דען האָבען דעם אפּעלסין? אז ער וואָלט מיר געבראכט, וואָלט איך דיר אויך אוועקגעגעבען. איך רעד מעהר נישט גלאט אזוי... די ווייב ליעגט איהם א האָר נישט אין זינען.

יענקעל. ער איז דאָך עפּיס מיין טאטע. אלטע אידענעס ליעגען איהם נישט אין זינען.

טאמארע. יענקעל, איך האָב פיינט אזעלכע חכמות.

מאריאשע. אט האסטו איהם, נא דיר.

שמחה. פערד! פערד!

יענקעל (שלאגט זיך אין הארצען). חטאתי, חטאתי, חטאתי. אמאל כאפט זיך ארויס. אי, די צונג, אבדארען זאל זי מיר!

מאריאשע. ווי זאגט דער גוי? א נאל אין זאק קאן מען נישט באהאלטען, זי קריכט א־דורך, אך—אך—אך. (זיי טרינקען דעם טיי שווייגענדיגערהייט.)

יענקעל (צו טאמארען). ווילסט נאך א גלאז?

טאמארע. ניין, א דאנק.

יענקעל. ביזט ברגז, טאמארוק?

טאמארע. ברגז? אויף וואס?

יענקעל. אט, אויף מיין צונג.

טאמארע. איך האב שוים פארגעסען, וואס דו האסט געזאגט.

מאריאשע. אלטע אידענעס ליעגען איהם נישט אין קאפ, די מאמע זיינע ליעגט איהם נישט אין קאפ, אבער יונגע מיידלעך דערפאר, יונגע מיידלעך, א...

טאמארע. וואס רעדט איהר, וואס, שוויגער? איהר דארפט נישט איבער'חזר'ען. ער האט גארנישט דערביי געמיינט.

שמחה. זי רעדט... זי רעדט... וויים, וואס זי רעדט! בהמה!

יענקעל. טאמארוק, דו ביזט א גאלד! טאטע, מאג איך זי א קוש טאן? (וויל זי ארומנעמען.)

טאמארע (שטופט איהם אב לאכענדיג).

מאריאשע (קרעכצט).

חיה פעשע (קומט אריין). אט דאס איז א פארל! שטענדיג וואלטען זיי זיך געקוסט. און דאס אנדער פארל — איז זאל נישט צוגעקומען ווערען. א גוטען טאג אייך אלעמען. (מען ענטפערט איהר: א גוט יאהר.)

יענקעל (שפּרינגט אויף). איהר קריגט גלייך אַ גלאָז טיי — איך בין היינט דער טייגיעסער — און דערצעהלט, ווער איז דאָס דאָס אנדער פּאָרל.

חיה פּעשע (נעמט אַ שטול און זעצט זיך ביים טיש). ווער זאָל דאָס זיין? רפאל דער וואָכערניק מיט זיין רבקה'ן.

מאַריאַשע. וואָס איז? וואָס איז שוין ווידער?

חיה פּעשע (גיעסט אַריין איהר טיי אין בלוידקע און בלאָזט אויף איהם). „וואָס איז שוין ווידער"? ווען האָט עס דען אויפגעהערט? אָבער היינט איז שוים דאָרטין דערגאַנגען גאָר־גאָר ווייט. גראַד מאכט זיך מיר, אז איך דאַרף זיין ביי זיי אין הויז און — וואָס זאָל איך אייך זאָגען? וואָס איך האָב דאָרטין געזעהן, זאָל נישט צוגעקומען ווערען אין קיין אידישען הויז.

טאַמאַרע. זי האָט איהם ווידער געשלאָגען?

חיה פּעשע. ווי הייסט, געשלאָגען! ווי הייסט, געשלאָגען! שלאָגען צו שלאָגען איז נישט גלייך. אז ער איז אַרויס אַ לעבעדיגער פון איהרע הענד, איז ער שטאַרקער פאַר אייזען. מי האָט איהם פּשוט געמוזט אָבראַטעווען פון איהר. זי האָט איהם אַ וואָרף געטאָן אויף ד'ר'ערד און געטראָטען מיט די פיס און... און... און וואָס האָט זי נישט געטאָן מיט איהם?

יענקעל (לאַכט). אַ כוואַט אַ ווייבעל.

חיה פּעשע. „קום צום רב און גיב מיר אַ גט!" האָט זי געשריען. „קום צום רב און גיב מיר אַ גט!" און ער — גאָרנישט. עפּיס אַ קליפּה אין איהם. אַן אנדערער וואָלט איהר צעהן גט'ן געגעבען, אבי פּטור צו ווערען פון איהר, און ער מאכט זיך גאָרנישט וויסענדיג. נעמט אָן די קלעפּ, ווישט זיך אָפּ די ליפּען, און ווי עס וואָלט גאָרנישט געוועזען, ווי נישט איהם מיינט מען גאָר.

שמחה. אַ חמור! אַ חמור!

חיה פּעשע. און דער סוף וועט זיין, אז ער וועט נאָך אמאָל בלייבען אונטער איהרע הענד.

טאַמאַרע. אה, ווי שעמט זי זיך גאָרנישט!

יענקעל. זי איז גאַרנישט פון די שעמעוודיגע.

חיה פעשע. אַי, איז זי א סחורה! אַי, איז זי א סחורה!

מאריאשע. און וואָס איז די אחריות? א מאן א ווייב מאַג שלאָגען? איז ניש'קשה, ווען עס געפינט זיך א ווייב, וואָס שלאָגט אמאָל א מאן. הלואי וואָלטען אלע ווייבער האָבען איהר שכל.

טאמארע. שווינגער! שווינגער!

שמחה. שווייג! שווייג! בהמה! צעך צורעדט! מאר־יאשקע... מאריאשקע צעך צורעדט!

יענקעל. נא, נא, לאָ'מיר רעדען עפּיס וועגען פרעהליכערע זאכען.

טאמארע. טאקע, וואָס הערט זיך עפּיס וועגען א דיענסט?

חיה פעשע. זעהט, קרוינעלעך, דעם עיקר האָב איך גאָר פארגעסען. ע ר האָט געקראָגען די קלעפּ, און מ י ר האָט זי פארשלאָגען דעם קאָפּ. און איך האָב דאָך גאָר קיין צייט נישט. איך האָב מיך אוועקגעזעצט רעדען, אקוראט... ווי גאָרנישט און גאָר. איז הערט־זשע, טאמארעלע, איך בין געקומען צו אייך מיט לעדיגע הענד. נישט קיין דיענסט און נישט קיין שכן און... און... און... (שטעהט אויף.) נא, א דאנק, א דאנק אייך פאר טיי און האָט מיר א גוטען תמיד. איך דארף נאָך זיין ביי גוטקע נחום'ס און ביי חאסיע דעם רב'ס און דארף נאָך זיין, און דארף נאָך זיין... חיה פעשע, פארנעם זעך!

טאמארע. איז וואָס וועט אָבער זיין דער סוף?

חיה פעשע. עס וועט שוים זיין, עס וועט שוים זיין. א גוטען טאָג אייך. (געהט אוועק.)

מאריאשע. עפּיס קאָן מען זיך שוין מעהר אויף איהר גאָרנישט פארלאָזען. קיין דיענסט נישטאָ, קיין שכן נישטאָ. דער־מאָנט זיך, ווי לאנג זי פיהרט אייך שוים מיט א שכן, און איהר

פארלאָזט זיך אלץ אויף איהר, און דאָס צימער שטעהט דערוויילע לעדיג.

טאמארע. דאָס ארט מיך גאנץ ווענוג.

מאריאשע. די פאָר רובעל דערווייילע געהען פון דעסט־וועגען נישט באָרפים.

שמחה. אן עבירה... א ודאי, אן עבירה.

מאריאשע. מאָגט איהר זיך ווענדען צו אן אנדער מעק־לערקע. ניש'קשה, אויף מיין אחריות, דבורה איז...

רבקה (קומט אריין, אויפגערעגט, פערפלאמט). גוט מאָרגען!

מאריאשע (איבערראשט). נא דיר, אַט האָסטו זי דאָ!

רבקה. וואָס עפּיס: „נא דיר, אַט האָסטו זי דאָ“?

יענקעל. מיר האָבען ערסט געהערט, אז איהר'ט עפּיס גע־האלטען מלחמה, האהא.

רבקה. איהר'ט'אָס שוים געהערט? הא, נו, וואָס זאָגט איהר דערצו? (שרייט אויף.) אוי, איך קאָן שוים דאָס מעהר נישט אריבערטראָגען! איך קאָן שוים דאָס מעהר נישט אריבערטראָגען!

מאריאשע. נא דיר, אַט האָסטו זי! זי קאָן נאָך נישט אריבערטראָגען.

רבקה. וואָס ווייסט איהר, וואָס איך שטעה מיך אוים.. איך קאָן דאָך מיר גאָר קיין אָרט נישט געפינען דורך איהם. אז ווי איך טו נאָר א קוק אויף איהם, פיהל איך, אז ס'עקען זיך מיר מיינע יאָהרען. און עס איז גאָרנישט פּטור צו ווערען פון איהם!

טאמארע. דארף מען זיך אזוי אויפפיהרען?

רבקה. אָי, אז עס כאפּט מיך אָן דער עקעל, ווייס איך דען, וואָס איך טו? איך פיהל, אז איך וואָלט זיך געקאָנט מאכען א טויט אָדער איהם א טויט.

יענקעל. איהם נאטירליך צוערסט.

רבקה. איך קאָן מיך נישט איינהאלטען. איך פיהל, אז ס'העבט זיך מיר דער מח.

טאמארע. פון דעסטוועגען.

רבקה. פון דעסטוועגען! אייך איז גוט צו רעדען. אָבער יעצט — אוים! זיין פּרצוף וויל איך נישט מעהר אָנקוקען. זאָל ער מיך נישט גט'ן, אָבער איך וועל מיט איהם מעהר נישט וואוינען.

יענקעל. אין „פּראָטשקעס“, הייסט עס.

רבקה. רופט עס „אין פּראָטשקעס“, רופט עס, ווי איהר ווילט. איך האָב שוים מעהר קיין כח נישט צו איהם.

יענקעל. מיד געוואָרען שלאָגענדיג, ווי?

רבקה. איך וועל מיר דינגען א דירה און וואוינען בעזונדער. מיר וועלען זעהן, וואָס וועט זיין דער סוף, מיר וועלען זעהן. ער וועט מיך שוים דאכט זיך אָב'גט'ן.

טאמארע. איהר מיינט עס טאקע ערנסט, אָט — מיט אייער „פּראָטשקעס“?

רבקה. א ודאי מיין איך דאָס ערנסט. וואָס דען צוריק וועל איך צו איהם געהן. גיכער וועט ער מיר אין ד'ר'ערד געהן, איידער איך וועל געהן צו איהם צוריק. קענען וויל איך איהם נישט. איך בין איהם נישט מעהר זיין ווייב.

טאמארע. איז וואָס וועט זיין פאר אן אופן?

רבקה. איז וואָס זאָל דאָס זיין פאר אן אופן? איך וועל מיר דינגען ערגיץ־וואו א צימער און וועל מיר וואוינען בעזונדער. און וועגען דעם בין איך טאקע געקומען צו אייך.

טאמארע. צו אונז?

רבקה. איהר האָט'אָך צו פאַרדינגען א צימער, וואָלט איך געוואָלט איהם ביי אייך דינגען.

שמחה (שיעסט בייז ארוים). ניטאָ קיין צימער, ניטאָ!

רבקה (צו טאמארען). וואָס, איהר האָט שוים אייער צימער פארדונגען?

שמחה. מי דארף נישט! אויסקומען אָהן אזעלכע שכנות! אין „פּראָטשקעס“ גאָר!

רבקה. וואָס געהט דאָס אייך אן, רב שמחה? איז אז איך

קאָן נישט לעבען מיט מיין מאַן, דארף מען מיר קיין דירות נישט פארדינגען? דארף איך זיך וואלגערען אין גאס אָדער געהן אין טייך?

שמחה. אין „פראַטשקעס"! אין „פראַטשקעס"! מי געהט נישט אוועק פון א מאַן אין פראַטשקעס.

רבקה. מי געהט נישט אוועק! ווער עס געהט נישט אוועק, געהט נישט אוועק, און ווער עס דארף יאָ אוועקגעהן, געהט יאָ אוועק. איך בין נישט די ערסטע און נישט די לעצטע. ס'וועגדט זיך, וואָס פאר א מאַן מי האָט.

מאַריאשע. איז אז איך האָט שוין אזוי אָנגעשפארט אוועקצוגעהן אין „פראַטשקעס", וואָלט איהר דאָך שוין בעסער אוועקגעפאָהרען צו אייערע עלטערן אין דאָרף.

יענקעל. טאקע, די מאמע איז גערעכט. זי וועט נאָך אמאָל ווערען א מיניסטער. פארוואָס זאָלט איהר טאקע שוים נישט אוועקפאָהרען אין דאָרף?

רבקה. יעדער טוט, ווי ער פארשטעהט. אז איך פאָהר נישט, וויל איך דאָך נישט אָדער קאָן איך דאָך מסתמא נישט. איך האָב מיך שוים אָבגעוועהנט פון דאָרף און וועל דאָרטין אי־בערהויפט נישט קאָנען לעבען.

טאַמאַרע. אָבער דאָס וואָלט געווען די גלייכסטע זאך.

רבקה. וואָס האָט איהר אזוי מורא צו פארדינגען מיר דאָס צימער? איך וויל איהם דאָך נישט אומזיסט.

טאַמאַרע. מורא?

יענקעל (לאכט געצוואונגען). מורא? וואָס עפּיס מורא?

מאַריאשע. און אז מורא, איז וואָס? פאר אַן אָקס ווייזט מען נישט קיין רויטע פאטשיילע. און ער דארף טאקע האָבען א צו נאָהענטע שכנה!

טאַמאַרע (צולאכט זיך). אויף וואָס די שוויגער קאָן פאלען!

רבקה (לאכט אויך). גאָר אזוי? וואָס זאָגט איהר, יענקעל?
(קוקט אויף איהם מיט א נישט־כשר'ן בליק.)

יענקעל (פערלעגען). אָבער, מאמע, עה... וואָס... וואָס רעדסטו עפּים?

שמחה. גערעכט! גערעכט! די מאמע גערעכט! מע דאַרף נישט!

מאַריאשע. זאָל טאקע זיין מורא. מיר קענען אונזער צרה.

טאמארע. אָבער, שווינער, וואָס רעדט איהר עפּים? וואָס זיינען דאָס פאר א ווערטער?

מאַריאשע. וואָס מאכסטו פאר אַן אָנשטעל, וואָס מאכסטו? דו ווייסט דען נישט, אז איך בין גערעכט?

יענקעל (מיט כעס). זאָלסט עס אויפהערען צו רעדען, הערסטו? איך וויל דאָס נישט הערען, פארשטעהסטו מיך!

שמחה. האָדיע! וואָס'ט צעך צושריען? אויף וועמען שרייסטע? שריי אויף די ציינער! אויף דער מאמען שרייט ער!

מאַריאשע. און איך וועל ביי דיר פרעגען, וואָס איך זאָל רעדען! פאר וואָס'ט צעך נישט אָנגעכאפּט אָן איהר, אָן דער טייערער מציאה?...

רבקה. זעה, זעה נאָר...

מאַריאשע. ווייל דו האָסט אליין מורא, ווייל דו ווייסט אליין בעסער, וואָס פאר א דיבוק עס זיצט אין דיר. און פאר וואָס האָט זי זיך נישט אָנגעכאפּט?

טאמארע. אָבער, שווינער, וואָס איז דאָ יאָ אָנכאפּען זיך אָדער נישט אָנכאפּען זיך?

מאַריאשע. דו זוכסט'אָך א שכן, איז וואָס...

טאמארע. אָט גאָרנישט... חיה פּעשע...

מאַריאשע. גאָרנישט, חיה פּעשע!... חיה פּעשע האָט דיר קיין שכן נישט געבראכט. נאָר דו האָסט פּראָסט מורא. און

דו ביזט טאקע גערעכט. דו זאָלסט טאקע מורא האָבען, וועסטו קיין חרטה נישט האָבען.

רבקה. פע, עס איז א בושה און אַ חרפה! וואָס האָט איהר דאָ מורא, אז איך וועל אראָבפיהרען יענקלען פון וועג?

יענקעל. איך וויל נישט, מ׳זאָל וועגען מיר אזוי רעדען און באסטא! וואָס איז דאָס עפּיס פאר אַ רעד וועגען מיר? וואָס בין איך עפּיס וואָס?

רבקה. און וואָס בין איך עפּיס, וואָס?

יענקעל. קאָנסט זיך עפּיס בעקלאָגען אויף מיר, טאמארע? וואָס האָט איהר אצינד אויסצווזעצען אין מיר? וואָס ווילט איהר, וואָס?

טאמארע. דארפסט אזוי נישט שרייען און אָבעסען זיך דאָס האַרץ. דו ווייסט גוט, וואָס איך טראכט וועגען דיר. און אָט זאָל זאָגען די מאמע אליין, וואָס האָב איך מיט איהר פריער גערעדט. דאָס קאָן זי דיר אַלץ נישט פערגעסען.

יענקעל. איז נישטאָ וואָס צו רעדען. איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען פאר מיר. איז מאָג זיך דאָרטין בעזעצען אפילו דער יצר הרע אליין.

טאמארע. איז גוט! (צו רבקה׳ן.) טאָ קומט אָנקוקען דאָס צימער.

יענקעל (אָבגעקיהלט און פערלעגען). נאָר אויב דו ווילסט נישט, אויב דו האָסט מורא, פיליינכט, איך וויים... מאָגסטו נישט פארדינגען אויך.

טאמארע. איך האָב פאר קיינעם און פאר גאָרנישט נישט מורא. האָב דו נאָר נישט מורא פאר זיך אליין.

שמחה (מיט אַ קלאַפּ איבער׳ן טיש). און איך זאָג, דאָס צימער איהר נישט פארדינגען, זאָג איך.

מאריאשע. האָב נישט מורא פאר׳ן יצר הרע, האָב מורא פאר דער יצר הרע׳טע!

רבקה. און וואָס מיינט איהר עפּיס, איך וועל אויסהערען אלץ, וואָס איהר וועט רעדען און גאָרנישט?

טאמארע. אך, מאלע וואָס מי רעדט? קומט בעסער אַנ־קוקען דאָס צימער. (שלעפּט זי צו דער ארויסגאנג־טיר.)

רבקה. וואָס בין איך דאָס עפּיס? א פּובליטשנע פרוי בין איך עפּיס? וואָס רעדט איהר עפּיס אזוי וועגען מיר?... (זי ווערט ארויסגעשלעפּט דורך טאמארען, וועלכע מאכט צו הינטער זיך די טיר.)

שמחה (שפּרינגט אויף). איהר ווילט איהר דוקא פאַרדינגען דאָס צימער, טאטע־מאמע אויף צו׳להכעיס? ! גוט, פאַרדינגט איהר! מיין פּוס וועט דאָ מעהר נישט זיין. ד׳זעה, וואָס׳ט שוין קומען, באמוליע, גוי, בהמה! ער דאַרף זי דאָ נויטיג. אָהן דעם מאַן וועט זי דאָ וואוינען! אין „פראַטשקעס“!... די גערעאָטענע סחורה! שוין לאַנג שטיל געוועזען מיט דיר... מיין פּוס וועט דאָ נישט זיין... טפו!... באמוליע!... חם!.

מאריאשע. וואָס, ער איז נישט גערעכט, וואָס?

יענקעל. אַט דערפאַר, וואָס איהר האָט אזוי מורא, אַט דוקא! איך קאָן שוין מעהר נישט אריבערטראָגען אייער מורא פאַר מיר. עס קעהרט מיר זיך שוין אָן די גרינע גאַל. ווען וועט עס שוין נעמען א סוף? גוט, איך בין געווען... איך בין געוועזען אלץ, וואָס אין א קאָרט. אָבער איך בין עס דאָך שוין נישט מעהר! וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען? אייגענע טאטע־מאמע — די ערגסטע שונאים! אלע האָבען מיר דאכט זיך פאַרגעסען, וואָס איך בין געוועזען, און נאָר איהר נישט. דאָס איז דאָך נישט אריבערצוטראָגען! אייגענע טאטע־מאמע...

מאריאשע. אייגענע טאטע־מאמע! און דו אליין האָסט דיר פאַרגעסען, וואָס דו ביזט געוועזען? איך האָב דען נישט געזעהן, אז דו אליין האָסט זי נישט געוואָלט. וואָס׳טו עפּיס געמאכט פאַר א חן׳דלעך, וואָס?

יענקעל. ווען אפילו? איז איך מאָג, און איהר טאָרט נישט. איך מאָג מורא האָבען פאַר זיך אליין, אָבער איהר נישט.

קיינער נישט, פערשטעהסט איהר מיך! ווען א פרעמדער וואָלט עס מיר געזאָגט, וואָלט איך איהם צוקוואשעט די מאָרדע. און איך וויל עס פון אייך אויך נישט הערען, פערשטעהט איהר מיך. איך אליין מאָג, איהר נישט. און אצינד האָב איך אויך קיין מורא נישט. מאָג דאָרטין וואוינען דער יצר הרע מיט דער יצר־הרע׳טע צוזאמען. מיט א נאקעטער יצר הרע׳טע אפילו!...

שמחה. ווערטער! ווערטער! ריידעלעך שיינע! מיין פוס וועט דאָ נישט זיין...

יענקעל. זאָל נישט זיין... קום נישט... וועסט זיך אי־בערבעטען... ניש־קשה...

שמחה. שיין... גוט... זאָל נישט זיין, זאָגט ער... קום נישט... א פגירה זאָל אויף דיר קומען!... כאמוליע... איך וואָלט געהאט מיין בייטש מיט זיך, וואָלט איך... וועסט זעהן, ווארט, וועסט זעהן... גוי! מיין פוס וועט דאָ נישט זיין... (געהט אוועק, א שטאַרקען קלאפּ טוענדיג מיט דער טיר).

יענקעל. ט׳צעך איבערבעטען, ניש׳קשה.

מאריאשע. „ט׳צעך איבערבעטען, ניש־קשה“! דו ווילסט שוים פטור ווערען פון טאטע־מאמען, אבי זי האָבען פאר א שכנה. טרייב, טרייב, וועסט זיך שוים דערטרייבען... אָבער דאָס זאָג איך דיר, לאָ׳מיך דערזעהן, אז דו העבסט אָן צו מאכען דיינע אמאָליגע קונצען, און טאמארע וועט אָנהעבען ווייגען נאָך איהרע יאָהרען און טעג...

יענקעל. דו זאָלסט שווייגען, הערסטו! איך וויל דאָס נישט הערען! זאָלסט מיך לאָזען צורוה! מאך מיך נישט משוגע, מאך מיך נישט!

טאמארע (איילט אריין). וואָס׳ט׳צעך אזוי צושריען? וואָס טוט זיך דאָ? וואו איז דער שווער?

מאריאשע. ט׳צעך צושריען! אויף די ציינער זאָל ער שרייען. ער קאָן נישט הערען, אז מי זאָגט איהם דעם אמת.

טאמארע. דער שווער איז אוועקגעגאנגען? דאָס'ט ער דאָס אזא קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר?

מאריאשע. וואָס דען? זיין פּוס וועט שוים דאָ מעהר נישט זיין, האָט ער געזאָגט.

טאמארע. ווער מיר נישט, וואָס איז דאָס פּאר א ווערטער?

מאריאשע. ער איז נישט גערעכט, וואָס? איהר וועט שוין זעהן, צו וואָס ס'וועט קומען ביי אייך מיט דער שטיק דאָ...

יענקעל. זאָל דאָס זיין גענוג, האָב איך דיר געזאָגט, זאָל דאָס זיין גענוג!

טאמארע. ווער מיר נישט, ווען איך וואָלט דאָס אפּריער געוואוסט... אָבער עס איז גוט אזוי.

מאריאשע. וואָס איז דאָס גוט אזוי, וואָס? וואָס דער שווער וועט מעהר נישט קומען?

טאמארע. ניין, זאָל גאָט אויסהיטען, נישט דאָס, נישט דאָס. אָבער — עס איז גוט אזוי... וואָס'ט'צעך אזוי געמאכט... איהר וועט...

מאריאשע. טאָכטערקע, איך זאָג דיר, דו דארפסט זי דאָ נישט האָבען.

טאמארע. זי איז שוין אוועק נאָך איהרע זאכען.

מאריאשע. וועט זי זיי אוועקנעמען צוריק.

טאמארע. דאָס געהט נישט, שוויגער.

מאריאשע. נו, אויב אזוי, טאָ לאָ'מיך באַטש נישט זיין אין שטוב, ווען דאָס שטיק אומגליק וועט זיך אהער ארייננקלייבען.

יענקעל. עס איז משוגע צו ווערען! וואָס האָבען זיי זיך אריינגענומען אין קאָפּ? משוגעים, פּראָים, וואָס האָט איהר זיך אריינגענומען אין קאָפּ?

מאריאשע (צונויפלעגענדיג די זאַק). אָט אזוי אָ, רוף נאָך טאטע־מאמע משוגעים און פּראים, אָט אזוי אָ, לאָ'מיר פון דיר

האָבען אביסעל כבוד. — מיר וועלען שוין פון דיר האָבען כבוד, ווארט, מיר וועלען שוין האָבען.

טאמארע. שוויגער, ווירקליך, דאָס איז דאָך עפּיס א קינדעריי. וואָס האָט איהר זיך דאָרטין ארייגגענומען אין קאָפּ?

מאריאשע. זאָל זיין, זאָל זיין...

טאמארע. איהר דארפט'אָך נישט אזוי אנטלויפען.

מאריאשע. ווי פון פייער דארף מען דאָ אנטלויפען. איך וויים, וואָס דאָס איז, איך וויים. א גוטען טאָג!

טאמארע. אָבער, שוויגער...

מאריאשע (איילט ארויס).

יענקעל. ס'איז משוגע צו ווערען! ס'איז משוגע צו ווערען! זיי קאָנען איינעם טאקע אויפ'ן פייער ארויפברייננגען.

טאמארע. דו האָסט זיי גוט אָנגעשראָקען פאר אלע דיינע יאָהרען.

יענקעל. עס מוז דאָך אָבער שוין נעמען א סוף. טאָמער וואָלט איך שוין גאָר פארגעסען, וואָס איך בין א מאָל געוועזען, איז הערען זיי נישט אויף צו דערמאָנען מיך. ווי אויף צו להכעים! ווי אויף צו להכעים!

טאמארע. וואָס ארט דיך? אבי דו ביזט שוין נישט דאָס, וואָס געוועזען, אבי דו ווייסט, אז דו ביזט שוין אן אנדער מענש.

יענקעל. אבי איך וויים! און דו ווייסט עס נישט?

טאמארע. דו ווייסט, וואָס איך וויים, און בערוהיג זיך.

יענקעל. דאָס בלוט האָבען זיי אויפגעקאָכט אין מיר. איך פיהל, אז איך וואָלט איך וויים נישט וואָס. שרייען וואָלט איך אצינד, אויף וואָס די וועלט שטעהט. טשאָרט פּאָבערי, איך מוז געהן און קלאַפּען מיט'ן האמער אויף דער נאקאוואלנע!... עפּיס...

(ווארפט אום מיט די הענד, ווי ער וואָלט געקלאַפּט מיט'ן האמער.)

טאמארע (גלעט איהם). בערוהיג דיך, יענקעלע, בערוהיג דיך. קום, איך וועל מיך לעגען אויפן דיוואן, און דו זעץ זיך צו מיר צו און דערצעהל מיר עפּעס. (זי זעצט זיך.)

יענקעל (אויפגערעגט, זעצט זיך צו צו איהר). זיי קענען דיך נישט, דאס איז די גאנצע צרה. און זיי קענען מיך נישט. זיי מיינען, אז זיי קענען מיך. אסור אויב זיי העבען מיך אן צו קענען.

טאמארע. און דו קענסט דיך?

יענקעל. איך — וואס? צו איך קען מיך? וואס איז דאס פאר א שאלה? און ווער קען זיך דאס נישט? א ודאי קען איך מיך.

טאמארע. איז גוט, אז דו מיינסט אזוי.

יענקעל. וואס הייסט, אז איך מיין אזוי? און דו מיינסט אנדערש?

טאמארע. איך מיין, אז א מענש קען זיך אזוי ווענינ, ווי די אנדערע קענען איהם. אפשר נאך וועניגער.

יענקעל. דאס איז פאר מיר סתרי תורה, וועלכע איך האב אפילו פון רבי'ן אין בית מדרש נישט געהערט.

טאמארע. אבער דאס איז אזוי. קיין מענש קאן פאר זיך דערפאר נישט ערוב זיין.

יענקעל (בעליידיגט, שפרינגט אויף). ווילסטו זאגען, אז איך קאן פאר מיר נישט ערוב זיין, אז איך וועל נישט אויסהאל־טען, וואס איך האב זיך פארגענומען? דאס ווילסטו זאגען, הא?

טאמארע. ווער רעדט דא וועגען דיר, שוטה'לע? דו האסט בעוויזען, אז דו קאנסט אויספיהרען מיט זיך, וואס דו ווילסט. דער עיקר, מע דארף נאר קאנען וועלען, און דו האסט דאס געקאנט. קום, זעץ דיך ווידער לעבען מיר.

יענקעל (געהט ארום אויפגערעגט).

טאמארע. נו, ווילסטו נישט קומען צו מיר?

יענקעל (אומגעהענדיג). ווארט... האסט פריער געזאגט, אז ס'איז גוט אזוי, וואס זי וועט וואוינען ביי אונז. וואס האסטו געמיינט דערמיט? פאר וואס איז דאס אזוי גוט?

טאמארע (פארזיכטיג). וואס האב איך דערמיט געמיינט?

— נו, א ודאי איז דאָס גוט אזוי. אזוי ציטערען זיי אַלץ פאר דיר, אז ס'איז גאָר א סכנה, דו זאָלסט א קוק טאָן אויף א מיידעלש קליידעל, זאָלען זיי איצטער זעהן, אז ס'איז קיין סכנה נישט. איז עס נישט אזוי?

יענקעל. איך האָב חושד געווען עפּיס אנדערס.

טאמארע. וואָס האָסטו געקאָנט חושד זיין, קינדעניו?

יענקעל (זעצט זיך צו צו איהר). אָט גאָר נישט. איך מיין, אז דו האָסט געמיינט, אז דו אליין ווילסט מיך אויספּרובירען.

טאמארע (פּערלענגען). וואָס דיר קאָן איינפאלען!

יענקעל. האָב איך נישט געטראָפען, הא?

טאמארע. אי, געה!

יענקעל. ווען דאָס וואָלט געווען אזוי, וואָלסטו מיך שטארק בעליידיגט.

טאמארע. טיק דארפסטו גאָר אזוי נישט טראכטען.

יענקעל. איז אז דו האָסט אזוי נישט געמיינט, וועל איך אזוי נישט טראכטען. פאר וואָס ביזטו אָבער אזוי רויט געוואָרען?

טאמארע. אי, געה, זעה, יענקעל, עפּיס איז דאָך יעצט גאָר נישט אריבערצוטראָגען פון דיר.

יענקעל. האהאהא, איך בין א פראָסטער חי וקים. וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג.

טאמארע. געה, דו ביזט אצינדערט א שלעכטער מענש. דו שרעקסט מיך איצט.

יענקעל. איז ניין, ניין, ניין... איז, שא, טיק גיב מיר א גוטען קוש... אָט אזוי אָ... און אוים! נישט מעהר רעדען. מיך פארדריסט שוין אויפ'ן גאנצען עסק. טאָמער זאָלען מיר איהר מאקע נישט פארדינגען?

טאמארע. זי איז אוועק נאָך איהרע זאכען.

יענקעל. צו וואָס דארפען מיר זי דאָ טאקע האָבען? א פרוי אין „פראָטשקעס"! איך האָב פיינט א אידענע אין „פראָטשקעס".

טאמארע. אצינד איז שוין צו שפעט. מען קאָן זי דאָך אזוי נישט מבייש זיין.

יענקעל. פטור נו, פאראן דאָ פאר וועמען צו שעמען זיך.

טאמארע. זאָג דו איהר אָב, אויב דו ווילסט. איך וועל דאָס נישט קענען.

יענקעל. דו מיינסט׳אָך נישט, אז איך האָב מורא, זי זאָל ביי אונז וואוינען?

טאמארע. העבט זיך נישט אָן.

יענקעל. די עלטערן וועלען אָבער מיינען, אז דו האָסט זיך דערשראָקען און משלח געוועזען זי.

טאמארע. דו וועסט זי דאָך משלח זיין.

יענקעל. איך מיין, אז זיי וועלען מיינען, אז מיר האָבען זיך פאָרט דערשראָקען און אז זיי זיינען גערעכט, וואָס זיי זיינען נישט זיכער אין מיר.

טאמארע. וואָס גערהט עס דיך אָן? די עלטערן וועלען זיין צופריעדען און זאָלען זיי מיינען, וואָס זיי ווילען.

יענקעל. דאָס וויל איך נישט. איך וויל, אז קיינער זאָל וועגען מיר נישט טראכטען, ווי וועגען דעם אמאָליגען שאָלטיק.

טאמארע. איז וואָס ווילסטו?

יענקעל. זאָל בלייבען ביים אלטען — האָ? ווי? זאָל זי זיך וואוינען דאָרטין ביי אונז. וואָס ארט אונז, ווער זי איז? מיר וועלען דאָך סיי ווי סיי אפשר האָבען א שכנה. וואָס ארט אונז, ווער עס וואוינט דאָרטין? נישט אזוי, וואָס?

טאמארע. פערשטעהסט זיך.

יענקעל. וואָס רעדסטו מיר עפּיס אזוי קורץ, אקוראט... אקוראט ווי דו וואָלסט געטראכט עפּיס אנדערם?!

טאמארע. האהאהא, ביזט אָבער א מאָדנער מענש! אז מיך ארט אין גאנצען נישט. ווילסט זי משלח זיין, זיי זי משלח; ווילסט, זי זאָל בלייבען, זאָל זי בלייבען.

יענקעל. ניין, עפּיס אין גאנצען ווי דו רעדסט.

טאמארע. ווילסט קלאָרע דיבורים?

יענקעל. א ודאי קלאָרע דיבורים, נאָר קלאָרע דיבורים.

טאמארע. דארפען מיר זי דאָ נישט האָבען. אז צוליעב איהר זאָל דער טאטע צו אונז נישט קומען, לוינט זיך א ודאי נישט.

יענקעל. איז דאָס ביי דיר אַן אויסרעד?

טאמארע. א וואָס?

יענקעל. איך מיין, צו האָסטו דאָך נישט מורא.

טאמארע. האָדיע רעדען! מעהר רעד איך שוים נישט מיט דיר וועגען דעם. זי וועט קומען, זאָל זי בלייבען.

יענקעל. דו דארפסט זיך נישט בעליידיגען.

טאמארע. האָדיע רעדען! דו האָסט אליין מורא פאר זיך און דו זוכסט זיך און ווייסט נישט, וואָס דו ווילסט.

יענקעל. איך האָב פאר מיר קיין מורא נישט, טאמארע, אָבער איך וויל, אז איהר אלע זאָלט נישט מורא האָבען.

טאמארע. מיר האָבען עס שוין געהערט.

יענקעל. איז דאָס אַן עולה?

טאמארע. איז גוט, איז גוט... עמיצער געהט דאכט זיך צו אונז.

רפאל (געזיכט צושלאָגען און צודראפּעט, קומט אַריין). גוטען טאָג!

יענקעל און טאמארע. גוטען טאָג!

רפאל. איז רבקה דאָ נישט געוועזען?

טאמארע. געוועזען.

רפאל (זעצט זיך). האהאהא, ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט. וועגען אייער צימער, וואָס?

טאמארע. יאָ.

רפאל. העהעהע, אין „פּראָטשקעס" וויל זי פון מיר.

יענקעל. זי האָט דאכט זיך אייך אָנגעבראָכען די ביינער אויך, ווי? דאָס האָט זי אייך געמאכט דעם סיניאק?

רפאל. העהעהע, זי, זי אליין, העהעהע...

יענקעל. אי, רב רפאל, איהר זייט דאָך עפּיס גאָר קיין מאנסביל נישט.

רפאל. העהעהע, ווי הייסט, איך בין קיין מאנסביל נישט? וואָס דען בין איך עפּיס? א אידענע בין איך, וואָס? העהעהע.

טאמארע. ווי קאָן זיך א מאן לאָזען אזוי טרעטען מיט די פיס?

רפאל. אז מ׳ האָט ליעב די ווייב, לאָזט מען זיך טרעטען מיט די פיס, העהעהע.

יענקעל. איהר זייט א גרויסער שוטה, זאָלט איהר מיר מוחל זיין. איידער צו ליידען פון אזא אידענע, נעמט מען און מ׳ שלאָגט מיט איהר כפּרות און מ׳ שיקט זי אוועק צו אל׳די שווארץ יאָהר. אויף דארויף איז דאָך עפּיס פראן ביי אידען א גט. פאר וואָס גט איהר זי נישט אָפּ? וואָס האָט איהר פון איהר?

רפאל. העהעהע... איז, הייסט עס, וויל זי זיך ארייגקלייבען צו אייך אין שכנות? העהעהע... און איהר וועט זי ארייגלאָזען? העהעהע...

יענקעל. פאר וואָס זאָלען מיר זי נישט ארייגלאָזען? ווייל איהר ווילט זי נישט גט׳ן?

טאמארע. עס איז א רחמנות אויף איהר אויך. זי וויל פאָרט מיט אייך נישט לעבען.

רפאל. העהעהע... פאר רחמנות האָט איהר גאָר נישט גע־דארפט חתונה האָבען מיט רב יענקלען. וואָרום, העהעהע, זי האָט אויף איהם נאָך פריער געהאט אן אויג, העהע.

יענקעל. וואָס רעדט איהר דאָרטין, וואָס?

רפאל. אָט איהר געדיינקט׳אָך, אז זי האָט זיך געוואָלט בייטען.

טאמארע. זי האָט דאָך דאָס נישט געמיינט ערנסט.

יענקעל (אויפגעבראכט). אזעלכע וויצען מאכט מען נישט,

פארשטעהט איהר מיך! פאר אזעלכע וויצען קאָנט איהר נאָך קריי־
גען פון מיר א חלק.

רפאל. וואָס האָב איך געזאָגט? איך האָב דאָך גאָר נישט
געזאָגט. האָב איך דען געזאָגט, אז איהר'ט געהאט אן אויג אויף
איהר?

יענקעל. וואָס אויג? וועז אויג?

רפאל. העהעהע...ביידע אויגען... ביידע אויגען האָט זי
געהאט אויף אייך. די צרות האָט זי מיר אָנגעהויבען אָנצוטאָן,
ווי זי האָט נאָר בעקאָנט מיט אייך, ווי איהר זעהט מיך לעבען,
העהעהע. גלייך ווי איהר האָט מיט איהר צום ערסטען מאָל א רעד
געטאָן אָדער א שפּיעל געטאָן, העהעהע...

יענקעל. רעדט נישט קיין נארישקייט!

רפאל. העהעהע... אָט גלייך פון דעם ערסטען מאָל האָט זי
שוין אָנגעהויבען שרייען, איך זאָל זי גט'ן. גלייך האָט זיך איהר
פארוואָלט פּטור צו ווערען פון מיר און ארייננכאפּען אייך,
העהעהע...

יענקעל. איהר ווייסט, וואָס מיר ווילט זיך יעצט?

רפאל. העהע, פון וואנען זאָל איך וויסען, וואָס אייך ווילט
זיך?

יענקעל. מיר ווילט זיך צוקוואשען אייך די צורה.

טאמארע. אָבער, יענקעל, שעם דיך!

רפאל (שפּרינגט אויף). העהע... וואָס עפּיס? וואָס האָב
איך דאָ אזוינס געזאָגט?

יענקעל. געהט אין אַל'די רוחות מיט אייער ווייב צוזאַ־
מען! געהט זאָגט איהר, זי זאָל זיך נישט דערוועגען צו קומען
אהער! געהט שנעל, זי איז געגאנגען נאָך איהרע זאכען. זאָגט
איהר, אז איך וועל זי ארויסוואַרפען מיט די זאכען צוזאמען.

טאמארע. אָבער, יענקעל!

רפאל. העהע, איך וועל עס איהר זאָגען, א ודאי וועל איך
עס איהר זאָגען, נאָך ווי וועל איך עס איהר זאָגען. איך לויף, און

ווי נאָך לויף איך!... נאָך די זאכען איז זי שוין געגאנגען? הערסטו! (געהט אוועק.)

טאמארע. אָבער, יענקעל, ווי אזוי האָסטו געקאָנט...?

יענקעל. זיין נס, וואָס ער האָט זיך אָבגעטראָגען. איך האָב געפיהלט...

טאמארע. וואָס'טו געהאט צו איהם נעבעך?

יענקעל. אזעלכע פּאסקודסטוועס! פון שטוב וועל איך זי ארויסטרייבען, אז זי וועט זיך דערוועגען צו קומען. דו פאַרשטעהסט א גאנג פון א פרוי?

טאמארע. איך פארשטעה גוט איהר גאנג. איך האָב פארשטאנען פון אָנהויב אָן.

יענקעל. דו האָסט פארשטאנען? וואָס האָסטו פארשטאַנען?

טאמארע. אז נישט אומזיסט וויל זי זיך בעזעצען דוקא ביי אונז.

יענקעל. און דאָך האָסטו זי געוואָלט ארייגלאָזען.

טאמארע. איך האָב פאר איהר קיין מורא נישט. דיך וועט שוין קיינער ביי מיר נישט אוועקנעמען.

יענקעל. דאָך. דאָס זאָגסטו אצינדערט אזוי. אין אָנהויב האָסטו זיך דערשראָקען.

טאמארע. האָב איך?

יענקעל. נאָך ווי! מיין מאמע איז א קלוגע. זי האָט עס גלייך ארויסגעלייענט ביי דיר ווי פון סידור.

טאמארע. האָסטו זיך דאָך אויך דערשראָקען.

יענקעל. אָבער ד ו האָסט זיך נישט געדארפט דערשרעקען.

טאמארע. שרעק איך מיך טאקע נישט.

יענקעל. אצינד, ווייל דו ווייסט, אז זי וועט דאָ מעהר נישט וואוינען.

טאמארע. איך האָב דיר נישט געזאָגט, דו זאָלסט זי נישט אַריינלאָזען.

יענקעל. מילא, דו ביזט גערעכט.

טאמארע. יענקעל, איך וויל איבערהויפּט נישט, דו זאָלסט מיט מיר אַזוי רעדען.

יענקעל. וועל איך שווייגען. איך געה אין קוזשנע.

טאמארע. און אַזוי וועסטו פון מיר נישט אַוועקגעהן. גיב מיר דיין האַנט און...

רב אהרן און פרומע (קומען אַריין). גוטען טאָג!

טאמארע. זעה נאָר, דער פעטער מיט דער מוהמען, אין א מיטען מיטוואָך. גוטען טאָג אייך! וואָס עפּיסביידע אַוועק פון קראָם?

פרומע. טאָר מען זיך נישט מאַכען יום־טוב א מאָל? מע דאַרף דאָס זיין שטענדיג צוגעבונדען צו דער קראָם? לאָזט מען די מיידעל אין קראָם און אַליין מאַכט מען זיך א שטיקעל יום־טוב.

טאמארע. טאַקע, וואָס עפּיס?

פרומע. זעה, טו נאָר א קוק, מע טאָר גאָר שוין צו דיר נישט קומען?

טאמארע. די אָנגעלעגטעסטע געסט. יענקעל, נעם זיך ווידער צום סאַמאָוואַר.

רב אהרן. ניין מיר ווילען קיין טיי נישט, מיר זיינען געקומען אויף א מינוט.

טאמארע. הייסט דאָס, דאָך עפּיס זעהר וויכטיג.

רב אהרן. דו ביזט גערעכט, מיר ווילען מיט אייך עפּיס איבעררעדען. דער שווער איז ביי אונז געוועזען אין קראָם...

יענקעל (ברעכט אויס אין א געלעכטער).

טאמארע. נא, יעצט ווייסען מיר, אום וואָס עס האַנדעלט זיך.

פרומע. ווי איז אייך גאָר איינגעפאַלען אַריינצולאַזען אַזא פּאַסקודסטווע צו אייך אין שטוב?

טאמארע. איז דאס אזוי וויכטיג, אז איהר זייט אוועק פון קראם?

פרומע. וויכטיג צו נישט וויכטיג, די לויזונג איז סיי ווי סיי נישט אזוי גרוים, און די געשעפטען ברענען נישט, און דער שוער איז צוגעשטאנען, מיר מוזען ביידע געהן, זיינען מיר גע־נאנגען.

רב אהרן. און עס איז טאקע וויכטיג אויך. איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז איך בין א פארצאפעלטער געווארען, אז איך האב דערהערט, אז איהר ווילט איהר אבגעבען דאס צימער. ווארום ווערליג רפאל האט מיר דערצעהלט...

טאמארע. אך, מאלע וואס דער פרא אדם דערצעהלט!

פרומע. אין זיין געשעפט איז ער שוין דוקא קיין פרא אדם נישט.

רב אהרן. און אז צוואנציג מאל א פרא אדם, קיין ליגנער איז ער דאך נישט.

טאמארע. און ווען ארט עס, וואס זי האט דארטין א מאל געטראכט און געפלאנעוועט.

רב אהרן. ווי הייסט? וואס רעדסטו, קינד? אזא פרוי האבען מיט זיך אונטער איין דאך, איז גאט וויים, צו וואס דאס קאן קומען.

יענקעל. צו וואס קאן דאס קומען, צו וואס?

רב אהרן. צו וואס קאן דאס קומען, צו וואס? דארף איך דיר זאגען, צו וואס דאס קאן קומען?

יענקעל. צו גארנישט קאן דאס קומען, צו גארנישט!

פרומע. א נייער צדיק אין פעלץ!

טאמארע. איהר דארפט נישט אזוי טראכטען וועגען איהם.

רב אהרן. אז איהר זייט אזוי זיכער, פרעהט עס מיך זעהר שטארק, אבער וואס גלייכער, איז גלייכער. דערוויימערט זיך

פון א זאך, וואָס קאָן ברייננגען צו אן עבירה, האָבען אונזערע חכמים געזאָגט.

יענקעל. ווי איהר זעהט מיך לעבען, אז... אז... איידער איהר זייט געקומען, האָב איך געווען בעשלאָסען, נישט אריינצור־לאָזען זי צו מיר אין שטוב. דאָ איז געוועזען רפאל און איך האָב איהם ארויסגעטריבען און אָנגעזאָגט, ער זאָל איהר זאָגען, אז זי זאָל זיך נישט דערוועגען צו קומען. און אצינד, ווי איהר זעהט מיך לעבען, רייצט איהר מיך, איך זאָל איהר דוקא פארדיננגען דאָס צימער.

רב אהרן. רייצען מיר דיך? ווי הייסט, רייצען מיר דיך?

פרומע. אָט האָסטו דיר גאָר! מיר רייצען איהם? וואָס האָבען מיר דיר דאָ אזוי פוגע בכבוד געוועזען? וואָס איז? מע טאָר דיך חס ושלום נישט חושד זיין? ווי לאנג ביזטו דאָס גע־וואָרען אזא צדיק, אז דער יצר הרע קאָן שוין אויף דיר קיין שליטה נישט האָבען?

יענקעל (קרעכצט בייז ארויס). הע!

טאמארע (בייז). שטעלט אייך פאָר, מומע, אז ער איז געוואָרען אזא צדיק!

פרומע. וואויל דיר, אז דו גלויבסט איהם.

טאמארע. איך גלויב איהם! איך גלויב איהם!

פרומע. שאַ, דארפסט'אָך אויף מיר אזוי נישט שרייען.

רב אהרן. טאקע, דו דארפסט אזוי נישט שרייען. וואָס זיינען מיר דען אויסען? מיר זיינען דאָך אויסען בלויז דיין טובה.

פרומע. אָבער ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אז מיר זאָלען נישט געהן און נישט אריינמישען זיך, און זאָלען זיי טאָן, וואָס זיי ווילען. אז זי איז אזא נאר און וויל זיך שפיעלען מיט פייער, טאָ זאָל זי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואנד.

רב אהרן. ששש, אָהן קללות, אָהן קללות, מיר וועלען בעסער מיט גוטען איבעררעדען...

רבקה (קומט אריין, שטופענדיג פאר זיך רפאל'ן, וועלכער טראָגט אַ גרויסען פאַק קליידער, איינגעבונדען אין אַ דעקע).

רפאל. העהעהע... אָט איז זי דאָ אליין. זאָגט איהר, וואָס איהר האָט מיר געהייסען איהר זאָגען. מיר גלויבט זי נישט, העהעהע...

רבקה. פקח מיינער, אויף אַ שיינער המצאה איז ער געפאלען, איך זאָל אהער נישט געהן. ער האָט געפונען, וועמען צו נארען. האָט ער טאקע געדארפט מיר שלעפען אהער דעם פאַק.

רפאל. איך האָב איהם געשלעפט אהער און וועל איהם שלעפען צוריק, העהעהע...

פרומע. און מאך עס טאקע וואָס גיכער.

רב אהרן. זי וועט דאָ נישט וואוינען, און נעם טאקע צוריק דעם פאַק.

רפאל. העהעהע... זעהסטו, האַ? (העבט דעם פאַק.)

רבקה (רייסט ביי איהם ארויס דעם פאַק). ווארט, האָב נאָך צייט. עפּיס אזויפיעל בעלי־בתים דאָ. (ווענדט זיך צו יענקלען און טאמארען.) וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען, האַ?

רב אהרן. ערשטענס, וואָס איז דאָס פאר אַן אופן איבערהויפּט אנטלויפען פון מאַן, אוועקגעהן אין „פּראַטשקעס"? וואו האָסטו דאָס געזעהן? האָט זיך דיין מאמע אויך אזוי אויפגעפיהרט?

פרומע. איהר וויל ער זאָגען מוסר, די פערשטאָכענע אויגען!

רבקה (צו פרומען). און איך וויל טאקע נישט, מען זאָל מיר זאָגען מוסר! איך קאָן אויסקומען אָהן מוסר־זאָגען אויך. ווען איהר וואָלט געפּרובט לעבען מיט אזא שלאַק...

רפאל. העהעהע...

רבקה. וואָלט איהר געוואוסט, ווי מען אנטלויפט אין פּראַטשקעס, וואָלט איהר געוואוסט אלץ. וואָלט איהר זיך געוואונדערט, וואָס מען ווארפט זיך נישט אריין אין טייך.

פרומע. דער בעסטער אָרט פאר דיר.

רבקה. ווער עס וויל אין טייך, מאָג א הינצו געהן.

רב אהרן. ששש... און צווייטענס, אז דו ווילסט שוים אוועק אין פּראַטשקעס, טיק האָב דיר אַכטציג שווארצע יאָהר און געה, אָבער וואָס דארפסטו דוקא דאָ וועלען דינגען א צימער? דו חצופה דו, דיר פארדריסט, וואָס מען לעבט דאָ רוהיג? א אשת־אישניצע ווילסטו ווערען? וואָס מיינסט זיך דיר, וואָס?

רבקה. ווי? !... וואָס? !...

יענקעל (קרעכצט וויעדער בייז אַרוים). הע! (צו רבקה'ן.) איהר האָט ביי מיר געדונגען דאָס צימער? טיק נעמט אייער פּאַק און פארנעמט זיך אהין! געהט! שנעל! שנעל! (גיט א שטויס דעם פּאַק מיט'ן פוס צו דער טיר.)

רבקה. וואָס איז דאָס פאר אן אופן, וואָס? וואָס טוט זיך דאָ, וואָס? איהר מיינט, איך וועל מיך עפּיס לאָזען? !

יענקעל (גאַנץ אויסער זיך). געהט! געהט! איהר וועט זיך אויסטענען שפּעטער. געהט! (שטופּט זי.) געהט, אז נישט, וועל איך אייך טאקע ארויסווארפען אין גאנצען. געהט! (שטופּט זי אַרויס מיט'ן פּאַק.)

רפאל. וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? וואָס מיינט ער זיך עפּיס?

יענקעל (כאַפּט איהם אויך אָן). און איהר אויך! און איהר אויך! געהט צו איהר! געהט אין דר'ערד! טראָגט אייך אָב פון מיינע אויגען! (שטויסט איהם אַרויס און מאַכט צו די טיר מיט אַ קלאַפּ.)

רפאל (שרייט דאָרטין נאָך עפּיס הינטער דער טיר).

טאמארע. אָבער, יענקעל! אָבער, יענקעל, קום דאָך צו זיך!

פרומע. ער איז דאָך גאָר פשוט משוגע געוואָרען!

רב אהרן. וועה מיר נישט! וועה מיר נישט, דער גיהנום וועט זיך דאָך דאָ אויפעפענען!

יענקעל. נישט אייער באָבעם דאגה!

טאמארע. ששש, בערוהיג דיך, בערוהיג דיך.

פרומע (צו רב אהרן׳ען). איך האָב דיר אָבער געזאָגט, אז מיר זאָלען נישט געהן, אז מיר דארפען זיך נישט אריינמישען. איך האָב געוואוסט, מיט וועמען מיר האָבען דאָ צו טאָן. (נעמט איהם אָן פאר דער האַנד.) אצינד קום, מען זאָל נאָך אונז אויך נישט ארויסווארפען. (פיהרט איהם צו דער טיר.)

רב אהרן. וועה מיר נישט, דער גיהנום, דער גיהנום!

יענקעל. נישט אייער באָבעם דאגה!

טאמארע (פערשטאָפט איהם דאָס מויל מיט דער האַנד).

יענקעל (נעמט אראָב איהר האַנד פון זיין מויל און שרייט נאָך די אַוועקגעהענדיגע.) איך בין אזא צדיק, ווי איהר!

טאמארע. בערוהיג דיך! בערוהיג דיך! האָסט גוט אזוי געטאָן. (היסטעריש.) ס׳איז גוט אזוי! (הינטער דער טיר א גערויש פון קולות.)

# דריטער אַקט

אין אַ חודיש אַרום.

אין דער קוזשנע. פאַרנט לינקס א טויער, וואָס פיהרט צו דער גאַס, רעכטס א טיר, וועלכע פיהרט צום הויף, אין דער הינטערוואנד צווי קליינע פענסטער מיט פעררוסטע שויבען, דורך וועלכע עס דרינגט קוים דורך אַ שיין. דער אויווען שטעהט אין מיטען, מעהר צו דער הינטערוואַנד צו, דער בלאָזזאַק און די נאַקאָוואַלנע מיט די האַמערס געפינען זיך ביים אויווען נאָך פאָרנט צו. לינקס אין ווינקעל ביי דער הינטערוואַנד שטעהען אַ גרויסער שלייפשטיין און אַ צעבער וואסער. די פאָדלאָגע איז אָנגעוואָרפען מיט שטיקלעך אייזען, ביי דער וואַנד ליעגען אַלטע האָלאָבליעס, צובראָכענע אקסען, דוגעס א. א. וו.; אלטע רעדער שטעהען אָנגעשפּארט אָן דער וואַנד און אויף די וועגד הייגגען פערשידענע געצייג. — אין קוזשנע הערשט אַ האַלב דונקעל, פון הויף הערט זיך געזאַנג: מען זינגט א פרעהליכען אידישען ניגון.

א בעל עגלה (שטעהט אין טיר, אונרוהיג, איטליכע ווײלע אַרויסקוקענדיג דורך דאָס טויער, שרייט אַרויס אין הויף). נא, וועט ער שוין א מאָל קומען? ווי לאנג דארף מען אויף איהם ווארטען?

רבקה (פון הויף). ער קומט גלייך! ער קומט גלייך!

דער בעל עגלה. אז שוין נאָכ'ן ברית און נאָך דער סעודה, איז וואָס געדויערט דאָס ביי איהם אזוי?

רבקה. ער געהט שוים! ער געהט שוים!

דער בעל עגלה. א שיינער „ער געהט שוים“! א שעה, אז איך ווארט אויף איהם. (ער לויפט צום טויער און שרייט אַרוים.) אוועק פון וואָגען, אוועק! איך כאפּ גלייך די בייטש... (לאָזט זיך לויפען, מען הערט איהם שרייען.) א כאָליערע זאָל אויף אייך קומען! ווי די היישעריקען זיינען זיי בעפאלען! (מען הערט אַ געלעכטער

פון ענטלויפענדיגע קינדער. דער בעל־עגלה קומט צוריק.) און ער געהט נאָך אלץ נישט. (קוקט אַרויס אין טיר.) נא, דאָ קומט ער, דער מאכער, קוים מיט צרות!

י ע נ ק ע ל (אין הויף). נא, וואָס האָט אייך דאָרטין אזוי אָנגעשפּארט? היינט ארבייט איך נישט. ניטאָ היינט קיין ארביי־טען. (קומט אַריין שטאַרק אויפגעלעבט און אַ ביסעל בעטרונקען און ברומט אונטער דעם פרעהליכען ניגון, וועלכער האָט אויפגעהערט אין הויף.)

ד ע ר  ב ע ל  ע ג ל ה. איך וועל אייך געבען נישט קיין אר־בייטען. ביי מיר האָט זיך די אקס צובראָכען.

י ע נ ק ע ל. די אקס צובראָכען? נו, איז מילא, איז זי צו־בראָכען. קומט בעסער אריין און מיר'ן מאכען לחיים. די אקס וועט געזונד ווערען מאָרגען.

ד ע ר  ב ע ל  ע ג ל ה. מאָרגען, איך וועל אייך געבען א „מאָרגען"! (ווייזט איהם אויף די גאס.) קומט זעהט, וואָס עס טוט זיך: א פולער וואָגען מיט עפּעל. זאָל איך איהם אפשר לאָזען נעכטיגען דאָ אויפ'ן גאס און אויף זיין ביי איהם און היטען איהם?

י ע נ ק ע ל. היינט ווערט ביי מיר נישט געארבייט. דעם ארבייטער האָב איך געגעבען היינט פריי. היינט איז ביי מיר א גרויסער יום־טוב, פארשטעהט איהר מיך. א ברית! איהר פאר־שטעהט, א ברית! א בכור נאָך דערצו! ווערט נישט געארבייט! מיר שלעפּען אריין דעם וואָגען אין הויף און איך בין אייך ערוב פאר די עפּעל.

ד ע ר  ב ע ל  ע ג ל ה. דרעהט מיר קיין קאָפּ נישט, די עפּעל מוז איך אָבפיהרען נאָך היינט. ס'איז דאָך שוין נאָך דעם ברית און נאָך דער סעודה, איז וואָס ווילט איהר נאָך ווייטער?

י ע נ ק ע ל. היינט ווערט נישט געארבייט און באסטע, נישט גערעדט. קומט, מיר וועלען אריינשלעפּען דעם וואָגען אין הויף, נאָכדעם וועט איהר אריינגעהן מיט מיר אין שטוב און מיר'ן מאכען לחיים.

דער בעל עגלה. אסור זאל מיר זיין, אויב איך וועל אייך אבלאזען. די עפעל מוז איך נאך היינט צופיהרען צו דער לייווע, די לייווע געהט היינט ביי דער נאכט אוועק.

יענקעל. אין אלדי רוחות, פאר וואס זייט איהר נישט פארפאהרען צו ברוך'ן? ביי מיר איז היינט יום־טוב.

דער בעל עגלה. פאלג מיך א גאנג! אז די אקס האט זיך דא צובראכען, האב איך מיך געזאלט שלעפען צו ברוך'ן! ווי וואלט איך אהין פארפאהרען?

יענקעל. קאן נישט העלפען. ווערט נישט געארבייט. זאל דוכטען שבת.

דער בעל עגלה. חכם, שבת וואלט זיך דאך דאס ביי מיר נישט געמאכט. שבת וואלט דער וואגען געשטאנען ביי מיר אין הויף.

יענקעל (אויפגעבראכט). איז וואס ווילט איהר? זאל איך מיר צוליעב אייך פארשטערען מיין שמחה?

דער בעל עגלה. איז וואס ווילט איהר, אז צו־ליעב אייער שמחה זאל איך געמען און ווערגען זיך מיט די עפעל?!

יענקעל. איז דאס אפשר מיין באבעס דאגה?

דער בעל עגלה. איהר זייט דאך אבער א מענש מיט א הארץ, דארפט איהר דאך עפיס רחמנות האבען אויף.

יענקעל (אבגעקיהלט). אז אויסער דעם וועל איך גאר נישט קאנען ארבייטען. איך האב היינט, פארשטעהט איהר מיך, געמאכט א קנאק פאר אלע טעג פון א גאנץ יאהר.

דער בעל עגלה. פטור, נו, אויך א זאך.

יענקעל. און ווי וועל איך דאס קאנען מאכען, אז איך האב נישט רחמיאל'ן ביי מיר?

דער בעל עגלה. איהר וועט אייך שוין אן עצה געבען.

יענקעל. אין אל'די קאדיק זאלט איהר געהן! וואס'ט צעך דארטין ביי אייך צובראכען?

דער בעל עגלה. איהר'טאך געהערט. די אקס!

יענקעל. נאַ, אַ שיין שטיקעל ארבייט. נאַ, געהט מאכט נאָר לייכטער דעם וואָגען, איך וועל געהן אראָבנעמען פון מיר דעם יום־טוב און פארנאַנדערבלאָזען אַ פייער. — הם, אזוי נעמען און פארשטערען די שמחה! (געהט אַרויס אין הויף; דער בעל עגלה געהט אַרויס אין גאַס.)

רבקה'ס (שטימע אין הויף נאָך אַ לייגגערער פויזע). פטור, נו, איהר וועט זעהן, ווי איך וועל עס קאָנען. (קומט אַריין אָנגעטאָן מיט אַ גרויסען פארטוך איבער זיך און נעמט זיך פערנאַנדערבלאָזען אַ פייער, אונטערזינגענדיג שטיל פאַר זיך.)

יענקעל (קומט אַריין אין אַ ווייטע אַרום, איבערגעטאָן אין זיינע ארבייטסקליידער און אַ פלאַש בראָנפען אין האַנד). טאקע, וואָס דארפט איהר אייך עוסק'ן? דאָס איז נישט פאַר אייך קיין מלאכה, און איהר האָט זיך היינט שוין גוט אָנגעהאָרעוועט.

רבקה. פטור, נו, אויך מיר האָרעוואַניע. געסאַרווערט אַ ביסעל.

יענקעל. איהר וועט אייך אָבער מאכען גאַנץ שווארץ.

רבקה. וועל איך ווערען אַ שווארץ־חנ'עוודיגע. רויטע באַקען מיט שווארצע פלעקען — גאַר אַ קראַסאַוויצע. (דריקט דעם בלאָזזאַק און זינגט.)

יענקעל. געה איך דערווייליע צום שלאָק דאָרטין, וועל איהם העלפען אראָבנעמען פון וואָגען און ארויסנעמען די אקס. (געהט אַרויס אין גאַס.) נו, שלים מזל איינער, וואו האלט איהר?

דער בעל עגלה. אָט, ווי איהר זעהט. קומט העלפט, אין צווייען וועט זיין שנעלער.

יענקעל. אַ בעלנות צו פארשטערען אַ שמחה. נאַ, צור־ערפט לאָ'מיר כאָטש מאכען לחיים. (מען הערט זיי צוואווינשען זיך לחיים.)

רפאל (קוקט אַריין אין טיר, ציהט זיך צוריק און בעווייזט זיך ווידער; בלייבט אַזוי שטעהן מיט'ן קאָפּ אין טיר). העהעהע, ווערסט טאקע אַ שמיעד?

רבקה (ווי דערשראָקען פון זיין שטימע). טפוי, אַלע בייזע חלומות צו דיין קאָפּ! וואָס ווילסטו דאָ? וואָס ביזטו געקומען? טרעט אָב מיט גוטען, וואָרום איך וועל דיר געבען מיט אן אייזען אין קאָפּ.

רפאל. העהעהע, גלייך ווערסטו אין כעס. איך בין גע־קומען א קוק טאָן, ווי דו ארבייטססט. איך טאָר נישט קומען א קוק טאָן?

רבקה. אָבער טראָג זיך גלייך אָב, הערסטו! האָסט נישט, וואָס צו קומען נאָכקוקען מיר.

רפאל (קומט אריין אין קוזשנע). היינט בין איך א גאסט ביי יענקלען. היינט בין איך ביי איהם אויף א ברית, מאָג איך דאָך זיין, וואו איך וויל. מאָג איך דאָך אריינקומען אין קוזשנע אויך. א פשיטא שוין, אז אין קוזשנע געפינט זיך מיין ווייבעל.

רבקה. דיין ווייבעל? איך בין נישט דיין ווייבעל! האָסטו געהערט?

רפאל. נישט מיין ווייבעל? פטור, נו! אז דו ביזט שוין אין „פּראָטשקעס", ביזטו שוין נישט מיין ווייבעל? געה, קינד, ווער האָט דאָס דיר געזאָגט? כל זמן איך האָב דיך נישט אָבגע'גט, ביזטו נאָך אַלץ מיין ווייבעל.

רבקה. זאָלסט בעסער מיט גוטען אוועקגעהן.

רפאל. העהעהע, וואָס שרייסטו אזוי, נארעלע? דאָך נישט דיין קוזשנע. מילא, דו לאָזט מיך נישט אריין אין דיין חדר, איז, נו... דיין חדר, שליעסט איהם צו און פארטיג. אָבער די קוזשנע איז דאָך נישט דיינע.

רבקה. הערסטו, אויב איך וועל אצינד...

רפאל. אָך, רבקה, רבקה, דו האָסט גאָרנישט גאָט אין הארצען. ווי קאָן דאָס א מענש נישט האָבען גאָט אין הארצען?..

רבקה. געהסטו נישט אוועק?

רפאל. ששש... מילא... אָך... העהעהע, הערסט'אָך, דו ווייסט'אָך די פּערל, וועלכע מאַלקיניכע האָט ביי מיר פארזעצט.

היינטיגע וואך איז געווען דער סראק און זי האט זיי נישט אויס־געקויפט, האב איך מיר א טראכט געטאן, אז ווען מיין ווייבעל וואלט געוועזען אין דער היים, וואלט זי יעצט געהאט א שנירעל פערל.

רבקה. ווערג זיך מיט זיי! גיב זיי דיין צווייטער ווייב...

רפאל. מיין צווייטער ווייב? העהעהע, איך וויל זיך גאר מיט דיר עלטערן! (פון דרויסען הערט זיך, ווי מען העבט דעם וואגען, קרעכצענדיג, סאפענדיג.)

יענקעל (אין גאס). העכער א ביסעל... נאך א ביסעל העכער... אט אזוי א... אוף!...

רפאל. העהעהע, ווילסטו אפשר זעהן די פערל?

רבקה (ווארפט זיך צו איהם מיט די קולאקעס). זאלסט גלייך ארויסגעהן פון דאנען! זאלסט גלייך ארוים!

רפאל. געה איך, געה איך, נאר אהן כעס. (געהט ארויס.)

רבקה. דיין זוואניע זאל דא נישט זיין! (געהט צוריק צום בלאזזאק.)

יענקעל (דרויסען). נא, און יעצט נאך א „לחיים". — לחיים! אט אזוי א... (גלייך קומט ער אריין מיט דער אקס, נאך איהם דער בעל עגלה, וועלכער בלייבט שטעהן אין טויער.)

דער בעל עגלה. און מאכט עס א ביסעל גיכער, יענקעל, מאכט עס א ביסעל גיכער.

יענקעל. איך וועל עס שוין מאכען גיך, איך וועל עס שוין מאכען.

דער בעל עגלה. איך וועל דערווייל כאפען א דריי־מעל ביי די עפעל. (געהט אוועק.)

יענקעל. עס ווילט זיך מיר אזוי ארבייטען, ווי עס ווילט זיך מיר...

רבקה. געהן טאנצען.

יענקעל. הע—ע, טאנצען וואלט איך שוים גראד געוואלט.

עס בייסען מיר די פיס. אך, וואָלט איך דאָס א טאנץ געטאָן!
(העפט אָן צו זינגען דאָס פרעהליכע רעדעל און טאַנצט.)

רבקה (דריקט דעם בלאָזזאק, כאַפּט אונטער דעם ניגון און טענצעלט אונטער אויף איהר אָרט).

יענקעל. עה, אזוי נעמען און פארשטערען די גאנצע שמחה. (לעגט אַריין אין אייזען אין פייער.)

רבקה. איהר'ט אָבארבייטען, וועלען מיר נאָך געהן א טענצעל.

יענקעל. און נאָך ווי! און א „לחיים" אויך נאָך מאכען, און טאָקע גלייך. (ער טרינקט.)

רבקה. איהר האָט שוין היינט גענוג געטרונקען.

יענקעל. פּטור, נו! היינט איז מיין טאָג. ווי געפעלט אייך עפּיס מיין זוהנעניוק, הא? (נעמט אַ האַק און האַקט אַרום עפּיס אויף דער אקס.)

רבקה. דער טאטע מיט די ביינער.

יענקעל. א יאטעל, הא? העהעהע... א חברה־מאן, הא? א געזונד איהם אין אלע גליעדער! ווי ער האָט עס נעבעך גע־שריען, א געמבע א ביסעל, העהעהע... אויסגעקוקסט וואָלט איך איהם אלע גליעדערלעך. א־א־א פּוטשע—מוטשע—רוטשע... העהעהע. (זינגט און טענצעלט.)

שמחה (קומט אַריין פון הויף, אָנגעטאָן שבת'דיג). דאָס ארבייטסטו דאָ אזוי? טאנצט גאָר!

יענקעל. טאטע, עס העבט די פיס! אז דו וועסט היינט נישט טאנצען, וועסטו זיין ערגער ווי איך וויים נישט וואָס. האָסט זיך געריכט אויף אזא אייניקעל? זאָג אליין. אזא יונג מיט ביי־נער, אזא גראָבאטש, אזא — (בלאָזט אָן די באקען) אזא פּפו... העהעהע, טיק קום א טענצעל! (פערלעגט מיט איהם די הענד אויפ'ן אקסעל, זינגט.)

שמחה (נעמט אַוועק זיין האַנד). ארבייט און קום אין שטוב. אין שטוב טאנצען.

יענקעל. העהעהע, אין שטוב, אין קושנע, ד'וועל היינט אומעדום טאנצען, העהעהע... דו ביזט נאר אזא... העהעהע... זעהסט אבער, איך האב געזאגט, אז דו וועסט זיך איבערבעטען. איך האב געוואוסט, ווער עס וועט קומען. מיט א מאל נעמסטו און ווערסט מיר ברגז. עך, טאטוליע, אז אט—אט האט געדארפט אנקומען אזא גאסט, ווערסטו ברגז.

שמחה. דו שווייג שוין בעסער... שווייג, שווייג, בהמה!

יענקעל. זיי דאך אמאל מודה, אז דו ביזט אריבערגע־פאלען? וואס ביזטו מיט אמאל ברגז געווארען, וואס? וואס'ט צעך דערשראקען? דער יצר הרע אין שטוב! העהעהע... אט איז זי שוין א חודש אין שטוב... און וואס? איז זי. ווער קוקט זיך אויף איהר אום?... (די לעצטע ווערטער רעדט ער ארויס, ווי ער וואלט זיך פערכאפט און ענדיגט זיי אונטער דער נאז.)

רבקה. רב יענקעל, די אייזענס זיינען שוין רויט ווי צונטער.

יענקעל. זאל נאך ליעגען. — זעהסטו, הא, טאטוליע? ברגז געווארען!

שמחה. וואס'ט'צעך צורעדט? וואס'ט'צעך צורעדט? ארבייט! ארבייט!

יענקעל (נעמט ווידער די האק). איך וועל שוין ארבייטען.

שמחה. מאך פארטיג און ריין אין קום אריין אין שטוב.

יענקעל. דאס וויל איך טאקע. וואס ביזט דו אוועק פון שטוב?

שמחה (מיט א בייזען בליק אין רבקה'ס זייט). איך האב מיך פארביינקט נאך דיר.

יענקעל (איז שטעהן געבליבען אין זיין ארבייט און האלט אנגעשטעלט אויף איהם זיין בליק). אהא, האסט מורא געהאט צו לאזען מיך אליין מיט איהר? הא, דאס האסטו מורא געהאט? טיק געה גלייך אריין אין שטוב, אבער גלייך! (שטופט איהם צו דער טיר.)

שמחה. דו, דו!... דו נישט שטופּ זעך, פערד! ד'וועל וועלען, וועל איך אריינגעהן, ד'וועל וועלען, וועל איך דאָ שטעהן.

יענקעל. געה, געה, אָבער שנעל. — אָדער וואַרט, איך האָב פאַר דיר אַ גאַנג. געה און רוף מיר רחמיאל'ן. איך דאַרף איהם האָבען. איך וועל אליין נישט קאָנען עס מאַכען. געה, געה! געה אויף גיך!

שמחה. דו טרייב מיך נישט! בין נישט דיין טאַטענס משרת.

יענקעל. געה, געה, טו אַ טובה, אַז נישט וועל איך נישט פאַרטיג ווערען. (אונגעדולדיג.) געה, האָב פאַר גאָר נישט מורא!

שמחה. מיין טייערער קדיש, דו! באַמוליע! פערד! (געהט אַוועק נישט ווילענדיגערהייט, מיט חשד־אויגען בעטראַכטענדיג די בוידע.)

רבקה (דריקט דעם בלאָזזאַק, לאַנגזאַם, מיט איין האַנד, קוקט אין פייער מיט אַן ערנסטען געזיכט. גאַנץ פערפּלאָמט).

יענקעל (לאָזט אַראָב מיט כעס די האַק אויף די נאַקאָוואַלנע און קרעכצט בייז אָב). די גרינע גאַל געהט זיך אָן!

רבקה. דאַרף מען נאָך בלאָזען? די אייזענס זיינען שוין אַזוי רויט.

יענקעל (בלאָזט אָב פון זיך). פוי!

רבקה. וואָס'ט איהר געדאַרפט אַזוי אויפגעקאָכט ווערען? פון אלץ ווערט איהר נתפעל! זיי וועלען מורא האָבען, מורא האָבען, און וועלען אויפהערען. איך וועל מסתמא באַלד גאָר אוועקפאָהרען אין דאָרף.

יענקעל (דורכלאָזענדיג איהרע ווערטער מיט בייזקייט). הע!

רבקה. איהר דאַרפט שוין אַ ודאי אַרויסנעמען די אייזענס.

יענקעל (קומט צום אויווען). ניין, בלאָזט נאָך. (לעגט אַרויף זיין האַנד אויף איהר האַנד און העלפט דריקען דעם בלאָזזאַק).

רבקה (לעגט אַרויף איהר אַנדער האַנד אויף זיין האַנד און

דריקט, אנלעגענדיג זיך מיט'ן גאנצען קערפער). זייט איהר נאך אלץ אין כעס, הום?

יענקעל (לאכט גוטמוטיג שכורלער). זיי האבען מורא! מורא האבען זיי!

רבקה. אבי איהר האט נישט מורא, מאכט נישט אויס.

יענקעל. העהע... און ווער זאגט אייך, אז איך האב נישט מורא?

רבקה. ווי הייסט, ווער זאגט מיר? וואס דען? מורא האט איהר?

יענקעל (פאטשט איהר מיט דער אנדער האנד אויף דער באק). אי, א וויבעל זייט איהר! (כאפט זיך גלייך, נעמט אוועק אויך די אנדער האנד און געהט אב פון איהר.)

רבקה. איהר האט אבגעברענט די האנד, וואס?

יענקעל (מאכט זיך צו שאפען מיט עפּיס). ווייסט איהר נישט, וואס קומט שוין נישט רחמיאל? דעם טאטען אז מע שיקט.

רבקה. רחמיאל וואוינט א מהלך רב. איהר דארפט האבען א שומר? איך קאן ארייגרופען רפאל'ן.

יענקעל (פערלעגען). העהע... ניין, ס'איז שוין צייט ארויסצונעמען די אייזענס... העהע... רעכענט איהר באלד אוועקצופאהרען אין דארף?

רבקה איך וייס, איך רעכען... וואס איז, איהר וואלט וועלען פטור ווערען פון מיר?

יענקעל (פערלעגען). גאר עפּיס... פאר וואס זאל איך דאס וועלען?

רבקה. איך וויס, אבי נישט האבען א יצר הרע'טע אין שטוב.

יענקעל. העהע, א יצר הרע'טע זייט איהר שוים.

רבקה. בין איך? טאקע? וואס איהר קאנט זאגען! איהר קוקט'אך גאר נישט אין מיין זייט?

יענקעל. העהע... הלואי וואָלט דאָס געווען אמת.

רבקה. גאָר אזוי? איהר האָט יאָ געקוקט אין מיין זייט? און איך האָב דאָס גאָרנישט געוואוסט.

יענקעל. איהר זייט שוין איינמאָל א יצר־הרע'טע. מי טאָר אייך נישט ארייננלאָזען אין א אידישער שטוב. און פאָהרט טאקע אוועק אין דאָרף, פאָהרט, און וואָס שנעלער, אלץ בעסער. און אצינד קאָנט איהר געהן אין שטוב, געהט.

רבקה. זעהט, וואָס עפּיס מיט אמאָל? וואָס טרייבט איהר מיך?

יענקעל. ס'איז געזינטער, אז מ'זעהט אייך נישט, אז מי האָט אייך נישט לעבען זיך. איך—איך—איך בין נאָך נישט אין גאנצען אויסגעהיילט.

רבקה. אָרימער יענקעל! נישט אויסגעהיילט? איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אז איהר האָט געהאט עפּיס א קראנקהייט. איז דאָס עפּיס געווען א שלעכטע קריינק?

יענקעל. אך, איהר פארשטעהט מיך שוין גוט, מאכט זיך נישט, ווי איהר פארשטעהט מיך נישט.

רבקה. וואָס פארשטעה איך? אָסור, אויב איך העב אָן צו וויסען.

יענקעל. איהר פארשטעהט שוים גוט און טראָגט אייך אוועק.

רבקה. איך פארשטעה גאָרנישט און האָב מיך נישט וואָס אוועקצוטראָגען.

יענקעל (אויפגערעגט). פארשטעהט איהר מיך, איך האָב טרפה'נע דמים אין מיר, אָט וואָס! איך האָב געמיינט, אז זיי זייי־נען שוים ריין, אז איך האָב זיי שוים מעהר נישט... און א ליגען! איך האָב א טעות געהאט, זיי קאָכען נאָך אין מיר — אויסגערונען זאָלען זיי ווערען!

רבקה. וואָלט איך כאָטש עפּיס אָנהעבען צו פארשטעהן!

יענקעל. וואָס מאכט איהר זיך, אז איהר פארשטעהט

נישט, וואָס? עס ליעגט נאָך אין מיר דער אַלטער יענקעל, דער הונט ליעגט נאָך אין מיר, אָט וואָס! די מאַמע האָט דאָס געוואוסט, דער טאַטע האָט דאָס געוואוסט, נאָר איך און טאַמאַרעלע האָבען דאָס נישט געוואוסט. אַצינד ווייס איך דאָס אָבער גענוי. דער הונט ליעגט נאָך אין מיר, דער מיידעלניק...

רבקה (ווי איבערראשט). וואָס איהר רעדט! איך וואָלט דאכט זיך געשוואָרען ביי א תורה, אז איהר טראכט נאָר אפילו נישט וועגען די זאכען.

יענקעל. פוי, איך האָב אַליין נישט געוואוסט, אז אזא חיה זיצט אין מיר, אזא מיאוסע חיה. פארשטעהט איהר מיך, איך האָב א פּאָר מאָל געזעהן אייך א ביסעל — אָט אזוי, נישט גאַנץ אָנגעטאָן — אָט א באָרפוסען פוס, א הוילען אָרם און נאָך אזוי...

רבקה (אונשולדיג). אין איין שטוב, מי קאָן זיך נישט איינהיטען. און די לעצטע וואָך האָב איך געמוזט זיין אזויפיעל ארום טאַמאַרען טאָג און נאכט.

יענקעל. פוי, איך וואָלט מיר דאכט זיך געקאָנט געבען מיט'ן האַק אין קאָפּ!

רבקה. שאַ, אָבער אזוי נעמען זיך דאָס צום הארצען דאַרפט איהר פון דעסטוועגען נישט.

יענקעל. די טרפה'נע דמים! עפּיס א שד, א מחבל זיצט דאָרטין אין מיר. און היינט האָב איך נאָך געטרונקען.

רבקה. נו, עפּיס אזא שמחה.

יענקעל. העהע, נישט צוליעב דער שמחה אַליין. איך האָב געוואָלט טרינקען, פארשטעהט איהר מיך, איך האָב געוואָלט!... דער דיבוק אין מיר, פארשטעהט איהר מיך... איך האָב'ן געוואָלט פערטרינקען...

רבקה. אוי, איז מיר אָבער אזוי הייס געוואָרען! אז מי שטעהט אזוי לאַנג ביים פייער... (קנעפּט זיך אויף די בלוזע, פער־בויגט זי טיעף און דעקט אויף א שטיק פון איהר ברוסט.)

יענקעל. איך האָב געוואָלט מיט קראָסין פארלעשען א

שרפה, העהעהע... אי, בין איך... מיט'ן האק אין קאפ. די טרפה'נע דמים, אויסגערונען זאלען זיי ווערען!

רבקה. דארף איך נאך בלאזען?

יענקעל (געהט צו צום אויוועז). ניין. שוים גענוג.

רבקה (קאקעט). נא, האב איך עפים גוט געטאן מיין ארבייט?

יענקעל (הענט אויף איהר אויף די אויגען. א ווײלע שטעהען זיי, אנקוקענדיג אייגס דאס אנדערע. פלוצלינג גיט ער זי א כאפ ארום, העבט זי אויף אין דער הויך און עסט זיך איין מיט די ליפען אין דער אבגעדעקטער ברוסט, ארויסגעבענדיג מגושמ'דיגע טענער).

דער בעל עגלה (דרויסען). זעה, ער איז נאך נישט פארטיג.

רבקה. דער בעל עגלה קומט!

יענקעל (לאזט זי אפ און בלייבט שטעהן ווי בעטרונקען, ווי אין הינ־הער־פלעט).

דער בעל עגלה (אין טויער). ווי אזוי זייט איהר נאך עפים נישט פארטיג?

רבקה. די אייזענס זיינען נאך אין פייער.

דער בעל עגלה. א פיינער שכל! וואס שטעהט איהר, וואס, אזוי ווי א בענומענער? מאכט די ארבייט און לאזט מיך פאהרען.

יענקעל (ווי אויפגעוואכט). איך האב אייך געזאגט, אז איך קאן היינט נישט ארבייטען.

דער בעל עגלה. וואס, די הענט האבען אייך היינט אבגענומען? סט'געהערט א קלייניגקייט! א ברית!

יענקעל (ווי ווילד). א ברית! א ברית! איך בין איינער אליין, מיין ארבייטער איז נישטא!

דער בעל עגלה. נו, איז וואס זאל איך טאן? זאל איך דא, הייסט עס, בלייבען נעכטיגען?

רבקה (צו יענקלען). ווייסט איהר גאר וואס? איך וועל איך העלפען.

יענקעל (פינסטער). ער וועט מיר העלפען. (צום בעל עגלה.) איהר וועט מיר האלטען די צוואנג.

דער בעל עגלה. יא, און ווער וועט מיר היטען די עפעל?

רבקה. וואס ארט איך, איך וועל עס מאכען אזוי גוט ווי ער. (העבט אויף דעם גרויסען האמער.)

יענקעל. איהר וועט האלטען די צוואנג.

רבקה. ניין, איך מיט'ן האמער. איך וועל קלאפען. איהר מיינט, איך האב קיין כח נישט? (זי פערקאסערט די ארבעל, אויפ־דעקענדיג איהרע ארמס, שפייט אן אין די הענד און העבט אן צו קלאפען איבער דער נאקאוואלנע.) זעהט איהר, הא? איינס. און נאך א מאל. און נאך א מאל.

דער בעל עגלה (אין טויער). חברה איז שוין ווידער ארום די עפעל. מאכט עס שוין אויף גיך. (געהט ארויס מיט קולות.) אוועק, א כאליערע...

יענקעל (העבט אויף די שנאפס־פלאש און טרינקט אויס שנעל צוויי גלעזלעך איינס נאך דעם אנדערן).

רבקה. העי, העי, איהר טרינקט שוין צופיעל.

יענקעל (געהט מיט דער צוואנג צום אויווען און נעמט ארויס אן אייזען און לעגט עס אויף דער נאקאוואלניע).

רבקה (העבט אן צו קלאפען). ה—הא! ה—הא! (זינגט.) עי, דובינושקא דא אוכניעם!

יענקעל. איהר קאנט נאך אבברענען די האנט.

רבקה. איך ברען מיך נישט אפ.

יענקעל. לאזט בעסער אראפ די ארבעל.

רבקה. וואס איז, איהר האט מורא צו קוקען אויף מיין נאקעטען ארם?

יענקעל. איך — איך — איך —

רבקה (זינגט). עי, דובינושקא דא אוכניעם! עי, דובי־נושקא סאמא פּאידיאָט!...

יענקעל. אין קאָפּ דער שנאַפּס, אין הארצען א שד...

רבקה. און ביי דער זייט די יצר הרע׳טע.

יענקעל. דאָס איז דער ריינער אמת. (אָטעמט שווער אויף.)

רבקה (קלאַפּט). ה—הא! ה—הא! ה—הא!

יענקעל (בויגט זיך איין, הערט אויף מיט דער לינקער האנט די פלאש, טראָגט זי צו צו די ליפּען און טרינקט).

רבקה. טרינקט נישט! טרינקט נישט!

יענקעל (טרינקט נאָך, שטעלט אַוועק די פלאש און זאָגט גאַנץ אָנגערוקט). איך וויל א קוס אָט אָ דאָ אָ, וואו די פלאש איז גע־שטאַנען. (ציינט אויף די ליפּען.)

רבקה. איך כאַפּ און גיב. איהר האָט, ווער ס׳זאָל אייך קוסען.

יענקעל (גראָב). און אָהן טענות.

רבקה (קלאַפּט). עי, דובינושקא דא אוכניעם!

יענקעל (נאָך שטאַרקער). מאכט נישט קיין שטיק. אויף גיך. אָט אָ דאָ אָ א שטארקען קוס. (שפּאַרט איהר זיינע ליפּען.)

רבקה. היט אייך, איהר קריעגט מיט׳ן האמער.

יענקעל (גיט זיך א וואָרף צו איהרע ליפּען).

רבקה (רוקט זיך אָב). טיר און טויער זיינען אָפען.

יענקעל (נעמט ווידער אָן זיין ארבייטענדיגע פּאָזע). איהר וועט שוין מיך קוסען. ווארט.

רבקה. דאָס וועלען מיר א סימן האָבען.

יענקעל (הערט ווידער אויף די פלאַש מיט דער לינקער האנד און טרינקט).

רבקה (קלאַפּט). עי, דובינושקא דא אוכניעם! עי, דובי־נושקא סאמא פּאידיאָט!...

א מיידעל (אין הויף). זעהט נאָר, זעהט נאָר, רבקה ארבייט אין קוזשנע מיט׳ן האמער. (עס הערט זיך א געלעכטער,

עטליכע מיידלעך קומען אַריין, שיעסען אויס אין אַ גייעם געלעכטער און שרייען.) ווי געפעלט אייך די שמיעדארקע? זעה נאַר, זעה נאַר, ווי זי העבט דאָס דעם האמער! (גייער געלעכטער.)

יענקעל (לעגט אַוועק דאָס ערסטע שטיקעל אייזען און ווענדט זיך צום אויוועז. ער איז שוין נישט גאַנץ זיכער אויף די פיס. ער ווארפט אַ בליק אויף די מיידלעך און רעדט אַרויס מיט אַ זעליגער מיענע). הע, נקבות!

א מיידעל. זעה, ער איז גאָר שיכור, אויף מיינע נאמנות!

יענקעל (נעמט אַרויס דאָס אַנדער שטיקעל אייזען און לעגט עס אַרויף אויף די נאַקאָוואלניע). יאָ, איך בין שיכור. העהעהע... איך בין שיכור... איך וויל א קוש, איך וויל א קוש פון א מיידעל. קומט, נקבות!...

רבקה (קלאפּט). עי, דובינושקא דא אוכניעם!

אן אנדער מיידעל. איך וועל אייך שיקען אייער ווייב, וועט איהר האָבען א קוש.

יענקעל. וואָס מיין ווייב! — לאָז! — קוש דו אהער. (לאָזט פּלוצלונג די צוואנג און לאָזט זיך צו דער מיידעל, כאפּט זי און קוסט זי און לאָזט זיך צו די אַנדערע מיט אַ געשריי.) נקבות! נקבות!... (די מיידלעך צולאָזען זיך איבער דער קוזשנע מיט אַ געלעכטער, אייניגע לויפען אַוועק צוריק אין הויף.)

רבקה. יענקעל, די ארבייט! די ארבייט!

יענקעל. אַך, וואָס, די ארבייט! איך וויל נישט ארביי־טען! אוועק מיט דער ארבייט! שיכור'ען וויל איך און... און... העי, אצינד בין איך אָבער לוסטיג! אצינד וועל איך טאנצען... אַך—אַך—אַך—אַך—אַך—אַך, טי קאמארינסקי מוזשיק!...

רבקה. איז, אז איהר וועט נישט ארבייטען, האָב איך דאָ מעהר נישט וואָס צו זיין, געה איך אוועק. (לאָזט אַראָב די ארבעל און קנעפּט זיך צו די בלוזע.)

יענקעל (שלינגט זי איין מיט די אויגען, מאכענדיג מיט די

הענד אין דער לופטען און אונטערטאַנצענדיג. ווען זי איז ביי דער טיר, גיט ער זי א רוף). רבקה!

רבקה. וואָס?

יענקעל. הע, אַט גאָרנישט.

רבקה. דאָס איז אַלץ?

יענקעל. וועל זאָגען אַן אנדערס מאָל.

רבקה. אז איך וועל וועלען הערען.

יענקעל. ר'וועט שוין.

רבקה (וויל אַרויס).

יענקעל. רבקה!

רבקה. נעהמט אין שטוב און שלאָפט זיך אוים.

יענקעל (געהט צו איהר צו און כאַפּט זי אָן פאר דער האַנד). קומט א טענצעל.

רבקה. איך כאַפּ און טאַנץ מיט אייך.

יענקעל. קומט א טענצעל.

רבקה. דריקט מיר נישט אזוי די האנד, איהר וועט זי מיר באלד איבערברעכען.

יענקעל. קומט א טענצעל.

די מיידלעך. אָי, טאַנצט מיט איהם, רבקה! טאַנצט מיט איהם, רבקה!

רבקה (צו יענקלען). טאַנצט נו, טאַנצט... לאָזט מיך אָבער אָב, אזוי קאָן איך דאָך נישט טאַנצען.

יענקעל (לאָזט זי אָב, ווארפט אוּם מיט די הענד און טאַנצט אונטער). אך—אך—אך... זינגט, נקבות!...

די מיידלעך (העבען אָן צו זינגען די קאַמארינסקע).

רבקה (שטעלט זיך פאר איהם מיט די הענד אין די זייטען, ווארפענדיג מיט דער פּלייצע און דעם בוזים).

יענקעל (העבט אָן צו טאַנצען און דרעהען זיך אַרום רבקה'ן).

רבקה (טאַנצט צו צו דער טיר און לויפט פון איהר אַרויס מיט אַ געלעכטער).

יענקעל (כאפט אן אנדער מיידעל, טאנצט מיט איהר, זינגענדיג און קווישענדיג).

די מיידעל (רייסט זיך פון איהם, לאכט און קווישערט. די איבריגע זינגען און לאכען).

מאריאשע (קומט אריין, הינטער איהר רפאל און די פריער אנטלאפענע מיידלער).

מאריאשע. אי, א בראך צו מיינע יאהרען! ער איז דאך טאקע שיכור.

יענקעל (לאזט אב דאס מיידעל). שיכור, מאמע, שיכור. וואס זאל איך טאן, אז דו האסט געהאט א שיכור'ען זוהן?

מאריאשע. און דער טאטע זיצט דאס דא... (קוקט זיך ארום.)

רפאל. זעה, רב שמחה איז דא גאר נישטא.

יענקעל. אהא! רב רפאל! קומט א טענצעל, רב רפאל, קומט! רב שמחה איז דא נישטא, נישטא דא רב שמחה. איך האב'ן אוועקגעשיקט, דעם עדות, העהעהע... און איך בין דא געוועזען מיט איהר אליין, העהעהע... אהן עדות, העהעהע... האב צוגעמאכט די טיר און די טויער, העהעהע...

מאריאשע. וועה מיר נישט, דער שד איז אין איהם אריין!

יענקעל. העהע, דער שד...

רפאל. העהע, איהר זאגט א ליגען, רב יענקעל, איהר האט גאר נישט צוגעמאכט... העהע... איך האב שוין געקוקט, העהע...

יענקעל (כאפט אן רפאל'ען פאר די לאצען און טרייסעלט איהם). פאר וואס זייט איהר אזא פאסקודניק, הא? פאר וואס זייט איהר עפים גאר קיין מאנסביל נישט, הא? פאר וואס האט אייער ווייב געדארפט אנטלויפען פון אייך און אריינקלייבען זיך צו מיר, הא?

רפאל (צאפעלט זיך אין זיינע הענד). לאזט מיך אב, לאזט מיך אב בעסער מיט גוטען!

מאריאשע (רייסט איהם פון רפאל'ן). וועסט איהם אָבלאָזען צו נישט?

יענקעל (נישט אָבלאָזענדיג). פאר וואָס האָט איהר נישט געקאָנט איינהאלטען אייער ווייב לעבען זיך, הא? פאר וואָס האָט זי געדארפט ארײנקלייבען זיך צו מיר, הא?

טאמארע (אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, קומט אַריין ביי די לעצטע ווערטער). יענקעל, אוי!

יענקעל (לאָזט אָב רפאל'ן, אָבהענדיג). טאמארע, העהע...

די מיידלעך (רוקען זיך אָב אָן אַ זייט און בלייבען שטיל די גאַנצע צייט).

רפאל. גאָרנישט, האָט מיך אָנגעכאפּט און טרייסעלט! אקוראט ווי איך וואָלט איהם געהייסען, ער זאָל זי ארייגלאָזען צו זיך אין שכנות...

יענקעל. העהע...

מאריאשע (ווינקט רפאל'ן, ער זאָל אַוועקגעהן).

רפאל. גאָרנישט, ער טרייסעלט!... אז טרייסלען זאָל איהם!... ווארט, עס וועט איהם שוין טרייסלען, דעם בעל־תאוה'ניק!... זאָל ער נאָר אָנהעבען פערפיהרען מיט איהר...

יענקעל (גיט זיך צו איהם אַ ריס).

רפאל (געהט אַוועק).

מאריאשע. טאמארע! גזלנטע! ווי אזוי ביזטו געגאַנגען אהער? ערשט היינט אראָב פון בעט.

טאמארע (קעמפּפענדיג מיט טרערען). איך האָב אויך געוואָלט זעהן, ווי מיין מאן איז לוסטיג.

יענקעל. העהע... יאָ, לוסטיג... נישט אלע טאָג מאכט מען דאָך אַ ברית, ווי? בין איך טאקע לוסטיג... ווילסט אפשר אַ טענצעל, טאמארע? קום אַ טענצעל.

מאריאשע. נו, וואָס זאָגט מען צו זיין קאָפּ, נו?

טאמארע. וואָלט איך נאָר געקאָנט, וואָלט איך שוין געטאנצט. וואָס, איך בין עפּיס קיין בעל שמחה ניט?

יענקעל. העהע... דו, ביזט...

טאמארע. אצינד אָבער וואָלט געוועזען גוט פאר דיר אריינצוגעהן אין שטוב און אוועקלעגען זיך שלאָפען.

יענקעל. וואָס איז, מיינסט, אז איך בין שיכור? איך האָב טאקע א סך געטרונקען, אָבער... (שענצעלט.) זעהסט, איך קאָן נאָך טאנצען... קום, מיר וועלען ביידע טאנצען... האָבען מיר נישט א טייערען זוהנעניוק?.. א יאטעל... א יונג מיט ביינער... קאניאאו... קאניאאו... (מאכט נאָך א קינדיש געוויין.)

מאריאשע. געה און שלאָף דיך אויס. געה! מיין ביטער הארץ וועל איך באלד אויסלאָזען צו דיין קאָפּ.

טאמארע (געהט צו און נעמט ארום יענקלען). בייזערט זיך נישט, שוויגער. ער וועט שוין געהן. אז ער וועט פיהלען, אז ער דארף געהן, וועט ער שוין געהן...

יענקעל. דו ביזט א גוטע, טאמארע, א קלוגע און א גוטע... איך'ל געהן. איז יענע אין שטוב? יענע דאָרט?... הא?... דו... דו... הע... פאר וואָס שילסטו מיך נישט? הא?.. איך בין א הונט, טאמארע, איך בין א גרויסער הונט... דו טאָרסט מיט מיר נישט לעבען... איך בין א גאָרנישט, בין איך... בין נישט ווערט דיין פּאָדמיאָטקע, בין איך נישט ווערט... אל דאָס בייז איז אין מיר... א פארפאלענער בין איך, טאמארע.. א חזיר בין איך... א חזירשער עק...

טאמארע. פוי, יענקעל, רעד דאָך נישט אזוי.

יענקעל. ניין, איך וויים, וואָס איך רעד... פון א חזירשען עק קאָן מען קיין שטריימעל נישט מאכען, און פון מיר וועט שוין קיין לייט נישט ארויס.

מאריאשע. וועה מיר נישט, וועה מיר נישט! האָב איך דאָס דען די גאנצע צייט נישט געוואוסט?

טאמארע. אך, איהר האָט גאָרנישט געוואוסט און ווייסט גאָרנישט, שוויגער...

מאריאשע. וואס האב איך מיט דיר די גאנצע צייט גערעדט?

יענקעל. די מאמע איז געווען גערעכט, טאמארע... פארשטעהסט, איך רעד דא מיט דיר און וויים, אז דער הונט איז אין מיר, דער דיבוק איז אין מיר. עס ציהט מיך, פארשטעהסט... עס ציהט מיך צו שדים וויסען וואס. איך בין שיכור, זעהסט, אבער איך וויים... איך וויים...

טאמארע. אך, מאלע וואס דו רעדסט!

יענקעל. דו ביזט א קלוגע... א גוטע... דו האלטסט זיך בלויז איין נישט צו וויינען... דו...

טאמארע (צוואווײנט זיך היסטעריש, האלט זיך אבער איין).

מאריאשע. נא, אט האסטו אויסגעפיהרט, נא! אי, א מגפה האט געמאגט אויף דיר קומען! אויסגעשוואומען און אויסגערונען האסטו געמעגט ווערען, איידער איך האב דיך געהאט.

טאמארע (היסטעריש). שילט זיך נישט, שוויגער, טוט מיר א טובה, שילט זיך נישט.

מאריאשע. וואס דען זאל איך מיט איהם טאן! וואס דען זאל איך מיט איהם טאן! (וויינט.) איך וועל אריינגעהן אין שטוב און וועל ארויסווארפען די צויג, אז ברעכען וועט זי איהר קאפ.

טאמארע. ניין, ניין, שוויגער, מאכט נישט קיין סקאנדאלען.

יענקעל. ווארף מיך ארויס... מיך ווארף ארויס... איך... איך... איך בין דער הונט...

טאמארע. קום אין שטוב, וועסט דיך אויסשלאפען, וועסט דיך בערוהיגען...

יענקעל. יא, קום אין שטוב... הא!... וועסט מיך דאכט זיך דארפען פיהרען...

טאמארע. נו, איז וואס, וועלען מיר דיך פיהרען. איך

פון איין זייט, די מאמע פון דער אנדער זייט. עס טרעפט זיך א מאָל, אויף דארויף איז מען דאָך א מענש...

יענקעל. ניין, איך ווייס שוין מיך.

טאמארע. דו ווייסט דיך גאָר נישט. קום, קום. (זי נעמט איהם אָן.)

יענקעל (לאָזט זיך פלוצלונג אראָב אויף דער נאַקאָוואלנע). העהעהע... א פייער ברענט אין מיר... א גיהנום א גאנצער... העהע... הע... טאמארע, פאר וואָס ביזטו נישט צעהן פרויען? פאר וואָס ביזטו נישט די גאנצע וועלט פרויען אויף אמאָל?...

טאמארע (היסטעריש). רעד דאָך נישט... רעד דאָך נישט אזוי...

מאריאשע. איך וועל איהם גלייך צופלאשקענען די צורה, אז א כאָליערע האָט געמאָגט אויף איהם קומען קליינערהייט!

טאמארע. דו וואָלסט דיר בעסער ארויסגעשלאָגען אזעלכע געדאנקען פון קאָפּ.

יענקעל. זעהסט, דערפאר האָב איך דאָך געטרונקען.. איך וועל דיר שוים אלץ דערצעהלען, דו וועסט שוים אלץ וויסען...

טאמארע. יאָ, יאָ, אָבער יעצט קום. (העבט איהם פון דער נאַקאָוואַלנע.)

יענקעל (שטעהט אויף). יאָ, יעצט אין שטוב, צום זוהנעניוק. און דו נישט וויין. ביזט ארייננעפאלען, פארפאלען.

מאריאשע. איך וועל דיר געבען „ארייננעפאלען“, ווארט!

יענקעל. הע... נאָר קיין קלאָגמוטער נישט ווערען. ווי זי אָ, ווי מיין אלטע.

מאריאשע. מי קאָן שוים פון דיר ווערען אלץ: אי אלט אי א קלאָגמוטער.

טאמארע. קום, קום, אויף מיר וועסטו זיך נישט האָבען צו בעקלאָגען.

יענקעל. יאָ, דו ביזט א מאלאָדיעץ... לוסטיג זיין!..

קום צום זוהנעניונע... אך—אך—אך—אך—אך—אך—אך טי קאמארינסקי מוזשיק... (טענצעלט.) טאנץ, טאמארע... ווילסט זעהן, ווי יענע האָט זיך אוועקגעשטעלט טאנצען?...

**מאַריאַשע** (שטויסט איהם אַרויס פון טיר). איך וועל דיר געבען אַ בעווייזען! זאָלסט אויפהערען צו רעדען פון יענער, מנוול!
(געהט אַרויס נאָך איהם.)

**טאַמאַרע** (בלייבט שטעהן, פערברעכט די הענד, לעגט זיי אַריין אין קאָפּ און צופּט זיך די האָר, דריקט זיך די ברוסט, און פערדעקט זיך דאָס מויל, אַרויסגעבענדיג איינגעהאלטענע הארצרייסענדע היסטערישע טענער).

**דער בעל עגלה** (דרויסען). וועט שוין זיין אַ מאָל די אקם?

**טאַמאַרע** (שלעפּט זיך קוים אַוועק).

# פיערטער אַקט

אויף מאָרגען אין דער פריה, ביי יענקלען אין עסצימער. אין צימער געפינט זיך איצט אַ וויעגעלע, אויפ'ן טיש שטעהט דער קאָכעדיגער סאמאָוואר. פון קוזשנע הערט זיך דאָס קלאַפּען.

ט א מ א ר ע (שטעהט ביים הינטערסטען פענסטער און רופט אַרויס). יענקעל, דער טיי איז שוין אָנגעגאָסען. (דאָס קלאַפּען הערט נישט אויף.) יענקעל, קום דאָך אריין! דער טיי וועט קאלט ווערען... די ארבייט וועט'אָך נישט אנטלויפען! — יענקעל, איך קאָן נישט שרייען, איך וועל נאָך אויפוועקען דאָס קינד. (דאָס קלאַפּען הערט אויף, זי געהט אָב פון פענסטער. זי זעהט פיעל בלייכער אויס, מיט רענדער אונטער די אויגען, ווי פון אַ דורכגעוואכטער נאַכט. זי געהט צו צום טיש, וואו זי בלייבט אַ ווײַלע שטעהן. פערזונקען אין געדאַנקען.)

י ע נ ק ע ל (קומט אַריין. ער איז גאַנץ אָנגערוקט און חשך'דיג אין געזיכט).

ט א מ א ר ע (ווי אויפגעוואכט). קום, זעץ זיך טיי טרינקען. (זי זעצט זיך און קוקט איהם פאַרשענד אָן.)

י ע נ ק ע ל (זעצט זיך אויך, נישט אַ קוק טוענדיג אויף איהר און אויסמיידענדיג איהר בליק).

ט א מ א ר ע. וואָס עפּיס אזוי פריה שוים ארבייטען? — איך האָב גאָרנישט געהערט, ווען דו ביזט אויפגעשטאנען און ווי דו ביזט אוועקגעגאנגען.

י ע נ ק ע ל (ברומט אַרויס). דו האָסט שטארק געשלאָפען.

ט א מ א ר ע. איך בין טאקע שפעט איינגעשלאָפען. איציקעל איז געוועזען אזוי אונרוהיג.

שווייגען

טאמארע. האסט שוים אבגעדאווענט?

יענקעל. יא.

טאמארע (פארזיכטיג). טוט דיר דער קאפ וועה?

יענקעל. ניין. וואס איז?

טאמארע. איך מיין גלאט אזוי. — דו וואלסט אפשר גענומען א שנאפס?

יענקעל (שווייגט).

טאמארע. יענקעל, זיי דאך נישט אזוי... נעם א שנאפס, וועט דיר לייכטער ווערען.

יענקעל. ווי אלע שיכורים, וואס?

טאמארע. איך מיין דאס גאר נישט אזוי, יענקעל, אבער דו האסט'אך נעכטען געטרונקען, וואלט יעצט גוט געווען א שנאפס. ווילסטו?

יענקעל. איך וויל גארנישט. (ער טרינקט אויס זיין טיי.)

טאמארע (גיסט איהם אן נאך א גלאז). ווען האסטו זיך שוין איינגעקערט אבצודאווענען? ביזט הפנים זעהר פריה אויפ־געשטאנען? ווען ביזטו אויפגעשטאנען?

יענקעל. וואס מאכט דיר דאס אויס? איך האב דעם דאווענען נישט איינגערעהט.

טאמארע. און אז דו האסט יא איינגערעהט, וועל איך מיר דאס אויך נישט נעמען שטארק צום הארצען. אבער איך האב מורא, אז דו האסט מיר עפיס אנדערש איינגערעהט?

יענקעל. איך ווייס נישט וואס.

טאמארע (קרימט איהם נאך). „איך ווייס נישט וואס"! זאג דעם אמת, האסט מיך א קוס געטאן?

יענקעל (לאנגזאם). ניין.

טאמארע. זעהסטו, הא! טיק טו עס יעצט. (שטעלט איהם אונטער די באק.)

יענקעל (בעריהרט זי קוים מיט די ליפען).

טאמארע. אוי, ווי קאלט!

יענקעל (שפּריגט אויף און געהט צו דער טיר).

טאמארע. זעה, וואָס אנטלויפסטו עפּים?

יענקעל (געהט אַרויס).

טאמארע (געהט צו צום פענסטער און קוקט נאָך דעם אוועקגעגאַנגענעם, באלד שפּארט זי זיך אָן מיט'ן הינטערקאָפּ אָן וואנד און שטעהט אזוי פערגליווערט אין געדאנקען. זי טריקענט זיך א טרער. — באלד געהט זי צו צום וויעגעלע און בויגט זיך איבער דאָס קינד, בעקוקט עס אין געדאַנקען, און בעטאפּט עס און פּלוצלונג ברעכט זי אויס אין יאָמער). קינדעניו מיינס, זוהנעניו מיינס, וואָס וועט עס זיין? וואָס וועט עס זיין? וואָס קאָן נאָך מיט אונז געשעהן? (זי וויינט ביטער, נאָכגעבענדיג זיך דאָס הארץ, בעפריינדיג זיך פון די טרערען, וועלכע זי האָט איינגעהאלטען אין זיך, באלד אָבער שטארקט זי זיך און האלט זיך ווידער איין.) ניין, נישט וויינען, קינדעניו! דיין מאמע וועט נישט וויינען. זי טאָר נישט פערסם'ען דיין מילך. דו מוזט זיין געזונדעניו. דו מוזט זיין מאמעס טרייסטעניו... (ווישט זיך די אויגען און בייסט דאָס טיכעל, אַרונטערדריקענדיג די טרערען.) ניין, נישט וויינען, נישט וויינען... אוף! (זי עטעמט שווער אָב און געהט צו צום אָפענעם פענסטער, אריינצונעהמען אין זיך לופט.)

מאריאשע (קומט שנעל אריין). גוט מאָרגען! נו, הא?!

טאמארע (געבראָכען). גוטען טאָג, שוויגער. וואָס „נו, הא“?

מאריאשע. איך האָב'ן דאָך ערשט געזעהן ארויסגעהן פון חייקעס שיינק!

טאמארע (שרייט אויף). פון שיינק?!

מאריאשע. פון שיינק, א ודאי פון שיינק! מיט מיינע אייגענע אויגען האָב איך געזעהן! אוי, רבונו של עולם, עס העבען זיך שוין אָן מיט איהם די גוטע צייטען!

טאמארע (קרעכצט ארויס). אוי! (זי כאפּט ארויין די פויסט אין מויל צו בייסען און עטעמט שווער און רוישיג.)

מאריאשע (דערשראָקען). אוי, איך האָב עס דיר גאָר

נישט געדאַרפט דערצעהלען! איך האָב דאָס דיר גאָר נישט גע־טאָרט דערצעהלען! אוי, וועה איז מיר! וואָס טוט מען? וואָס העבט מען אָן צו טאָן?

טאַמאַרע (מיט פערשטיקטען געוויין). אין שיינק איז ער שוין געוועזען! (פאַסט זיך.) נאַ, מילא, מיר וועלען שוין זעהן... מיר וועלען שוין זעהן...

מאַריאַשע. אז אָך און וועה, וואָס ס'וועט שוין זיין וואָס צו זעהן. וועה מיר נישט, וועה מיר נישט! וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? האָסטו שוין כאָטש יענער, דער שטיק פּאַס־קודסטווא, געזאָגט, אז זי זאָל זיך ארויסקלייבען?

טאַמאַרע. איך האָב זי נאָך נישט געזעהן פון נעכטען ביי טאָג אָן. זי איז ערגיץ אוועק און איז געקומען שפּעט א היים.
— און וואָס וועט זיין די פּעולה? וואָס וועט עס העלפען?

מאַריאַשע. ווי הייסט, וואָס וועט עס העלפען?

טאַמאַרע. אז עס העבען זיך שוים אָן די גוטע צייטען, ווי איהר זאָגט אליין, איז וואָס מאַכט עס אויס, צו זי איז אין שטוב, צו זי איז נישטאָ אין שטוב? און וואָס מאַכט עס איבער־הויפּט אויס, צו זי צו אָן אנדערע? דער עיקר איז, וואָס דער אַלטער יענקעל איז איהם אָנגעקומען. (זי העבט אָן ארומצוגעהן איבער'ן צימער, די הענד פּערלעגט אויפ'ן רוקען, די אויגען אראָב־געלאָזען צו דער פּאָדלאָגע, גאַנץ אויפגערעגט.) עפּים מוז געשעהן, עפּים מוז געשעהן...

מאַריאַשע. וואָס זאָל געשעהן, וואָס?

טאַמאַרע. דאָס ווייס איך נישט... דאָס ווייס איך נישט.

מאַריאַשע. אז ארויסטרייבען זי איז נאָך ביי דיר אויך א ספקות.

טאַמאַרע. עפּים אזוינס מוז געשעהן, וואָס זאָל איהם...

מאַריאַשע. וואָס „וואָס זאָל איהם"?

טאַמאַרע. איך קאָן דאָס אייך נישט דערקלערען, אָבער איך פּיהל דאָס, איך פּיהל, מיין הארץ זאָגט מיר... עפּים אזוינס

וואָס זאָל איהם ווידער ברייגגען צו זיך, וואָס זאָל איהם עפּים אָבהאַלטען, עפּים אויסהיילען פון זיינע שלעכטע מדות אויף אייביג.

מאַריאַשע. דער טויט... דער טויט וועט איהם אויסהיילען.

טאַמאַרע (שוידערט אויף). אוי, וועה מיר נישט!

מאַריאַשע. איך קען מיין אונגליק. זעהסט'אָך, דוקא ווען ער איז געוואָרען א טאַטע, ווען ער האָט דאָך געוויס געדאַרפט אוועקוואַרפען זיינע אַלטע שטיק...

טאַמאַרע. וועט מיר אויסקומען אָנטאָן זיך א מיתה.

מאַריאַשע. וואָס? בייס דיר בעסער אָב די צונג! טפו! א מאַמע רעדט עס נאָך אזוי.

טאַמאַרע (ברעכט אויס אין טרערען, פערדעקט זיך דאָס געזיכט). מיין זוהנעניו! מיין קינדעלע!

מאַריאַשע. דו טרייב זי קודם כל ארויס און דערנאָך נעם זיך צו איהם, פאַרשטעהסט? זי די ערשטע זאך — און אז דו וועסט זי נישט ארויסטרייבען, וועל איך זי דיר ארויסטרייבען, וועסט זעהן. שאַ, אָט געהט אהער דער שוועהר.

טאַמאַרע (טריקענט זיך די אויגען אויף גיך). שוויגער, זאָגט איהם גאָרנישט וועגען שיינק.

מאַריאַשע. עס'ט טאַקע א סך קאָנען אָנבעהאַלטען...

טאַמאַרע (מיט געבעט). עס מאַכט נישט אויס, זאָגט איהם נישט, זאָגט איהם נישט.

שמחה (קומט אריין). גוט מאָרגען. נו?

מאַריאַשע. וואָס „נו“? ביי איהר וועסטו עפּים אויספיהרען? זי וויל זי נאָך האַלטען.

שמחה (מעלה־גרה'ט בייז). הם! הם! ווי הייסט נאָך האַלטען? ווי הייסט? ווי הייסט? וועניג צרות?

טאַמאַרע. איך וויים גאָרנישט... איך וויים גאָרנישט... איך דאַרף אַלץ בעקלערען און מיין קאָפּ איז מיר... איהר קומט פון דאַווגען? וועט איהר מאַכען ברכה, שוועהר? וועט איהר מאַכען

ברכה? ווילט איהר, לאָמיר אַלע עסען פריהשטיק, הא? (זי שטעלט אַרויף ווײן און טאָרט. אין פאָרצימער א גערויש, ווי עמיץ וואָלט אומ־געוואָרפען געוואָרען.)

רבקה (אין פאָרצימער, איינגעהאַלטענערהייט די שטימע). זאָלסט שוין פערשווינדען, הערסטו!

רפאל (א פערשלאָפענער, די קליידער פערשמירט, דאָס געזיכט פערבלוטיגט, פאַלט צו צו דער טיר און קייקעלט זיך אַרײן אין צימער).

טאמארע (דערשראָקען). אוי, ווערה מיר נישט, וואָס איז דאָס?

רבקה (אין נאַכט־קליידער בעווייזט זיך אין טיר). זאָלסט מיר שוים פארשווינדען!

אלע. וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

רבקה. אָבער גלייך זאָלסטו מיר פארשווינדען!

טאמארע. וואָס איז געשעהן? פון וואַנען נעמט ער זיך אזוי פריה?

רבקה. איהר ווייסט, וואו ער איז געוועזען? ער איז דאָך געלעגען אויפ'ן אויווען! איך כאַפּ זיך אויף, איך עפען נאָר פאַר־נאַנדער די אויגען, טו איך א קוק, א האַנד הייננט אַראָב פון אויווען! א פארטרייסעלטע בין איך געוואָרען, אויף טויט האָב איך מיך דערשראָקען, איך האָב געמיינט, גאָט ווייס וואָס... האָב איך מיך נעהנטער צוגעקוקט — ערשט דאָס איז ער!

מאריאשע. ער — אויפ'ן אויווען? — מנא, קרוינעלעך!

רבקה. אַלע בייזע חלומות... וואָס האָט געזאָלט אויסגעהן צו מיר, זאָל אויסגעהן צו איהם, צו זיין קאָפּ! — איך האָב'ן געגעבען א שליידער אַראָפּ, אז ער האָט דאַכט זיך געדאַרפט קלייבען אַלע ציינער.

רפאל (טריקענט זיך דאָס בלוט פון געזיכט מיט זיין טאשעג־טיכעל און קראַצט זיך דעם רוקען און די פיס און טאַפּט זיך דעם קאָפּ).

רבקה. וואָס, עס טוט וועה, הא? זאָלסט מיר גלייך פאַר־שווינדען, זאָלסט מיר!

טאמארע. לאזט איהם קומען צו זיך.

מאריאשע. וואס איז דאס געווענען פאר א גאנג, פאר א קריכען אויפ'ן אייווען?

שמחה. אין מיין לעבען... אין מיין לעבען...

רפאל. וואס פארשטעהט איהר נישט, וואס?

רבקה. וואס זאל מען פארשטעהן, וואס? טראג זיך בעסער אפ מיט גוטען.

טאמארע. ששש, איהר וועט מיר נאך אויפוועקען דאס קינד. (געהט צום וויגעל, בויגט זיך איין, אום ארויסצונעמען דאס קינד.)

מאריאשע. ס'איז משוגע צו ווערען!

רפאל. האב איך זי נאר געטארט דא לאזען אליין נאך דאס נעכטיגע?

רבקה (שיעסט אוים אין א געלעכטער).

טאמארע (גלייכט זיך אוים פון איבער'ן וויגעל און קוקט איהם שטרענג אן). פוי, שעמען זאלט איהר זיך!

רבקה (לאכענדיג). וואס זאגט איהר צו זיין קאפ, הא? ער האט מיך געהיט!

טאמארע (צו רפאל'ן). דאס איז זעהר נידריג פון אייער זייט!

רפאל. אז איהר זאלט דאס זאגען, פארשטעה איך נישט. ווי הייסט? זאל נאר גאט משמר ומציל זיין, צו וואס עס קאן דא קומען.

טאמארע. זייט אזוי גוט און הערט דאס אויף צו רעדען!

מאריאשע. אוי, ער איז גערעכט! אוי, דאס איז דאך געוועזען...

שמחה. א פרומער איד... א פרומער איד...

רפאל. זי איז מיין ווייב, פארשטעהט איהר מיך.

רבקה. טראג דיך אוועק, הערסטו, טראג דיך אוועק!

רפאל. זי איז מיין ווייב, און אז ס'זאל חס ושלום קומען דא צו עפּיס...

רבקה (ווארפט זיך צום טיש). אוי, א מעסער גיט מיר! אוי, איך וועל כאפּען א מעסער... א שומר וועט ער מיר זיין!...

טאמארע (אין פערצווייפלונג). איהר זאלט מירביידע גלייך ארויס פון דאנען! אייער פוס זאל דא נישט זיין! איך וויל אייך דא ביידען נישט זעהן! ארויס! ארויס!

רבקה. זעה, וואס איז דאס? אז דער פּרא אדם וועט פאר־טראכטען שדים ווייסען וואס, בין איך שולדיג?

רפאל. וואס טרייבט איהר מיך, וואס? טרייבט זי... זי טרייבט ארויס, זי האט א היים — זאל זי וואוינען ביי זיך אין דער היים, נישט וועלען אברעדען א פרעמדען מאן. וואס טרייבט איהר עפּיס מיך? האב איך געמיינט עפּיס אייער רעה? אז איך האב געהיט...

טאמארע. לאזט מיך צורוה! לאז—ט מיך צו—רוה! איך וויל נישט וויסען פון אזעלכע זאכען! געהט אייך געזונטערהייט!

מאריאשע (צו רבקה'ן). מאכט טאקע, אז איהר זאלט זיך ארויסקלייבען פון דאנען! פּאקט איין אייערע זאכען און פארנעמט זיך!

שמחה. הולטייקע! הולטייקע! ארויס! ארויס!

מאריאשע. פארשטאכענע אויגען וואס זי האט נאך! ער האט פארטראכט אויף איהר שדים ווייסען וואס! גלייך זאלט איהר ארויסקלייבען זיך פון דאנען, און אהין נישט דערגעהן און צוריק נישט קומען און אין מיטען וועג נישט בלייבען!

רבקה. זעה נאר, זעה נאר, ווי אלע אויף מיר! זיי מיינען ד'ר'אמת'ן... אז איך וועל וועלען, וועל איך מיך ארויסקלייבען, אז נישט, וועל איך נישט. זעה נאר, זעה נאר... טפו! (געהט ארויס און קלאפּט צו די טיר מיט רעש.)

מאריאשע. אז קלאפּען זאל זי זיך קאפּ אן וואנד, רבונו

של עולם! סאר׳ א קלאפ! זי האט נאך געקאנט אויפוועקען דאס קינד!

רפאל. טרייבט זי נאר ארויס...

מאריאשע. זי וועט שוים, זי וועט שוים.

רפאל. זאל זי ביי אייך נישט זיין, איז מעהר וויל איך נישט. מיך ארט נישט, אז מיר וועלען זיין גוטע פריינט פון ווייטען. איהר דארפט מיך גאר נישט טרייבען. אז איהר וועט אפילו וועלען, איך זאל קומען, וועל איך אויך נישט קומען. ווארים ביי מיר וועט זיין דער גרעסטער יום־טוב, אז איך וועל וויסען, אז איך דארף מיך נישט בעגעגענען מיט יענקלען.

טאמארע. טיק געהט! טיק געהט!

רפאל. איז געה איך. — איך האב אפילו געוואלט נעגעלוואסער אפגיסען — אבער איך וויים גאר נישט, צו האב איך געשלאפען. א גאנצע נאכט בין איך אבגעלעגען אויפ׳ן אויוועז ווי א הונט. זי איז געוועזען נעכטען ביז א שטיק אין דער נאכט ביי עלקע שעיה׳ס, האב איך מיך אריינגעמאכט צו איהר אין צימער, ארויפגעכאפט זיך אויפ׳ן אויוועז, און בין אבגעלעגען אזוי צוגויפגעדרעהט ווי א הונט און האב מיט אן אויג נישט צוגויפגעפיהרט. מיר האט זיך אלץ אויסגעדוכט, אז אט־אט קומט ער אריין.

טאמארע. רעדט נישט! געהט! איך קאן אייך נישט זעהן! איך קאן אייך נישט הערען!

שמחה. געהט, געהט! (שטופט איהם צו דער טיר.)

רפאל. וואס איז זי אויף מיר אין כעס? וואס בין איך דא עפים אויסען געוועזן?... הא! (ער ווערט לייכט ארויסגעשטופט.)

מאריאשע. נא, ברוך שפטרנו! זעהסטו שוין, וואס עס וואלט געקאנט ארויסקומען? ער קען זיין סחורה.

שמחה. אזא... אזא... א! פע!.. האלטען זי אין שטוב... אין שטוב האלטען זי...

מאריאשע. און יעצט זעה, אז זי זאל נאך היינט ארויסקלייבען זיך.

שמחה. היינט... היינט...

מאריאשע. אויסרויכערען די שטוב וועט מען גאר דארפען.

שמחה. לאנג פּאַלגען געדארפט, טאַכטערקע. לאנג פאַלגען. מילא... אבי...

מאריאשע. און זי האָט זיך נאָך פריער געשפּארט מיט מיר.

שמחה. גוט... גוט... געהערט... געהערט...

מאריאשע. און טאָמער וועט ער עפּיס אָנהעבען מאכען שטיק, פאר וואָס דו האָסט זי ארויסגעטריבען, זיינען מיר נאָך נישט געשטאָרבען

שמחה. זאָל ער נאָר... זאָל ער נאָר... (שטעלט זיך איבער'ן וויעגעל, שטעהט א ווײַלע, קוקט און באלד הערט ער אָן צו רעדען צום קינד.) האדזשי דזשי דזשי, האדזשי דזשי דזשי... הע... הם... שלאָפט... האטשו טשו טשו... העהע...

מאריאשע (ביים וויעגעל). געה, זעה, ווי ער האָט פאר־שטעלט דאָס גאנצע וויעגעל. דו דארפסט דאָך שוין פאָהרען. (שטופּט איהם אָב.)

שמחה (מיט אַ גליקליכען אויסדרוק אויף זיין געזיכט). הע... הם... הם... שלאָפט.

מאריאשע. אוי, מיר פאר זיין קעפּעלע, ער שיינט'אָך ווי די זון. (קוסט די דעקע, מיט וועלכער דאָס קינד איז צוגעדעקט און ווישט זיך אָב אַ טרער.) וועט זיך נאָך אויסשטעהן צרות אויף זיין לעבען פון אזא טאטען.

שמחה. שווייג! שווייג! פערד! בהמה! דארף רעדען! דארף רעדען! געה, דארפסט דאָך שוין געהן אין מארק.

מאריאשע (קרעכצט). יאָ, יאָ...

שמחה. נא, א גוטען טאָג דיר, טאָכטערקע. נישט גע־זאָרגט... נישט געזאָרגט... בערוהיג דיך... (געהט ארויס.)

מאריאשע (רעדט שטיל צו טאמארען). טאָמער וועט ער

קומען — פארשטעהסט'אך ווי, זאָלסטו קיין נאר נישט זיין און מאכען איהם פינסטער און ביטער. אַך—אַך—אַך, א גוטען טאָג דיר! (געהט אַרויס.)

טאמארע (וועלכע איז די גאַנצע צייט געוועזען אין אויפרעגונג, נישט געפינענדיג זיך קיין אָרט, לאָזט זיך וויעדער איבער'ן צימער, ברעכט זיך די הענד און קרעכצט). וועה מיר נישט! וועה מיר נישט!

רבקה (קומט אַריין). הערט נאָר, איהר האָט דאָס פריער געמיינט ערנסט, איך זאָל מיך אַרויסקלייבען פון צימער?

טאמארע. און אז ערנסט, איז וואָס?

רבקה. איז וואָס זאָל זיין? איך האָב אייך בעצאָהלט פאר דריי חדשים דירה־געלט.

טאמארע. וועל איך אייך אוועקגעבען פאר די גאנצע דריי חדשים.

רבקה. איך דארף אייער נדבה נישט און חרטה איז נישט מעשה סוחר. איך האָב בעצאָהלט פאר דריי חדשים, וועל איך אָבוואוינען די דריי חדשים. א וואָרט איז א וואָרט.

טאמארע. מיט רפאל'ן האָט איהר אי תנאים געהאט אי א חופה געשטעלט און פון דעסטוועגען זייט איהר פון איהם אוועק.

רבקה. פון איהם האָב איך געוואָלט אוועק און פון דאנען וויל איך נישט אוועק.

טאמארע. אזוי גאָר! וועט מען אייך מאכען אוועקגעהן.

רבקה. מאכען? ווער וועט מאכען?

טאמארע. איהר וועט שוין א סימן האָבען. און איך וואָלט אייך געבעטען, איהר זאָלט מיך גלייך לאָזען צורוה.

רבקה. שא, שא, קאָכט זיך נאָר נישט אזוי. איך האָב פאר אייך גאָר וועניג וואָס מורא. איך ווייס נאָך גאָר נישט, ווער וועט זיך דארפען אוועקקלייבען פון דאנען.

טאמארע. וואָס האָט איהר געמיינט מיט דעם? וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?

רבקה. איך מיין, אז יענקעל איז דאָ דער בעל הבית.

טאמארע. ער איז!... ער איז!... נו, איז וואס?

רבקה. איז ווען ער וועט וועלען, יענער וועט דא בלייבען.

טאמארע. וועט ער אייך וועלען, הייסט עס?! וועט איהר דא בלייבען?!

רבקה. אפשר, יא. ווער קאן וויסען? נאך זיינע נעכטיגע קוסען נאך...

טאמארע. נאך זיינע נעכטיגע קוסען?!...

רבקה. א ודאי האט ער מיך נעכטען געקוסט! נאך ווי נאך!..

טאמארע. אוי, אוי, אוי!

רבקה. און אז ער האט מיך נעכטען געקוסט, רעכען איך, אז ער וועט מיך היינט נישט ארויסטרייבען.

טאמארע. איהר זייט גערעכט, איהר וועט דא בלייבען. איך וועל מיך ארויסקלייבען. (שרייט אויף.) אזוי ווייט איז דאס שוין דערגאנגען!

רבקה. און אז איך וואלט געוואלט, וואלט עס נאך ווייטער דערגאנגען.

טאמארע. אוי, אוי! ארויס, צווינ! ארויס, אשת־איש־ניצע! ארויס פון דאנען!.. אוי, אוי, אוי!.. ניין, בלייבט, בלייבט! איהר זייט דא די בעל הבית'טע. (רייסט זיך דאס האר.) איך טאר דא מעהר נישט זיין! איך נעם־צו מיין קינד און אנטלויף פון דאנען. אוי, אוי, אוי!

יענקעל (בעוויזט זיך אין טיר און בלייבט שטעהן גאנץ נשתומם).

טאמארע (זעהט נישט יענקלען, כאפט ארויס דאס קינד פון וויעגעלע און געהט מיט איהם צום צווייטען צימער). איך טאר דא מעהר נישט זיין! וועה מיר נישט! וועה מיר נישט! (געהט אריין אין דאס צווייטע צימער.)

יענקעל. וואס איז דא אזוינס? וואס האט זי געשריען?

רבקה. איך ווייס!.. אט גארנישט.

יענקעל. וואס'ט זי געזאגט, אז זי טאר דא מעהר נישט זיין? וואס האט זי זיך געריסען דאס האר?

רבקה. איך ווייס... זי איז משוגע, היסטעריקע...

יענקעל (וויל געהן צום צווייטען צימער, דרעהט זיך אום און בעטראכט רבקה'ן).

רבקה (האלט נישט אויס זיין בליק, קנעפט זיך אויף די בלוזע אויף דער ברוסט און פאכעט זיך מיט איהר טאשענטיכעל).

יענקעל (געהט צו איהר צו). איהר האט איהר עפּיס גע־זאגט? וואס האט איהר איהר געזאגט?

רבקה. איך האב איהר גארנישט געזאגט. וואס האב איך איהר געזאלט זאגען? זי האט מיר געזאגט. זי האט מיך אנ־גערופען צויג און אשת אישניצע...

יענקעל. וואס האט איהר איהר געזאגט? דאס וויל איך וויסען.

רבקה. וואס ווילט איהר פון מיר? וואס מאכט איהר אזא גזלניש געזיכט? נעכטען, מיין איך, האט איהר נישט געמאכט צו מיר אזא געזיכט.

יענקעל. האט איהר איהר עפּיס געזאגט וועגען נעכטען?

רבקה. וואס געזאגט? ווען געזאגט? רפאל איז אבגעלע־גען א גאנצע נאכט אויפ'ן אויוון — זאל איך אזוי וויסען פון איהם, ווי איך ווייס, ווען און ווי ער האט זיך אהינצו ארויפגעכאפּט — און האט געהיט, איהר זאלט חס ושלום נישט פארבלאנדזשען צו מיר, כאכאכא...

יענקעל (קרעכצט ווילד אב).

רבקה. האב איך איהם דאך מסתמא פארגעבען אזוי, אז ער וועט האבען צו געדענקען, האט דאס טאמארע נישט געקאנט פארטראגען און אנגעהויבען טרייבען מיך. איז א ווארט פאר א ווארט... וואס איז, איך וועל מיך עפּיס לאזען רופען מיט אזעלכע נעמען?

יענקעל. האט איהר איהר געזאגט פון נעכטען?

רבקה. און אז געזאגט, איז וואס? קיין ליגען האב איך דאך נישט געזאגט! איך רעכען, אז איהר האט מיך געקוסט, האט איהר געוואוסט, פאר וואס איהר טוט עס. האב איך איהר דאך געמאגט זאגען, זי זאל נישט מאכען אזא קוראזש, מע וויים נאך נישט, ווער וועט דא זיין די בעל הבית'טע.

יענקעל. דאס האט איהר איהר געזאגט? דאס האט איהר איהר געזאגט?! צוויג! צוויג! ארוים! ארוים!

טאמארע (אן אנגעטאנענע, מיט'ן קינד אויפ'ן ארם, איילט אריין אין צימער).

רבקה (כאפט זיך פאר'ן הארצען, שפארט זיך אן אן גלעזער־שראנק און מאכט זיך היסטעריש).

יענקעל (שטעהט איבער איהר מיט צונויפגעדריקטע קולאקעס און שיפעט שווער). ארוים! ארוים!

טאמארע (לעגט אריין דאס קינד אין וויעגעל, רעדענדיג, ווי פאר זיך). עס איז געשעהן, עס איז געשעהן! (איילט צו צו יענקלען און שטופט איהם אב פון רבקת'ן.) זיי נישט אזוי ווילד.

יענקעל. זאל זי גלייך ארוים! נעם זי אוועק פון מיינע אויגען!...

רפאל (שטעקט אריין דעם קאפ אין טיר). איז רבקה דא?... אוי, וועה איז מיר? וואס איז איהר? וואס טוט איהר דא מיט איהר? אוי, רבקהניו! וואס איז דיר? זעה, ווי ער שטעהט מיט די קולאקעס! אוי, וואו איז א ביסעל וואסער? געוואלט, א ביסעל וואסער! (כאפט א ביסעל וויין.) אוי, העלפט! העלפט! איך וועל צונויפרופען מענשען... איך וועל צונויפרופען די גאנצע גאס! (פערריכט איהר דאס טיכעל אויפ'ן קאפ.) רבקהניו, וואס איז דיר? וואס וויל ער פון דיר?

רבקה (קרעכצט ארוים). ער האט מיך געוואלט... ער האט מיך געוואלט...

ר פ א ל. וואָס האָט ער געוואָלט? געוואָלט האָט ער! וואָס האָט ער געוואָלט?

י ע נ ק ע ל. נעמט זי גלייך אוועק! איך גאראנטיר מעהר נישט פאר זיך.

ט א מ א ר ע (האלט איהם צו). בערוהיג דיך דאָך, קום דאָך צו זיך.

י ע נ ק ע ל. נעמט זי אוועק גיכער! די צויג!..

ר פ א ל. איהר זייט אליין! איך וועל זי שוין אוועקנעמען! איהר וועט נאָך זעהן! איהר וועט נאָך ביי מיר פארפוילט ווערען אין אָסטראָג! אוי וואָס'ט ער געוואָלט? וואָס'ט ער געוואָלט?

ר ב ק ה (קרעכצט ארוים). ער'ט מיך געוואָלט שלאָגען. נעכטען האָט ער מיך מיט געוואָלט געקוסט, היינט האָט ער מיך געוואָלט שלאָגען.

י ע נ ק ע ל. זאָל זי אוועק! זאָל זי אוועק!

ר פ א ל. זי וועט שוים! זי וועט שוים! אשת־איש'ניק! טרייפניאק! בל־בויניק! ארעסטאנט! קוסען וועט איהר זי! מיין ווייב וועט איהר קוסען!

י ע נ ק ע ל (רייסט זיך צו איהם).

ט א מ א ר ע (האלט איהם). דו שטעה נאָר רוהיג און נעם אָן פאר גוט, וואָס דו'סט פערדיענט. (צו רפאל'ן.) און איהר טראָגט אייך אָבער גלייך ארויס. אָבער גלייך, הערט איהר!

ר פ א ל. מיר וועלען שוין! מיר וועלען שוין! ווארט, איהר'ט שוין זעהן! אזא אשת־אישניק! אזא טרייפניאק, ער'ט שוין, ווארט! — ווי פיהלסטו דיך, רבקהניו? וועסט'אָך געהן מיט מיר א היים? א יאָ? שטעל דיר פאָר, איך האָב טאקע געבראכט א פוהר אויף צוצונעמען דיינע זאכען, העהע... ווי מיין הארץ האָט מיר גע־זאָגט... זעהסט, הא, די בעסטע זאך איז אָן אייגענע היים און אָן אייגענער מאַן... קאָנסטו געהן?... אזא אשת־אישניק! אזא טרייפ־ניאק! אזא רוצח!.. אָבער זעהר רעכט אויף דיר... ביזט אנטלאָפען פון מיר, איז אָט האָסטו דיר. (זי טרינקט פון דעם וויין, וואָס ער

גיט איהר.) טרינק נאָך א ביסעלע... טרינק נאָך א ביסעלע... ווי פיהלסטו דיך? איז דיר לייכטער? קאָנסטו געהן? וועסטו געהן מיט מיר? א היים וועסט'אָך געהן? א יאָ? העהעהע... אָט קאָנסטו זעהן, אז מיר האָבען א גאָט אויף דער וועלט, אז נישט, וואָס יעדער וויל, קאָן ער טאָן. וואַרט, וועסט זעהן, אויף איהם וועט נאָך אויך קומען א מפּלה! אזא רוצח!... אזא גזלן!... אז דו וועסט עפּיס ארויסקומען פון דאנען בשלום, וועלען מיר ביידע דארפען גומל בענשען. (ער פיהרט זי צו דער טיר.) העהע... א היים... רבקהניו א היים... צוריק צו איהר מאן... העעהעה... ווי דו קומסט, טוסטו גלייך אָן מאלקיניכעם פּערל... העהעהע... (געהען אַרויס.)

יענקעל (וועלכען טאמארע האָט די גאַנצע צייט צוגעהאַלטען און נישט געלאָזען אפילו רעדען, קרעכצט טיעף אָב). א—א—א! פּטור געוואָרען! פּטור געוואָרען! (לאָזט זיך קראפטלאָז אַראָב אויף א שטול.)

טאמארע (געהט און מאכט צו די טיר הינטער די אַוועקגעגאַנגענע. זי קערט זיך אום און בעטראכט שאַרף יענקלען).

יענקעל (קאָן איהר נישט קוקען גלייך אין די אויגען — און רעדט קוים אַרויס). און דו... האָסט געוואָלט אוועקגעהן?

טאמארע. יאָ.

יענקעל. וועה מיר נישט! וועה מיר נישט!

טאמארע. אייגענטליך האָב איך געהאַלטען דעם פּלאַן פון אוועקצוגעהן פון דיר פאר דער קרומסטער זאך פון דער וועלט. דאָס מוז איך דיר זאָגען דעם אמת. אָבער אז זי האָט מיר דערצעהלט, אז דו האָסט זי געקוסט, האָט מיך אָנגעכאפּט עפּיס אזא עקעל, אז איך האָב געוואָלט אנטלויפען.

יענקעל. אָבער אצינד וועסטו דאָך נישט אוועקגעהן.

טאמארע. אצינד? דארף איך מיר גוט איבערלעגען. נעכטען האָסטו זי געקוסט, היינט ביזטו געוועזען אין שיינק.

יענקעל. פון וואנען ווייסטו, אז איך בין געוועזען אין שיינק?

טאַמאַרע. די מאַמע האָט דיך געזעהן אַרויסגעהן.

יענקעל. האָט זי מיך? זי האָט אָבער נישט געזעהן, וואָס איך האָב געטאָן אין שיינק, צו האָב איך געטרונקען צו נישט. איז אויב דו ווילסט, טיק הער מיך אויס. אָבער צוערשט נעם פון דיר אַראָב די גאַס. אָדער — ניין, וואַרט אויס, דו וועסט אַליין זעהן... דו וועסט אַליין... טאַמאַרעניו, ווייסט, וואָס מיט מיר איז היינט געווען? דו ביזט'אַך אַ קלוגע און דו האָסט דאָס נישט איינגעזעהן...

טאַמאַרע. מסתמא בין איך נישט גענוג קלוג.

יענקעל. ווען דו וואָלסט געוואוסט, וואָס ביי מיר האָט זיך געטאָן אָט דאָ אָ, אז איך האָב מיך אויסגעשלאָפען און אויסגעניכטערט! דו פאַרשטעהסט, איך אַליין האָב געגלויבט, אז איך בין שוין אין גאַנצען אַ נייער מענש, פאַרשטעהסט, איך אַליין האָב גערעכענט, אז איך בין שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגעהיילט געוואָרען פון אַלע מיינע צרות, תאוות, פּאַסקודסטוועס און אַלע כוואָראָבעס. און מיט אַ מאָל — אויס, אַלץ פאַרשוואונדען, דער אַלטער יענקעל ווידער דאָ. איך האָב מיך געשעמט צו קוקען דיר אין די אויגען. אָט דאָ אָ האָט עס גערריקט ווי מיט צוואַנגען, ווי מיין האַרץ וואָלט געלעגען אויף דער קאָוואַדלע און עמיצער וואָלט זי געקלאַפּט מיט'ן גרויסען האַמער, פאַרשטעהסט?... איך האָב דיך געוואָלט אויפוועקען און אויסוויינען זיך פאַר דיר — אָט אַזוי אָ האָב איך געפּיהלט. איך דאַרף דאָך דיר נישט זאָגען, דו ווייסט'אָך אַליין, איך האָב דיך ליעב ווי מיין לעבען...

טאַמאַרע. אַזוי האָב איך אַ מאָל געמיינט.

יענקעל. און דאָס מאָגסטו ווייטער אויך ווייסען. מאָגסט מיר דאָס גלויבען... דערפאַר האָב איך דאָס מיר גענומען אַזוי צום האַרצען... דו פּאַסקודניק, דו! דו, אויסוואָורף, דו! — אַזוי האָב איך מיר אַליין געזאָגט, ווי דו זעהסט מיך לעבען — דו בעל תאוה'ניק, דו, דו טרייפניאַק, האָסט זיך שוין ווידער צוישעט? און איך האָב געוואָלט מיך אויסוויינען פאַר דיר און בעטען ביי דיר מחילה,

אָבער דאָ האָט מיר געזאָגט מיין הארץ, אז וואָס... אז וואָס וועל איך וויינען און בעטען מחילה, אז איך מוז שוים בלייבען א מיידעל־ניק און א בעל תאוה׳ניק. און ווייסט, איך האָב היינט געדאווענט מיט אזא הארץ און מיט אזא כונה, ווי נאָך קיין יום כפור נישט אפילו. איך האָב עפּיס געוואָלט, אז גאָט זאָל מיר העלפען, ווי דו זעהסט מיך לעבען. און בין אוועק ארבייטען אין דער קוזשנע, ווייל אז איך ארבייט, טראַכט זיך מיר בעסער. און איך האָב גע־וואָלט עפּיס אין מיר אליין קלאָר ווערען... דו פארשטעהסט׳אָך...

טאמארע. פאר וואָס האָסטו מיר דאָס פריער, ביים טיי, נישט דערצעהלט? (נעמט פון זיך אראָב דאָס היטעלע, געהט צום וויעגעלע און העבט אָן צו בעפרייען דאָס קינד פון זיינע גאסיגע זאכען, וואָס זי האָט אויף איהם אָנגעטאָן.)

יענקעל. אָט דאָס איז דאָך, איך האָב געוואָלט אליין אין מיר קלאָר ווערען. בין איך אַן אויסוואורף און וועל איך בלייבען אַן אויסוואורף, אָדער איך ווייס, מאַלע וואָס׳ט זיך געמאַכט? דו פארשטעהסט?

טאמארע (צוגעהענדיג צו איהם). און אז דו וואָלסט דאָס מיר פריער דערצעהלט, וואָלט איך דיר געזאָגט: יענקעל, נא דיר מיין האנט, אז דו ביזט א כשר׳ער איד.

יענקעל (שרייט אויס ווי בעפרייט, אָנכאַפּענדיג איהר האַנד). אך! (העבט אָן אַרומצוגעהן איבער׳ן שטוב שטאַרק אויפגערעגט און אויפגעלעבט און שטאַרק וואָרפענדיג מיט די הענד.) אָבער איך האָב דאָס געוואָלט אין מיר אליין. און ווייסט, איך האָב בעקומען דאָס געפיהל, אז גאָרנישט... גאָרנישט וועט פון מיר זיין. און עס האָט אָנגעהויבען צו רעדען אין מיר דער אלטער יענקעל, דער שיכור און הולטיי. און ווייסט, אז דו האָסט מיר אונטערגעטראָגען די באק א קוס צו טאָן, האָב איך דערפיהלט, אז איך וועל מיך איינשיכורען פאר הארצוועהטאָג, אז איך מוז מיך איינשיכורען. ווי געפעלט עס דיר, הא?

טאמארע. ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז מיין באַק קאָן אַרויסרופען אַזעלכע געפיהלען...

יענקעל. און איך בין אוועק אין שיינק, דו הערסט? איך בין אוועק אין שיינק, האָב מיר געהייסען דערלאַנגען אַ סאָראָ־קאָוואושקע, האָב אָנגעגאָסען אַ גלעזעל, און... און... און אַז איך האָב געוואָלט צוטראָגען צום מויל, האָב איך צוריק אוועקגעשטעלט דאָס גלעזעל און בין אוועק פון שיינק, הא? ווי?

טאמארע (אָננעמענדיג איהם פאר ביידע באַקען, ענטציקט). דאָס האָסטו? ! דאָס האָסטו ווירקליך? !

יענקעל. ווי דו זעהסט מיך לעבען, אַז איך זאָג דיר קיין ליגען נישט. ווען קאָנען נאָכפרעגען ביי חייקען.

טאמארע. איך גלויב דיר דאָך, יענקעלע, איך גלויב דיר מעהר ווי אַלע חייקעס. (זי נעמט איהם אַרום און דריקט זיך צו איהם שטאַרק צו.)

יענקעל. ניין, דו הער נאָר ווייטער. פון שיינק בין איך אוועק באָדען זיך, עפּיס אָבפרישען זיך און קאָנען אַלץ בעסער בעטראַכטען.

טאמארע. זעה, ערשט זעה איך טאַקע, אַז דו האָסט נאַסע האָר און דיין געזיכט שיינט גאָר.

יענקעל. און דאָרטען איז מיר אַ מאָמענט איינגעפאַלען, אַז איך דאַרף מיך גאָר דערטרינקען.

טאמארע (דערשראָקען). וועה מיר נישט!

יענקעל. ניין, הערסט'אָך, אַ מאָמענט נאָר. אַז איך האָב דאָס אַ טראַכט געטאָן, האָב איך מיך שטאַרק פאַרביינקט נאָך דיר און נאָך אונזער זוהנעניו, און ס'האָט מיר אַזוי פאַרכאַפּט ביים האַרצען, אַז איך בין אויף גיך אַרויס פון וואַסער, אויף גיך זיך אָנגעטאָן און געלאָפען אַ היים.

טאמארע (אומאַרמט איהם). און אַצינד ביזטו דאָ! (קושט איהם אויפ'ן מויל.) מיינער! מיינער! מיינער!

(פון קוזשנע דערהערט זיך אַ שטילער געזאַנג פון אַן אנגענעהמער מענער־שטימע).

י ע נ ק ע ל. העהע.. איז אַט ווייסטו אַלץ. איז אצינד וואָס קלערסטו וועגען מיר?

ט א מ א ר ע. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע.

י ע נ ק ע ל. דאָס בע...?

ט א מ א ר ע. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע! אז אזא מאַן ווי מיינער איז גאָר א זעלטענהייט.

י ע נ ק ע ל. דאָס מיינסטו ווירקליך? דו לאכסט נישט?

ט א מ א ר ע. דאָס קאָן איך איבער׳חזר׳ען פאַר גאָט און פאַר לייט.

י ע נ ק ע ל. מיינסטו נישט, אז מיט מיר קאָן זיך עס ווייטער איבער׳חזר׳ען? אָט דאָס... אָט דו ווייסט׳אָך...

ט א מ א ר ע. ניין, ניין, ניין!

י ע נ ק ע ל. דאָס האמערט מיר אין מח. איך האָב מורא. מיט א חדש צוריק האָב איך ל ג מ ר י נישט מורא געהאט, און אצינד האָב איך מורא. דער שד זאָל מיך ווים... ווייסט, מיר וועלען מעהר קיין שכנות נישט ארייננעמען.

ט א מ א ר ע. נארישקייט, נארישקייט! רעד נישט אזוי, טראכט נישט אזוי, שלאָג דיר אלץ ארויס פון קאָפּ.

י ע נ ק ע ל. ווייסט, איך וועל אלע טאָג אזוי דאווענען, ווי איך האָב היינט געדאווענט, און וועל נאָך אלע טאָג אָבזאָגען פופציג — דרייסיג קאפּיטלעך תהלים.

ט א מ א ר ע. אָדער מיט מיר מעהר זיצען, אז דו׳סט האָבען פרייע צייט, צוזאמען פערברייינגען מיט מיר און אונזער זוהנעניו...

י ע נ ק ע ל. דאָס א ודאי! דאָס א ודאי! (דער געזאַנג ווערט איבערגעריסען.)

ש ט י מ ע פ ו ן ק ו ז ש נ ע. רב יענקעל, אויף גיך, קומט שוין ארויס ארבייטען! די ארבייט ווארט! (דער געזאַנג הערבט ווידער אָן.)

יענקעל. איך קום גלייך! (פערקאסערט די ארבעל.) אזוי אָ... אה, וועל אי יעצט ארבייטען! פון היינט אָן און ווייטער, ארבייטען! ארבייטען! (כאפט זי אַרום און שעפּטשעט אַרויס ווי אַ סוד.) און דיך ליעבען — שטארק ליעבען!

טאמארע (ענטציקט אין זיינע אָרמס). יאָ, ליעבען, שטארק ליעבען! (דער געזאַנג ווערט הארציגער. פאָרהאַנג פאלט לאַנגזאַם.)

# גאברי און די פרויען

א שפיעל אין דריי אקטען און פיער סצענען.

(יוני־יולי, 1908.)

## פערזאָנען:

גאברי.
גאָאיל.
די קליינע.
לעם.
דער פאָטער.
די מוטער.

ציית און אָרט: ווען עס־איז און וואו עס איז.

# ערסטער אַקט

## ערסטע סצענע.

אַ בלומען־פּלאַץ אין אַ פּארק. אין מיטען אַ גרויסע, רונדע בלומען־קלומבע, אין וועלכער די פערשידענסטע בלומען זיינען אויסגעזעצט נאָך פערשידענע פיגורען און צייכנונגען. רעכטס און לינקס, פאַרנט און הינטען, פיהרען צו דער קלומבע פיער שטראהלען־וועגען. די גראָז־ערד, וועלכע זיי שליעסען איין, ענדיגט זיך ביים וועג, וועלכער געהט אַרום דער קלומבע, האלברונד, ארומגעשטעלט מיט הויכע האָרטענזיעס־קוסטען. די זייטען פון די וועגען זיינען אויך בעזעצט מיט הויכע אַרומגעשאָרענע קוסטען. וועיט הינטען שטעהט א בלומען־הויז מיט אַ גלעזערנעם דאַך און גלעזערנע וואנד. די גראָז־ערד פאר דעם בלומענ־הויז איז אויסגעזעצט מיט קליינע גרופען פון פערשידענפארביגע בלומען.

לעם (אַ יונגער ארבייטער פון אַ יאָהר זיעבצעהן, מיט אַ לאנגער נאָז צווישען איינגעצויגענע לייס־פארביגע באַקען, אין אַ גראָ־בען לייוועגטענעם העמד און גראָבע לייוועגטענע הויזען, שטעהט ביי דער פאָרנסטער וואַנד פון דעם בלומענהויז, בעשעפטיגט מיט די דאָרט איינגעפלאנצטע בלומען און זינגט אין האלבען קול, פויל און שלעפעדיג):

בלומען, בלומען אומעטום,
וואו איך קעהר און וועגד מיך;
שכור ווער איך פון דעם דופט,
זייער פראכט פערבלענדט מיך.

רויזען, ליליען, נעגעלעך,
טיולפּען און יאסמינען...
רויט און ווייס און בלוי און גאָלד —
עס פערגעהן די זינען.

דער פּאַטער (אַ מאַן פון אַ יאָהר פופציג מיט אַ גרויסען באָרד און געדיכטע וואָנצען, אין וועלכע עס זייגען שוין פאראן אַ סך גרויע האָר, אין אַ דינעם לייוועגטענעם העמד און דינע זומער־הויזען, וועלכע זייבען אריינגערוקט אין הויכע שטיפעל, מיט אַ גרויסען שטרויענעם פּארמערהוט אויפ׳ן קאָפּ, קומט אַן פון דעם פּאַרנסטען וועג רעכטס, שטאַרק אויפגערעגט און שרייט צו לעמ׳ען). העי דו, דיך זוך איך!

לעם (דערזינגענדיג גראָד די לעצטע ווערטער, שרייט צוריק). איך האָב מיך נישט בעהאלטען.

דער פּאַטער. זאָלסט זיך מיר נישט ווערטלען. דו ווערסט שוין כאפּען ביי מיר גענוג אזוי אויך. לאָז אָב דיין ארבייט און קום נעהענטער צו מיר. איך דארף צו דיר נישט שרייען.

לעם (לאָזט אָב זיין ארבייט, נישט ווילענדיג, און ווענדט זיך לאַנגזאַם צום געהן, אונטערזינגענדיג אונטער דער נאָז. מען הערט נאָך די פאָלגענדע ווערטער פון דעם ליעד).

וועלכע ליעב איך, ווייס איך ניט,
׳ך חיות מיך מיט אלע...

דער פּאַטער. געה שנעלער, זאָג איך דיר, און קום און גיב מיר ענטפער.

לעם (צוקומענדיג נעהנטער). ענטפער? איך? איהר האָט ביי מיר דאָך גאָרנישט נישט געפרעגט.

דער פּאַטער (אַ שפּרייז טועגדיג איהם ענטקעגען, מיט כעס). דו ווערסט שוין גלייך הערען. — און ברייננ מיך נישט ארויס פון געדולד! דאָס האָסטו דיר פאר דיינע רעד! (פּאַטשט איהם.)

לעם (כאַפּט זיך פאַר דער באַק, אַ ביסעל איבערראשט). איז דאָס די פראַגע? דאַרף איך דארויף ענטפערען?

דער פּאַטער. קריגסט גלייך נאָך איינעם און ווערסט נאָך מעהר געשלאָגען. זאָג מיר, וואָס ווייסטו פון גאַאיל'ן און גאַברי'ן?

לעם. פון גאַאיל'ן און גאַברי'ן?

דער פּאַטער. פון גאַאיל'ן און גאַברי'ן, יאָ! דו האָסט עס געהערט! זאָג מיר, וואָס ווייסטו?

לעם. וואָס איך ווייס?

דער פּאַטער. יאָ, וואָס דו ווייסט! וואָס דו ווייסט!

לעם. ווייס איך וואָס? וואָס ווייס איך? איך ווייס דען וואָס?

דער פּאַטער. אין דעם פינסטערסטען קעלער וועל איך דיך איינשליסען, און דו וועסט ביי מיר צופוילט ווערען ליגענדיג דאָרטען. איך וועל דיר אָנטאָן אַלע צרות און ענויים! דו וועסט מיך געדיינקען, וואַרט! דו ווילסט מיר נישט זאָגען, מאַכסט זיך תמעוואַטע, אָבער איך ווייס שוין פון אַלץ. דו ביזט געוועזען זייער גאַנצער שליח, זייער צעטעל-טרעגער. זייער גאַנצער צו־נויפברייינגער ביזטו געוועזען! זאָלסט מיר גלייך זאָגען, האָסטו אַרומגעטראָגען צעטלעך צווישען זיי? זאָלסט דיך נישט דער־וועגען צו לייקענען! איך וועל דיך שלאָגען און ממית'ן.

לעם. האָב איך דען עפּעס געלייקענט? האָב איך דען געזאָגט, אַז נישט?

דער פּאַטער. אהא, האָסט יאָ געטראָגען? האָסט יאָ געטראָגען! טיק נאָ דיר זשע אַן אויפגאָב אויף דיין שכר הליכה. (רייסט איהם פאַר דאָס האָר און שלאָגט איהם.)

לעם. איך לייקען! איך לייקען!

דער פּאַטער. דו לייקענסט! וואָס לייקענסטו? דו לייקענסט, אַז דו האָסט געטראָגען צעטעלעך צווישען זיי? אַז דו האָסט געהאָלפען צוזאַמענפאָרען מיין טאָכטער, די טאָכטער פון

דיין בעל־הבית, מיט דעם עלענדען קנעכט? וואָס לייקענסטו, וואָס?

לעם. איך לייקען גאָרנישט, אָבער איהר רייסט מיך פאר די האָר...

דער פאָטער. איך וועל דיר נאָך די צונג אויך ארויס־רייסען, די פיס וועל איך דיר אָבשלאָגען, די הענד וועל איך דיר אויסדרעהען...

לעם (וויינעריש). א שיינער תכלית וועט פון מיר ווערען.

דער פאָטער. דו וועסט וויסען, ווי אָבצוטאָן אזעלכע מעשים הינטער מיין רוקען. — זאָג מיר, וואו פלעגען זיי זיך צונויפקומען, מיין טאָכטער מיט׳ן קנעכט?

לעם. וואו זיי פלעגען זיך טרעפען.

דער פאָטער. איז דאָס אפשר אן ענטפער? דו ווילסט מיך נאָך מאכען צום נאר? זאָלסט מיר רעדען קלאָרע דיבורים! זאָג מיר, וואו.

לעם. איך האָב געענטפערט קלאָר. איינמאָל האָב איך זיי געזעהן אין דעם הויכען קאָרן, אן אנדערס מאָל ביים זוים פון וואלד, און צווישען די קוסטען, דאָרטין, וואו זיי זיינען געדיכטער, און אויך הינטער דעם שטאל, ווען איהר זייט געוועזען בעשעפ־טיגט אין פעלד.

דער פאָטער. זאָל דיך!... דאָס ביזטו אלץ געוועזען דער צונויפפיהרער! דאָס האָסטו זיי צוגעשטעלט, וואו זיי דאַר־פען יעדעס מאָל זיך טרעפען!

לעם. וואָס האָב איך געוואוסט? זיי האָבען מיך געשיקט און איך בין געגאנגען. פון וואנען זאָל איך וויסען, אז איהר ווייסט דערפון נישט?

דער פאָטער. זיי האָבען דיר דאָך מסתמא אָנגעזאָגט, דו זאָלסט קיינעם נישט דערצעהלען. ווי אזוי האָסטו געקאָנט בעהאַלטען פון מיר אזא זאך? דו שטיק נבלה, דו! דו וואָרים! דו ענדרים! דו פיפערנאָטער!

די מוטער (אַ פרוי פון עטליכע און פיערציג, ליובט אָנ־געטאָן אין אַ ציצענעם קלייד און בלוזע, מיט אַ ווייסען לייוועניטענעם זון־הוט אויפ׳ן קאָפּ, קומט געאיילט אויף דעמזעלבען וועג, וואָס פריער דער פּאָטער, אין גרויסער אויפרעגונג). איז עס טאקע אמת? פלע־גען זיי זיך טאקע טרעפען? דאָס שטיק אונגליק איז געוועזען זייער צווישענטרעגער?

דער פּאָטער. אמת, אמת, אליץ אמת! דאָס האָסטו אזוי אויפגעפּאסט! ווען די אלטע האלב־בלינדע דיענסט וואָלט עס נישט געוואָהר געוואָרען... און ווער ווייס, אפשר וועלען מיר שוין סיי ווי סיי באלד דארפען ניאנטשען זיך מיט׳ן קינד פון אונזער אמאָליגען אויפזעהער.

די מוטער. איך האָב אויפגעפּאסט אַזויפיעל, וויפיעל דו. איך זיץ אויך נישט לעדיג און האָב אנדערע מלאכות ווי נאָר נאָכצוקוקען, וואוהין דיין טאָכטער געהט. אָבער דאָס שטיק פּורעניות — צורייסען דארף מען עס אויף שטיקער. ווען נישט ער...

דער פּאָטער. ער וועט שוין ביי מיר קריגען זיין לוין. (צו לעם׳ען.) וואו איז זי אצינד, וואו? וואו שטעקט זי אצינד מיט׳ן קנעכט? זי איז שוין לאנג אוועק פון דער היים, און דו מוזט דאָך ויסען, וואו זיי האָבען אָבגערעדט. דו זאָג מיר, אָדער איך צורייב דיך אויף אש. (גיט איהם אַ שטויס.)

די מוטער (גיט איהם אַ שטויס). אָדערן וועל איך פון דיר ציהען! די נשמה וועל איך פון דיר ארויסזעצען! קרעפּירען וועסטו ביי מיר פון הונגער! זאָלסט שוין זאָגען, וואו זי איז!

דער פּאָטער (שטויסט איהם). זאָלסט מיר שוין רעדען!

די מוטער (שטויסט איהם). שטומען וועט ער! זעה, ווי ער קוקט אונז אָן, ווי ער וואָלט נישט פערשטאַנען, וואָס מען רעדט צו איהם.

דער פּאָטער. דו זאָגסט צו ניין?

לעם. וואָס זאָל איך זאָגען?

די מוטער. זעהסט, וואָס זאָל ער זאָגען, וואָס!

דער פאַטער. זאָלסט מיר זאָגען, וואו זיי זיינען.

לעם. איך ווייס נישט, צו איך ווייס עס?

דער פאַטער. וואָס זיינען דאָס פאר א ווערטער?

די מוטער. קאָנסטו איהם נישט מאכען, ער זאָל דייט־ליכער רעדען?

דער פאַטער. דאָס וועל איך אָבער גלייך.

לעם. אז זיי רעדען אָב איינס, מיינען זיי עפּעס אנדערש. ווען זיי זאָגען צו טרעפען זיך ביי די קוסטען, מיינען זיי גאָר דעם קאָרן. יעדעס מאָל מאכען זיי אָב צווישען זיך עפּעס אנדערש, און קיינמאָל זיינען זיי נישט דאָרטין, וואו איך האָב איהם אָדער איהר אָנגעזאָגט צו זיין.

די מוטער. זעהסט, ער איז ד אָ ך געוועזען זייער...

דער פאַטער. וואָס ארט דיך, ער וועט שוין זיינס האָ־בען. דו זאָג מיר נאָר, וואו האָבען זיי זיך היינט געדאַרפט טרעפען.

לעם. ביים שייער.

דער פאַטער. און דאָס זאָל באַדייטען?

לעם. דאָס ווייס איך נישט.

דער פאַטער. איך וועל דיך מאכען צו רעדען.

לעם. דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געוואוסט.

די מוטער. דו וועסט עס גלייך דערוויסען.

דער פאַטער. איך טרייב דיך אוועק פון מיין הויף, קרעפּירען זאָלסטו ווי א הונד, אָבער צוערסט וועסטו נאָך פּיג־סטערען ביי מיר אין קעלער, ווארט! — וואָס טוען זיי, ווען זיי קומען זיך צונויף?

די מוטער. האָסטו זיי געזעהן צוזאַמען? ווי האָסטו זיי געזעהן? ווי שטעהען זיי? ווי זיצען זיי? ווי—ווי...

לעם. איך האָב מיך קיינמאָל צו זיי נישט צוגעקוקט.

די מוטער. פון איהם וועסטו שוין קיין זאך נישט דער־געהן. פאר וואָס נעמסטו זיך נישט צו איהם?

דער פּאַטער (שלאָגענדיג איהם). דעם אמת זאָלסטו מיר זאָגען! דעם אמת! דעם אמת!

די מוטער (שלאָגענדיג). דאָ האָסטו דיר פאר אלע דייגע שליחות! דאָ וועסטו וויסען, ווי צו זיין א צונויפברייננער און א צוזאמענפּאָרער!

דער פּאָטער. דאָס איז דיר אלץ אן אויפגאָב, עס וועט נאָך קומען מעהר און ערגער.

די מוטער. מאָגסט דיר שוין אליין גראָבען א קבר, און וואָס טיעפער. א לעבעדיגען וועלען מיר דיך בעגראָבען.

דער פּאָטער. און יעצט מוזען מיר לויפען זוכען זיי.

די מוטער. פון אונטער דער ערד אפילו אויסזוכען זיי.

דער פּאָטער. איך אין איין זייט און דו —

די מוטער. איך לויף דאָך צום שייער.

דער פּאָטער. לויף איך צום וואלד. (צו לעם'ען.) און דו זאָלסט מיר אויך לויפען זוכען זיי. און געפינסטו זיי, זאָלסטו גאָרנישט זאָגען, נאָר קומען און רופען מיך.

די מוטער. און מיך.

דער פּאָטער. איך לויף צום וואלד.

די מוטער. און איך צום שייער.

דער פּאָטער. גלייך זאָלסטו מיר לויפען.

לעם. איך האָב בלומען דאָרטין געלאָזט ליעגען. עטליכע היאצינטען.

דער פּאָטער. לאָז די בלומען.

די מוטער. זיי וועלען שוין וואקסען אָהן דיר.

דער פּאָטער. לויפען זאָלסטו מיר. — איך לויף צום וואלד. (איילט אַוועק לינקס פּאָרנט.)

די מוטער. און איך צום שייער. (צו לעם'ען.) טראָג דיך, הערסטו! (איילט אַוועק רעכטס הינטען.)

לעם (בעטאפט זיך די גליעדער, דעם קאפ, פרובט זיך, צו זיצען אוהם די צוינער פעסט אין מויל, און שאקעלט מיט'ן קאפ). איך וואלט געוועזן א בעלן צו וויסען, וויפיעל קלעפ איך האב געקראגען. עך—עך... אך—אך—אך... אך—אך—אך... זיי האבען דארטין א גוטע צייט און איך האב קלעפ. — געפינט מען זיי אבער, וועלען זיי אויך האבען. עך—עך... אך—אך—אך... וואו געהט מען זיי זוכען? (טויטעלט מיט'ן פינגער צו אלע פיער וועגען, ווי ער וואלט געווארפען גורל. דער פינגער בלייבט שטעהן נאך פארנט רעכטס, און ער געהט אוועק אהין. א ווייל איז דער פלאץ לעדיג. באלד שפרינגט ארויס פון הינטער דעם בלומען־הויז מיט געלעכטער גאאיל, א יונג מיידעל פון א יאהר נויינצעהן, לייכט זומערדיג אנגעטאן, דעם צאפ ארויבגעלאזען, א גרויסען לייווענטענעם זון־הוט אין האנד, און לויפט איבער'ן גראז צו דער קלומבע. הינטער איהר יאגט זיך גאברי. א יונגער מאן פון א יאהר פינף און צוואנציג מיט א קליינעם בלאנדען בערדעל, אין א ווייסען זומער־העמד, לייכטע הויזען אין הויכע שטיפעל און שטרויענעם הוט.)

גאאיל (מיט אן איינגעהאלטענער שטימע, לויפענדיג און לאכענדיג). דו וועסט מיך נישט כאפען! דו וועסט מיך נישט כאפען!

גאברי (נאך איהר, אויך מיט אן איינגעהאלטענער שטימע). איך וועל דיך שוין! איך וועל דיך שוין! (זיי לויפען ארום דער קלומבע.)

גאאיל. דו וועסט מיך נישט! דו וועסט מיך נישט!

גאברי. נאך א שפרונג, און איינס—צוויי—דריי — און אט ביזטו שוין...

גאאיל (דרעהט זיך ארויס ביי איהם פון האנד). אהא — האהאהא — האסט נאך נישט! האסט נאך נישט!

גאברי. איך וועל דיך שוין — איך וועל — אט ביזטו שוין אין מיינע — (ער כאפט זי, נעמט זי ליידענשאפטליך ארום פון הינטען און בעדעקט זי מיט פייערדיגע קוסען, איבערבויגענדיג איהר

קאָפּ צו זיך. אַ ווײַלע בלײַבען זיי שטעהן גאַנץ פֿערגלײַווערט אין אַ קוס.)

גאאיל (אָבריַיסענדיג זיך פון גאברי'ן, לאַכענדיג). האָסט מיך אָבער נישט אַזוי שנעל געכאַפּט.

גאברי. אָבער דאָך.

גאאיל. עטש, עטש, איך לויף בעסער פאר דיר.

גאברי. אָבער איך האָב דיך דאָך געכאַפּט.

גאאיל. עטש, עטש, איך לויף בעסער פאר דיר.

גאברי. און אפשר האָב איך גאַרנישט געוואָלט דיך אַזוי שנעל כאַפּען?

גאאיל. אוהום!

גאברי. איך האָב ליעב געהאַט דײַן הארציג לאַכען אין דײַן לויפען, און האָב ליעב געהאַט דײַן שטימע אין דײַן לויפען. דאָס איז זיסער מיר געוועזען ווי מוזיק, און איך האָב געוואוסט, אַז וואָס לײַנגער מיר וועלען לויפען, אַלץ זיסער וועט אונז זײַן דער קוס בײַם כאַפּען.

גאאיל (לאַכט האַרציג). און איך האָב געפיהלט פון ווײַטען שוין דײַנע הענד אַרום מיר, און מיר איז געוועזען אַזוי וואַרם פון דער בעריהרונג. און דו האָסט מיך געכאַפּט, ווײַל איך האָב דיך אַזוי געפיהלט.

גאברי. און דײַנע באַקען ברענען יעצט אַזוי, און דײַנע אויגען גליהען, און מײַן אָטעם שטאָקט... דו הערסט, איך קאָן שוין באַלד נישט רעדען.

גאאיל (שטיפעריש). ביזט מיד אַזוי פון לויפען.

גאברי. פון לויפען? איך מיד? דאַן דאַרף דאָס לויפען לאַנג לאַנג געדויערן. איך וועל נישט אַזוי שנעל מיד. גרײַף אָן מײַנע מוסקולען, זיי זײַנען ווי פון אײַזען. זיי קאָנען לאַנג וואָס אַריבערטראָגען. (ווײַך און צאַרט.) אָבער מײַן הארץ קלאַפּט פון דײַן נאָהנטקייט, דאָס פײַער פון דײַנע באַקען ברענט אין מײַן בלוט. — קום לאָמיר אונז צוזעצען, דאָ הינטער דעם האַרטענזיעס־

קוסט. — — אזוי־וי־וי. (זיי זעצען זיך רעכטס.) דעם קאפּ לעג איך אוועק ביי דיר אויף דער ברוסט, אזוי־וי־וי — און איך מאך צו די אויגען, און דו בויג איבער דיין קאפּ איבער מיר, און טראג מיר צו דיינע ליפּען. שטיל, שטיל. (זיי גיעסען זיך צונויף אין א קוס.) ווי א שטילער שאטען שוועבט איבער מיר, און איך פיהל דיך מיט אלע מיינע אברים. ווי זיס דיין אטעם איז. איך פיהל דאס שטראהלענדיגע גליק, וואס שוועבט איבער דיין רייצענדען פּנים'על, אין הארצען טיעף דרינגט מיר אריין דיין שמייכעל... דו! דו!... דו שווייגסט און קוסט מיך מיט די אויגען.

גאאיל (לעגט צו איהם שטיל צו איהרע ליפּען).

גאברי. דיינע ליפּען זיינען פאר מיר געוועזען יעצט אן איבערראשונג, און דורך מיינע גליעדער איז עס דורכגעלאפען ווי א בליץ.

גאאיל. דו, ליעבער...

גאברי. ניין, רעד נישט. איך ליעב אצינד דיין שטיל־קייט. לאז מיך אליין רעדען. איך רעד און הער דיין שטילקייט. דו עטעמסט זי ארויס פון זיך, און אין איהר איז איינגעוויקעלט דיין גאנצע ליעבע, און זי צוגיסט זיך איבער מיר, שוועבט איבער מיר, טראגט זיך ווי א ווארמער, ווארמער הויך.

גאאיל (גאנץ שטיל). דו ליעבער...

גאברי (דריקט זיך צו איהר). דאס איז געוועזען שטילע ווי די שטילקייט. דאס איז געוועזען גוט. רעד צו מיר מעהר אזוי... רעד צו מיר מעהר אזוי...

גאאיל (גאנץ שטיל, קוים ארויסאטמענדיג די ווערטער). דו ליעבער! ליעבער, ליעבער... איך קאן נישט רעדען... איך קאן נישט רעדען... הערסטו, ווי מיין הארץ קלאפּט? דאס וויל צו־שפּרונגען ווערען פאר גרויס גליק און ליעבע. (זי דריקט זיך צו איהם צו מיט די ליפּען.) און יעצט ווערט מיין הארץ שטיל, שטיל.

גאברי. יא, שטיל. שטיל ווי יענער ערסטער בליק פון דיינע הארציג־שעמעוודיגע אויגען, אז ווען איך האב דערקאנט,

אז דו ליעבסט מיך. יעצט זעה איך איהם ווידער און לעב איהם ווידער איבער. איך זעה דעם ברונען און ארום איהם אלע פעלד־ארבייטער און פעלדארבייטערקעס, און דו קומסט־צו, איבער־צובריינגען מיר די לעצטע שליחות פון דיין טאטען.

גאַאיל. און דו, גנב׳ל, האסט מיך נאך געפרעגט, צו האט נאר דער טאטע נישט געהאט קיין אנדערען צו שיקען?

גאַברי. דיין בליק איז מיר געווען די ערסטע בשורה פון דיין ליעבע, און איך האב געוואָלט א צווייטע אין דעם אויפ־פלאקערען פון דיינע באקען.

גאַאיל. יאַ, איך בין רויט געוואָרען ווי צונטער, און איך האב מיך שיער נישט צואווײנט.

גאַברי. די פערעלעך אין דיינע אויגען האבען מיר אין גאנצען ארויסגעגעבען דיין סוד.

גאַאיל. און אין דיינע אויגען האט גלייך אויפגעבליצט דער זיעגער.

גאַברי. און די אונענדליך־גרויסע פרייד.

גאַאיל. פון דיינע בליקען האב איך דיין ליעבע נישט דערקאַנט. מיר האט זיך געדאכט, אז דו לאכסט מיך אוים.

גאַברי. און דו ביזט נאך רויטער געוואָרען, און מיין נשמה האט געלאכט און געשריען און געיובעלט!

גאַאיל (דריקענדיג איהם צו זיך). או—ו—ו—ו! (קוקט איהם אָן מיט אַ גליקליכען שמייכעל.)

אַ קורץ שווייגען.

גאַאיל (שטיל מיט לאַסקע). צום וויפיעלטען מאָל רעדען מיר דאָס איבער?

גאַברי. צום וויפיעלטען מאָל? האבען מיר וועגען דעם ווען גערעדט? און מיט דיזעלבע ווערטער? דאָס איז מיר ניי, ווי יעדער קוס פון דיינע ליפּען, און רעדען מיר וועגען דעם, לעב איך עס אויך איבער. עס איז מיר אלץ, ווי א לאנגער, לאנגער טאָג. א טאָג, אין וועלכען די לייכטענדיגע, לאבענדיגע זון איז

אויף קיין רגע נישט אָבגעטראָטען פון דעם הימעל, און מיין נשמה האָט אויף קיין אויגענבליק נישט אויפגעהערט פרעהליך ווילד צו זינגען.

גאאיל. מיין ליעבער, ליעבער... ווען נאָר מיינע עלטערן...

גאברי (זעצט זיך ראש אויף). דיינע עלטערן!

גאאיל. יאָ, ווען זיי וואָלטען נאָר נישט —

גאברי. דעם וואָלקען אויף אונזער הימעל פערגעס איך גאָר צו אָפּט. (קוקט זיך ארום.) ווען זיי געפינען אונז דאָ...

גאאיל. אוי, וואָלט עס געווען...

גאברי. דו ציטערסט?

גאאיל. יאָ. איך ציטער אין יעדעם אבר.

גאברי. וואָלטען זיי אונז איינמאָל פאר אלעמאָל ענט־דעקט...

גאאיל. בעהיט אונז גאָט!

גאברי. איינמאָל ווען די זאך דאָך מוזען געשעהן.

גאאיל. וואָס שפּעטער... וואָס שפּעטער...

גאברי (לעגט ווידער אוועק זיין קאָפּ אויף איהר ברוסט). יאָ, וואָס שפּעטער. און דערווייל וועלען מיר געניסען אונזער ליעבע אין איהר גאנצער פולקייט און איהר גאנצער זיסקייט, און רעדען וועלען מיר פון נעכטען, פון אלע די פערגאנגענע נעכטענס, און דערמאָנען וועלען מיר אונז יעדען געגעבענעם קוס, יעדע דורכ־געלעבטע לאַסקע, און רייכער וועלען מיר מאכען דאָס היינט.

גאאיל. יאָ, יאָ. אָבער איך פערגעס די עלטערן און טראכט וועגען אונזער גאנץ לעבען. איך וויל רייכער מאכען אונ־זער היינט מיט דער ווייטסטער צוקונפט.

גאברי. און אז דו פערגעסט נישט די עלטערן?

גאאיל (זיפצט אויף).

גאברי. טראכסטו דאָן פון צושיעדען ווערען?

גאאיל. ווען איך טראכט וועגען די עלטערן, ווייס איך

א סך. און דו טראַכסט גאָר קיינמאָל נישט וועגען זיי? טראַכסט גאָרנישט וועגען אונזער צוקונפט?

גאַבריִ. איך שרעק מיך פאַר איהר נישט. זאָל קומען, וואָס זאָל קומען. ווען דו זאָלסט נאָר זיין שטאַרק.

גאַאיל (זיפצט).

גאַבריִ. דו זיפצסט? — יאָ, הם. — ניין, ניין, לאָמיר אונז דאָס היינט נישט פערשטערען. א קוש! א קוש אויף גיך!

גאַאיל (בויגט זיך איבער איהם איבער, און זיי גיסען זיך צונויף אין אַ קוש).

לעם (קומט אָן אויף דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען ער איז אוועק). עך—עך—עך... אַך—אַך—אַך...

זיי (שפּרינגען אויף).

לעם (קוקט זיי איבערראַשט אָן). זעה, איהר זייט גאָר דאָ? און מען זוכט אייך ארום שדים ווייסען וואו.

גאַאיל (מיט שרעק). מען זוכט ארום?

גאַבריִ. ווער זוכט ארום?

לעם. ווער? דער טאַטע, די מאַמע.

גאַאיל. דער טאַטע! די מאַמע! זיי האָבען זיך דער־וואוסט?! ווי אזוי האָבען זיי...

לעם. וואָס מאַכט עס אויס, ווי אזוי. זיי ווייסען שוין, און דאָס איז אלץ. (צו גאַבריִ׳ן.) און דו געה בעסער אוועק פון דאַנען. מען וועט דיך נאָך דאָ געפינען.

גאַבריִ. איך קאָן נישט אזוי. מיר דאַרפען נאָך וואָס בערעדען. דו שטעה און היט, צו עמיץ קומט.

לעם. אזוי גאָר? געפין איך אייך, דאַרף איך עס גלייך אָנזאָגען דעם בעל הבית אָדער דער בעל־הבית׳טע.

גאַאיל. אוי, דאָס וועסטו דאָך נישט!

גאַבריִ. דו ווילסט דאָך מיך נישט האָבען פאַר א שונא.

לעם. דער בעל הבית האָט מיך שוין געשלאָגען, און די בעל הבית׳טע האָט מיך שוין געשלאָגען, און דער בעל הבית וועט

מיך נאך שלאגען, און די בעל הבית'טע וועט מיך נאך שלאגען, און זיי טרייבען מיך אוועק פון הויף, און פינסטערן וועל איך אין קעלער, און איך דארף מיר שוין גראבען א קבר...

גאברי. דו שרעק זיך נישט, איך נעם דיך אין מיין שוץ.

לעם. דו ווילסט געשלאגען ווערען פאר צווייען? דאס וואלט מיך שוין נישט געארט.

גאברי. דו געה און היט, שטעה שמירה, און זארג נישט פאר דאס, וואס וועט זיין מיט דיר.

לעם. דאס איז לייכט געזאגט. דערווייל טוט מיר דער רוקען וועה.

גאאיל. לעם, טייערינקער, געה, געה...

לעם. וואוהין זאל איך געהן? זיי קאנען אנקומען פון אלע זייטען. און ווי קאן איך מיך צורייסען אויף אלע זייטען?

גאברי. געה ארום, געה אין קרייז.

לעם. און בין איך דא, וועלען זיי אנקומען פון דארטין, און בין איך דארטין...

גאברי (שטרענג). דו געה...

לעם. ווארט, איך קריך ארויף אויף יענעם עפעלבוים. פון דארטין קאן איך זעהן און הערען...

גאברי. נאר צו אונזער ארט ווער טויב און בלינד.

לעם. די בעל הבית'טע זאגט שוין לאנג, אז איך זעה נישט, וואס עס טוט זיך אונטער מיין נאז. אז מען האט אזא גרויסע נאז ווי איך, ווי קאן מען עפים זעהן, וואס אונטער איהר טוט זיך?

גאברי. געה שוין, געה!

לעם. זאג בעסער, קריך שוין, קריך! א נו, קום גיב מיר נאר דעם ערסטען הייב.

גאברי (געהט מיט לעם'ן נאך רעכטס).

לעם (קלעטערענדיג). קוקט נישט, גאאיל, קוקט נישט, איך שעם מיך. — אן אויסגעצייכענטער ארט. דערווייל וועל איך

נאשען אן עפּעל. — אום—ם—ם, א זויערער. איך קריג א בויך־וועהטאָג.

גאבּרי (אַנקומענדיג צוריק). דו זיץ דאָרטין און שטום.

לעם (עסענדיג). מו—הו—ם—ם, ווי א פּיש.

גאבּרי (צו גאַאיל׳ען). נו, און וואָס יעצט?

גאאיל. וואָס — יעצט?

גאבּרי. יעצט מוזט דו דיך בעווייזען.

גאאיל. יעצט מוז איך מיך — — יאָ.

גאבּרי. דו ליעבסט מיך אין דער ווייטסטער צוקונפט — און זאָל היינט די ליעבע איבערגעריסען ווערען?

גאאיל. בעסער שטארבען.

גאבּרי. דאָס הייסט אויך, די ליעבע איבערגעריסען. בעסער לעבען און...

גאאיל. איך וועל מיך ווארפען די עלטערן פאר די פיס.

גאבּרי. וועסט נישט פיעל דערגרייכען. זיי זיינען צו שטאָלץ, און איך בין פאר זיי צו נידריג: זייער געוועזענער אויפ־זעהער!

גאאיל. איך וועל וויינען פאר זיי, איך וועל בעטען רחמים.

גאבּרי. נישט, נישט. טראכט ווייטער, ווייטער.

גאאיל (געבּראָכען). איך וועל ענטלויפען פון זיי, איך וועל אוועקגעהן מיט דיר!

גאבּרי. אה, דאָס איז גוט! יעצט האָב איך דיך, יעצט האָסטו מיר געשיינקט די צוקונפט.

גאאיל. דיינע בין איך, דיינע וועל איך שטענדיג זיין. האָסטו געצווייפעלט אין דעם?

גאבּרי. איך האָב עס געוויס. ווי האָב איך אנדערש גע־קאָנט? דו ליעבסט דאָך דיינע עלטערן.

גאאיל. יאָ, איך ליעב מיינע עלטערן, אָבער טויזענד מאָל מעהר ליעב איך דיך. צו האָט דען ווען מיין הארץ אזוי גע־

שלאָגען, ווען איך האָב ארומגענומען מיין מוטער, און איז מיר דען ווען דער אָטעם אזוי פערגאנגען פון דעם טאטענס קוס? עס ציהט מיך צו דיר מיט טויזענדער נישט־צו־זעהענדיגע קייטען, און דיינע בין איך, דיינע אויף אייביג.

גאברי. מיינע ביזטו, מיינע אויף אייביג.

גאאיל. איך געה מיט דיר, וואוהין דו וועסט מיך פיה־רען. און זאָלען די עלטערן מיך פערשילטען, דיין ליעבע וועט איבערוועגען אלע קללות, און רוהיג און גליקליך וועל איך זיין אונ־טער דיין שוץ.

גאברי. דו וועסט מיט מיר נאָך קיינעם מעהר ניט בייִנקען.

גאאיל. דו וועסט מיר זיין מיין אלץ.

גאברי. און דו מיר.

גאאיל. איך פיהל, מיין ליעבע צו דיר איז אונענדליך.

גאברי. און מיינער זעה איך אויך קיין סוף נישט. אך, איך זעה שוין אונזער לעבען. איך האָב שוין לאנג עס אָבגעפלא־נעוועט. אין א ווייט, ווייט לאנד וועלען מיר אוועק, ווען מיר וועלען עס מוזען. א לאנד, וואו איינער קאָן קריגען ערד, וויפיעל ער וויל אליין. דאָרטין וועלען מיר אונז בעזעצען, ווייט פון אלע מענשען, אין טיעפער איינזאמקייט, איך און דו, און דו און איך...

לעם. און איך! און איך!...

גאברי. יאָ. און די קליינע, מיין פערשטאָרבענעם פריינד'ס יתומה'לע, וואָס איך ערציה אויף. דו האָסט דאָך גאָר־נישט געגען דעם, איך זאָל זי נעמען מיט?

גאאיל. דאַרפסטו עס דען פרעגען?

גאברי. זי איז א שיין און קלוג קינד.

לעם (מיט שרעק). די בעל הבית'טע קומט!

גאברי און גאאיל (שפרינגען אָב איינס פון דעם אנ־דערן און קוקען זיך ארום אין אלע זייטען אין גרויסער אויפרעגונג).

לעם. זי איז נאָך ווייט, זי איז אויפ'ן וועג פון שייער.

גאַאיל. אוי, ווי בין איך דערשראָקען!

גאַברי. מיר בלייבען דאָ, מיר וואַרפען זיך צו איהרע פיס, מיר בעטען זי...

גאַאיל. ניין, ניין, דו נישט. דיין אָנזעהן וועט אריינטרייבען זי אין ווילדען כעס, די ריהרענדסטע טרערען וועלען איהם נישט אויסלעשען.

גאַברי. דאַן בלייבסט דו אליין, בעגעגענסט זי, איך קריך ארויף אויף יענעם בוים. (ציינט נאָך לינקס.) אין זיין געדיכטער קרוין וועט מיך קיין אויג נישט בעמערקען.

לעם. זאָל איך אראָבגעהן אונטערשטופּען דיך? און נאָכדעם וועסטו מיך.

גאַברי (צו גאַאיל'ען). זיי רוהיג נאָר, מיין ליעב. האלט פעסט דיך. און קומט א גינסטיגע מינוט, בין איך ביי דיר.

לעם. טראָג דיך אָב. זי קאָן דיך באלד דערזעהן.

גאַברי (צו גאַאיל'ען, קוסענדיג זי). דו געדענק מיך, געדענק אונזער ליעבע. (פערשווינדט נאָך לינקס.)

לעם. ווי א מאלפּע קלעטערט ער. הו, ווי געשיקט ער איז. שא, זי איז שוין דאָ. יעצט ווער איך ווידער שטום.

גאַאיל (אין אויפרעגונג, לאָזט זיך צו דער פון רעכטס תינטען אָנקומענדיגער מוטער).

די מוטער. זעהסט, דו ביזט דאָ! געפונען דיך, האַ? אליין גאָר? פון וואַנען קומסטו, זאָג! וואו ביזטו געלעגען בעהאלטען מיט דיין — מיט דיין — — מיר ווייסען שוין פון אלץ. זאָלסטו זיך נישט דערוועגען צו לייקענען.

גאַאיל. מוטער!

די מוטער. אהא, איז עס טאקע אמת?

גאַאיל. האָסטו ווען געליעבט, דאַן פרעג ביי מיר נישט מעהר.

די מוטער. צו האָב איך ווען געליעבט? דאָס פרעגסטו נאָך, דו! אָבער איך האָב געליעבט דיין טאַטען!

גאַאיל. יאַ, דו האָסט געליעבט איינעם, וועלכער איז ווערט געוועזען געליעבט צו ווערען. מיין הארץ זאָגט מיר, אז איך ליעב אויך אזא איינעם.

די מוטער. א קנעכט ליעבסטו, א קבצן.

גאַאיל. האָסטו געליעבט דעם טאטען פאר זיין רייכטום און זיין יחוס?

די מוטער. דו קוק נאָר אָן זי, די חכמה! מען דארף ליעבען נאָר זיינס גלייכען.

גאַאיל. מיין גלייכען איז — אן אנדער פרוי.

די מוטער. זעה נאָר, ווי דאָס ווערטעלט זיך. מאכט זיך, ווי זי פערשטעהט מיך נישט. איך רוף דעם טאטען באלד. ער וועט דיר שוין אלע דערקלערען, ווארט.

גאַאיל. דו ערגער דיך נישט, מוטער, רעג דיך נישט אויף. איך פערשטעה דיך גוט, איך האָב אָבער געזאָגט דעם אמת. און איז אונז שוין בעשערט צו פערליעבען זיך אין א מאַן, דאן פרעגט דאָס הארץ נישט, אין וועלכען. דו האָסט געדארפט די מענער צולאָזען צו מיר מיט צעטעלעך אָנגעקלעבטע: „אין דעם פערליעב דיך", „אין דעם פערליעב דיך נישט". און וואָלסטו דאָס געטאָן, מיין הארץ וואָלט דאָך נישט געפאָלגט און וואָלט געליעבט נאָך דעם, וועמען עס וואָלט שטארקער געמאכט עס שלאָגען. (נעמט ארום די מוטער.) מוטער! מוטער!

די מוטער (שטופט זי אָב פון זיך). דו געה אוועק פון מיר! דו לאָז מיך אָב!

גאַאיל. ניין, מאַמעלע, דו הער מיך דאָך נאָר אויס. איך ליעב דיך שטארק און דו ליעבסט מיך, און דארפסט מיך נישט אזוי שטויסען פון זיך. דו זאָג אליין: איז דער טאטע געוועזען דער איינציגער מאַן, וועלכען דו האָסט אָנגעטראָפען אין דיין גאנצען מיידעלשען לעבען? פיעלע זיינען זיי געוועזען. איך קען נאָך איינינע, וועלכע דו האָסט מיר פערטרויט, אז זיי זיינען גע-

ווען פערליעבט אין דיר. פון זיי זיינען אַ פּאָר נאָך שענער פאר'ן טאַטען...

די מוטער. זעה אקאָרסט! ביזט טאַקע אַ גרויסע מבינטע!

גאַאיל. און דו האָסט געהאט און האָסט נאָך יעצט דיינע אויגען בלויז פאר'ן טאַטען. פון אלעמען האָט דיין הארץ זיך אָב־געשטעלט בלויז אויף איהם.

די מוטער. ווייל ער איז געוועזען דער שענסטער און דער בעסטער און דער ווערטפּולסטער פון אלע. זיין גאַנג אליין איז דאָך געוועזען אַ חיות אָנצוקוקען. הייננט זיין רעדען, זיין שטימע, זיין גאַנץ בענעמען זיך. אלץ אין איהם האָט געבעטען זיך, מען זאָל איהם אויסקוסען די גליעדער.

גאַאיל. און דאָס פיהל איך אלץ צו איהם — צו גאַברי'ן.

די מוטער. זאָלסט מיר זיין נאָמען נישט דערמאָנען, הערסטו! אַ קבצן, אַ קנעכט, אַ איך ווייס נישט וואָס — — ווי קומסטו צו איהם? ווי קומט ער צו דיר?

גאַאיל. דו זעהסט דאָך... זעהסט דאָך, מאַמעלע!

די מוטער. וואָס זעה איך? איך זעה גאָרנישט. איך זעה, אַז דו ביזט אַ גרויסער נאַר און מען דאַרף פון דיר ארויס־שלאָגען דיין נאַרישקייט. דו זאָלסט דיר איהם ארויסשלאָגען פון קאָפּ, הערסטו! זאָלסט איהם פערגעסען, זאָלסטו איהם!

גאַאיל. רייס מיר אויס מיין הארץ, אויב דו קאָנסט.

די מוטער. איך וועל איהם אָבער ארויסרייסען ביי דיר פון הארצען.

גאַאיל. ווי קאָנסטו אזוי הארט רעדען, דו, וועלכע האָט אליין געליעבט?

די מוטער. לאָז מיר מיין ליעבע צו רוה! דו שענ־דעסט זי, ווען דו ברייננסט זי ארויף אויף דיינע ליפען! דו געה מיר גלייך אהיים! איינשליסען וועלען מיר דיך, די ליכטיגע וועלט וועסטו ביי אונז נישט אָנזעהן.

גאַאיל. בעגראַב מיך שוין צוגלייך...

די מוטער. דו וועסט דיר שוין ארויסשלאָגען פֿון קאָפּ דיין ליעבענים. און אז עס וועט קומען דיין אמת'ער בעשערטער...

גאַאיל. פֿון וואנען ווייסטו, אז דאָס איז נישט גאבּרי?

די מוטער. זיין נאָמען זאָלסטו מיר נישט דערמאָנען, האָב איך דיר געזאָגט, הערסטו! זיין נאָמען זאָלסטו מיר נישט דערמאָנען! און גיי גלייך א היים. אז נישט, וועל איך דיך אוועקשלעפּען פאַר די האָר.

גאַאיל. איך וועל געהן.

די מוטער. גיי גלייך און שנעל! וואָס ריהרסטו זיך נישט? איז ער ערגעץ דאָ?

גאַאיל. זעהסט דאָך.

די מוטער. מסתמא ערגעץ־וואו בעהאַלטען. (קוקט זיך אַרום.) הינטער די קוסטען, אויף א בוים.

גאַאיל. ביזט דאָך אַנגעקומען — פּלוצלונג. האָסטו איהם געזעהן?

די מוטער. וואָס ווייס איך, וואָס! גיי גלייך א היים! דער טאַטע לויפט ארום איבּער וואלד און פעלד און זוכט דיך. איך גיי איהם געפינען און אַנזאָגען, אז דו ביזט אוועק א היים.

גאַאיל (ברעכט אויס אין טרערען).

די מוטער. מיט דעם וועסטו מיך נישט ריהרען. אויף דעם האָב איך מיך געריכט. דו זאָג אליין, טאָכטער, איז דאָס שיין פֿון דיר צו נעמען און פֿערליעבּען זיך אין דעם, וואָס איז גע־וועזען אונזער אויפֿזעהער. דאָס איז דאָך די גרעסטע בושה. פאַר חרפּה וועלען מיר אונז דאָך דאַרפען בעגראָבען לעבעדיגערהייט. דו פֿאָלג מיך און שלאָג דיר איהם ארויס פֿון קאָפּ. קאָנסט זיין זיכער, אז מיר וועלען נישט איינגעהן אויף דעם, מיר זאָלען אפילו וויסען, איך ווייס נישט וואָס. איך נישט, און דער טאַטע א ודאי נישט. איך האָב נאָך מיט דיר גערעדט ווי מיט א מענשען, דער טאַטע וואָלט דיך שוין לאַנג אוועקגעשלעפּט פאַר די האָר א היים

און — און... טיק געה שוין בעסער א היים, זאָל ער דיך דאָ נישט געפינען. איך וועל איהם זאָגען, אז דו ביזט שוין לאַנג אין דער היים. איך וועל איהם בעטען, ער זאָל דיך נישט אָנריהרען. געה א היים, מיין טאָכטער, געה א היים.

גאַאיל. איך וועל שוין געהן. לאָז מיך כאָטש גוט אויס-וויינען זיך. דאָס מאָגסטו מיך דאָך לאָזען.

די מוטער. נארישקייט. דיין גאנצער געוויין איז א נארישקייט.

גאַאיל. מוטער, ווי קאָנסטו אזוי? מוטער!

די מוטער. נו, טיק וויין, טיק וויין. וויין דיך אויס און געה א היים. זעה, אז איך און דער טאַטע וועלען קומען אין שטוב, זאָלסטו שוין זיין אין דער היים. (קוקט זיך אַרום.) צו איז ער דאָ נאָר נישט בעהאַלטען?

גאַאיל (וויינט שטאַרקער).

די מוטער (טריקענט זיך אויך די אויגען). אָי, נאַר, נאַר! נישט קשה, וועסט אונז נאָך דאנקען. — הער אויף, הער אויף. מאכסט מיך אויך צו וויינען. אָבער דיר וועט גאָרנישט דערפון ארויסקומען. — נא, הער אויף צו וויינען און געה גלייך א היים. איך געה געפינען דעם טאַטען. (טריקענט זיך די אויגען און איילט אַוועק נאָך ליבקס פאַרנט.)

גאַאיל (קוקט איהר נאָך און שרייט אויס הארצרייסענד). מוטער!

די מוטער (מאַכט אַוועק מיט דער האַנד און פערשווינדט מיט נאָך שנעלערע טריט).

גאַאיל (ציהט זיך אויס אויף'ן גראָז און וויינט היסטעריש).

לעם (פון בוים). הערט אויף, הערט אויף. איך וויין שוין אויך. איהר צורייסט מיר מיין הארץ. און די מאמע געהט און וויינט אויך. זי הערט נישט אויף צו ווישען זיך די אויגען.

גאַבריאל (קומט שנעל צו). ליעבע, ליעבינקע! הער אויף,

הער אויף. איך לאָז דיך פריי, וויין נאָר נישט אזוי... הער אויף, ליעבינקע...

גאַאיל. גלייך, גלייך. דאָס האָב איך מיך צוזעגענט יעצט מיט מיין מוטער.

גאַבריִ. דאָס האָסטו—?!

גאַאיל. יאָ. (שטעהט אויף.) נעם דו מיך אוועק, גלייך, יעצט, אָט ווי איך שטעה. עק וועלט געה איך מיט דיר. דיין לע־בען וויל איך טיילען, און ווי אָרם דאָס זאָל נישט זיין. ווילסטו מיך נעמען?

גאַבריִ. דו פרעגסט? — ליעבע! איך בין שוין לאנג גרייט דיך צו צונעמען, ווי דו שטעהסט און געהסט. האָב איך דיך געליעבט פון דיינע גיטער וועגען? האָב איך דען ווען געטראכט פון דיין טאטען'ס רייכטום? ד י ך ליעב איך — ד י ך נאָר אליין. נאָך דיר בייגקט מיין נשמה, נאָך דיר לעכצט מיין הארץ, נאָך דיר טראָג איך מיין גרויסען דורסט!

גאַאיל. טיק קום, טיק קום! לאָ'מיר שנעל אוועק.

גאַבריִ. יאָ, קום שנעל! א קום נאָר וועל איך דיר גלייך געבען, בעזיעגלען זאָל ער די פערגאנגענהייט און אריבערפיהרען אונז אין די גליקליכע צוקונפט. אין מיינע אָרמס, געליעבטע, טייערע, הארץ און נשמה! (ער כאַפּט זי ליידענשאַפטליך אָרום און זיי פערזאוימען זיך אין א לאַנגען קוס.)

לעם (הוסט אָב א פּאָר מאָל. זיי לאָזען זיך נישט שטערען).

גאַאיל. אה, יעצט קום!

גאַבריִ. יעצט קום!

גאַאיל (מיט א געבראָכענעם קול). זיי געזונט, מאמעלע! זיי געזונט, טאטעלע! (לעגט אוועק דעם קאָפּ אויף זיין אַקסעל און וויינט.)

גאַבריִ (גלעט זי).

גאַאיל (שטאַרקט זיך). דאָס איז אלץ. נישט מעהר וויינען. יעצט געהער איך דיר, און דו ביזט מיין אייביגע פרייד.

איך געה אוועק מיט דיר מיט א לייכטען הארצען. איך פיהל מיך גליקליך, און פרייד גיעסט זיך דורך מיינע אדערן. איך קאן יעצט שרייען און זינגען. (מיט א געבראכענער שטימע.) קום, קום שנעל. זייט געזונד, מיינע שיינע בלומעלעך! זייט געזונד, מיינע בוימדעלעך! גריסט די עלטערן פון מיר. זאגט זיי, אז איך האב זיי שטענדיג געליעבט און וועל זיי שטענדיג ליעבען. (לאזט זיך אראב אויף די קני און קוסט די ערד און דאס גראז.) זייט געזונד, ערדעלע, אויף וועלכער איך האב פון מיין קינדהייט אן געטראטען. זאלען מיינע עלטערן נאך לאנג, לאנג אויף דיר טרעטען. גיב זיי איבער מיינע קוסען, גיב זיי איבער אלע מיינע לאסקעס. (שטעהט אויף.) קום, קום! קום שנעל! זייט געזונד אלע, אלע! זיי געזונד, הימעל איבער מיין עלטערנס הויז. דיך נעם איך אבער מיט. דורך דיר וועל איך זיי שיקען מיינע גריסען און פון דיר וועל איך אבנעמען זייערע גריסען. זיי וועלען מיר דאך שיקען גריסען? ווי? הם? גאברי? — דו וויינסט? דו וויינסט גאר? קום! קום! (זיי הערבען אן צו געהן נאך רעכטס פארנט.)

לעם (פון בוים). העי, העי, און וואס וועט זיין מיט מיר? זאל איך מיך דא אויפהייננען גלייך אויפ'ן בוים?

גאברי. יא, דו קומסט מיט. דו קומסט מיט אונז. מיר וועלען וויסען, ווי אבצודאנקען דיר פאר אלע דיינע דיענסטען. קום נאר שנעל.

לעם (שפרינגט אראב פון בוים און קומט ארויס אויפ'ן פלאץ). דא בין איך שוין. איהר געהט, איך קום אייך גלייך נאך. איך נעם נאר צו מיט זיך מיין ביסעל ארמקייט. (לויפט צום בלומענ־הויז.)

גאאיל (אוועקגעהענדיג). זייט געזונד, אלע און אלע! (געהט און בויגט זיך צו דעם גאנצען ארום.) זייט געזונד! זייט געזונד! (פערשווינדט מיט גאברי'ן רעכטס פארנט. מען הערט זי נאך

רופען מיט א געבראכענעם קול:) זיי געזונד, טאטעלע! זיי געזונד, מאמעלע!

לעם (קומט ארוים אין א ווײלע ארום מיט זיין „ביסעל ארמ־קייט“, איינגעבונדען אין א טוך, אויף דעם רוקען, און בויגט דעם קאפ, ווי ער וואלט זיך צוזעגענט). זייט געזונד, פלאנצעלעך. איך וואלט געוויינט, ווען איהר וואלט געוועזען ציבעלעס. זייט גע־זונד. נישט איהר, וועלען זיין אנדערע. זייט געזונד. (שפרייזט און זינגט:)

בלומען, בלומען אומעטום,
וואו איך קער און ווענד מיך...

## צווייטע סצענע.

אַ הויכער גראָז־פלאַץ, פון וועלכען עס עפענט זיך אַן אויסבליק אויף אַ ווייט גראָז־בעדעקט טאָל, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט וואַלד און וואַלד־בעוואַקסענע בערג. — עס איז אָנהעב פריהלינג, דאָס אַלטע גראָז הענבט זיך קוים אויף פון דעם ווינטערדיגען שלאָף און איז ערטערווייז געל. די צוויי בוימער רעכטס, איינער אין מיטען, דער אַנדערער הינטען, און דער איין בוים לינקס הינטען, ווי אויך די פיעלע קליינע קוסטען, זיינען נאָך אָהן בלעטער.

פון ווייט הינטען רעכטס הערט זיך גאַברי, אונטערטרייבענדיג פערד.
וויאָ, וויאָ, וויאָ! נאָך אַ ביסעל, נאָך אַ ביסעל... פוילט אייך נישט, פוילט אייך נישט... וויאָ, וויאָ, וויאָ!... טפררו! טפררו! (די זייט פון אַ גרויסער בויד ווערט קענטיג ביים ראַנד פון פלאַץ רעכטס צווישען די ביידע בוימער.)

גאַברי (אָנגעטאָן אין אַ דונקעלען רעקעל אויף אַ בלויעם העמד, מיט דונקעלע הויזען אין הויכע שטיפעל און אַ ווייכען פילץ־הוט מיט אַן איבער די אויגען איבערגעבויגטען ברעג, שפרינגט אַראָב פון דער בויד). איהר זעהט, איך האָב אייך געזאָגט, מיר קומען אָן אויף דעם העכסטען פונקט. און מיר זיינען טאַקע אויף דעם העכסטען פונקט. דאָ בלייבען מיר יעצט שטעהן און זעהען זיך דעם פלאַץ גענויער אָן. (ווענדט זיך צו דער בויד.) אַרויס פון בויד, הייסט עס. אָו, אָו, פּאַוואָליע, מיין שווער ווייבעל! קאָנסט

דיך נישט ריהרען, הא? ביזט אלט געזעסען געווארען? אזוי... אזוי... האפ!

גאאיל (אין א דיקען גרויען אנצוג, אויפ׳ן קאפ א מין קאפיושאן, שפרינגט אראב).

גאברי (דריקט זי צו זיך צו און קוסט זי).

גאאיל. אוף! טאקע אלט געזעסען געווארען.

גאברי. גיה זיך נאר א ביסעל פערנאנדער. (צוריק צו דער בויד.) און דו, קליינע, ביזט אויך מיד פון זיצען?

די קליינע (פון בויד). זעהר.

גאברי. נו, טיק שפרינג אראב. גיב דיינע הענטעלעך. אט אזוי א... נו, האפ־טשאק... האפ! און לויף זיך דורך אביסעל. (ער גאלאפירט ארויף מיט א קליינער מיידעלע פון א יאהר ביין, אן איינגעוויקעלטער אין א גרויסער פאטשיילע.)

די קליינע. אוי, ווי מיינע פיס זינגען!

גאברי. טיק זאלען זיי אויך טאנצען. (געהט צוריק צו דער בויד און רעדט אריין.) און דו דארט, וואס ליעגסטו נאך ווי א בער? קום אראב, מיר ווילען אנזעהן זיך די געגענד. זאל איך דיך אפשר אויך אראבנעמען?

לעם. א—א—א, שווער אזוי די ביינער. (ער קומט ארויס פון בויד, אנגעטאן אין א געלען פערלאטעטען ווינטער־אנצוג, אין גרויסע שטיפעל מיט א שווערען היטעל אויפ׳ן קאפ, פויל בעוועגענדיג זיך. צו גאברי׳ן.) קלאפ מיר אן א ביסעל די ביינער. לא׳מיך זיי א ביסעל דערפיהלען. (ווארפט זיך צו צום מיטעלסטען בוים און שלאגט זיך אן איהם דאס מיט איין זייט, דאס מיט דער אנדערער.)

די קליינע. ווארף נאר דעם בוים נישט איין.

גאברי (געהט צו צו גאאיל׳ען, וועלכע שטעהט מיט׳ן געזיכט צום הינטערגרונד און בעטראכט די געגענד). דער פלאץ איז וואונדער־שיין, און מוז אויך זיין גוט. איך וועט זיך, אז דארט אונטען מוז זיין וואסער. זעהט עס נישט אויס ווי א וואסער? בעוועגט זיך נישט די אויבערפלעך? אויב דאס איז א וואסער, האבען מיר עס

בעסער ווי געוואונשען, פֿאָהרען מיר ווייטער נישט און מיר בלייבען דאָ.

גאַאיל. אַך, דאָס וואָלט געוועזען גוט. איך בּיינק שוין נאָך אַ היים.

גאַבּרי. איז דאָס אַ פֿאָרוואורף מיר?

גאַאיל. דיר אַ פֿאָרוואורף? וואָס פֿאַלט דיר איין? ווילסט דו דען אַליין קיין היים נישט האָבען? בּיינקסט דו אַליין דען נישט נאָך איהר?

גאַבּרי. און ווי נאָך! און ווי! איך האָב קיינמאָל אזוי נישט געבּיינקט נאָך אַן אייגענער היים. איך האָב איבערהויפּט נישט געבּיינקט נאָך אַ היים, נאָך אַן אייגענעם ווינקעל. מיין רענצעל איז מיר געוועזען מיין ווירטשאַפֿט, די ערד — מיין ווייך געפֿעדערט בעט און דער הימעל איבער מיר — דער אויסגעפּוצטער באַלקען.

גאַאיל. בּין איך דיר נעביך אַ גרויס, שווער יאָך?

גאַבּרי. אָה, ניין! דער אָרמער וואַגאַבּונד וואַלגערט זיך וואו אַ טאָג און וואו אַ נאַכט אויף אָפֿענע גאַסען און טראָגט זיין לעבען לייכט, בּיז ער קומט פּלוצלונג צו עשירות. דאַן בּויט ער שנעל זיך אויס אַ הויז און דאָס וואַגאַבּונדען-לעבען וויל איהם מעהר נישט שמעקען. דו האָסט מיך, אָרמען וואַגאַבּונד, מיט דיין ליעבע אונענדליך רייך געמאַכט און עס ציהט מיך צו שטוב און דאַך. איך וויל מיין אוצר דאָרטין בּעהאַלטען, אז קיין שטויבעל זאָל אויף איהם נישט פֿאַלען, נישט ליידען זאָל ער פֿון זון און פֿון רעגען, און פֿראָסט און שניי זאָלען איהם נישט שאַדען. בּעדריקט פֿיהל איך מיך יעצט אונטער דעם פֿרייען הימעל, און אין דעם ענגסטען חדר מיט דיר אַליין אָטעם איך, ווי אין דער אונענדליכקייט. אָ, דו! אַ גרויס, שווער יאָך בּיזט דו מיר?! הא, הא! יעצט פֿיהל איך מיך ערסט אַלס גאַנצער מאַן, פֿעהיג צו די גרעסטע טאַטען, און מיין טרייבקראַפֿט איז: דו, דו, דו — דו אַ גליקליכע, דו

א פרעהליכע, דו א פערגניגטע! או, דו! (קוסט זי לוידענשאפט־ליך.) אָבער וואָס האָב איך מיך פעררעדט...

גאאיל (ארומנעמענדיג איהם). אָה, ליעבער, רעד ווייטער, ווייטער. עס איז מיר אזא חיות דיך צו הערען. רעד, רעד.

גאברי. ניין, פון רעדען וועל איך דיר נישט אויפבויען קיין היים. דו כאפסט נאָך א גוטען קוס — (קוסט זי) און איך געה ארומקוקען דעם פּלאַץ. צו איז עס טאַקע א וואסער, וויל איך זעהן, און צו איז דער פּלאַץ דאָרט אונטען נישט זומפּיג, און ווי די ערד איז. (צו לעם'ען.) קום, דו, מיר וועלען אונז דורכגעהן א ביסעל איבער דעם ארום. שלאָף נישט. שלאָף נישט. בעוועג דיך. שטעל פיס.

לעם (וועלכער איז געשטאַנען איינגעהויקערט אונטער'ן בוים, בעוועגט זיך קוים). עך, פאַהרען איז בעסער. גערעגען און גע־געסען, געגעסען און גערעגען. א גוט שטיקעל צייט.

גאברי. דאָס גוט שטיקעל צייט וועט דיר גלייך אוועק. עס וועט זיך אָנהעבען אן ארבייט!

לעם. א שמחה אין שטעדטעל. איך האָב ליעב, אז די ארבייט נעמט זיך אויס. (ביידע מענער פערשווינדען אין הינטער־גרונד, ווי אראָבגעהענדיג אַראָב א באַרג.)

גאאיל (שטעהט און קוקט זיי נאָך).

די קליינע (שטעהענדיג לעבען איהר). וועט דאָ זיין אונזער היים?

גאאיל. יאָ, מיין קליינינקע.

די קליינע. מיר האָבען דאָך דאָ קיין הויז נישט.

גאאיל. וועלען מיר דאָ בויען א הויז.

די קליינע. איז דאָס דיין טאַטען'ס ערד?

גאאיל (ציטערט אויף). ניין, מיר זיינען ווייט, ווייט פון מיין טאַטען'ס ערד.

די קליינע. אָ, יאָ, מיר זיינען דאָך אזוי לאנג, לאנג

געפאָהרען. מען קאָן גאָר א ודאי פון דאנען נישט זעהן דיין טאטען'ס ערד. קאָן מען פון דאנען זעהן דיין טאטען'ס ערד?

גאאיל (זיפצט). ניין.

די קליינע. אז מען זאָל אפילו ארויפקלעטערען אויפ'ן בוים, אויך נישט?

גאאיל. אויך נישט. (טרויעריג.) ווייט זיינען מיר פון דער היים. זעהר ווייט.

די קליינע. וועסטו דיין טאטען מיט דיין מאמען גאָר קיינמאָל מעהר נישט קאָנען זעהן?

גאאיל (אונרוהיג). קינדעניו, פרעג נישט, קינדעניו, רעד נישט מעהר.

די קליינע. וועסטו נאָך זיי ביינקען, יאָ? ביינקסט נאָך זיי, הא?

גאאיל (נעמט ארויס א טאַשענטוך און קערט אָב דאָס יעזיכט).

די קליינע. איך געדיינק נישט מיין טאטען מיט מיין מאמען. איך בין אין גאנצען א יתומה. — אז איך וועל שטאַר־בען, וועל איך זעהן מיין טאטען און מיין מאמען. איך וועל זיי נישט דערקענען. זיי וועלען מיך אָבער דערקענען. מיין מאמע קומט צו מיר אָפט אין חלום. איך ווייס אָבער נישט איהר גע־זיכט. אז איך מאך צו די אויגען, זעה איך אויך נישט איהר גע־זיכט. אָבער איך זעה איהר גאנצע געשטאַלט. אזא דארע אין א ווייסען קליידעל. — אז דו ווייסט, פאר וואָס ביזטו אוועקגע־פאָהרען פון דיין טאטען און דיין מאמען?

גאאיל. עס האָט געמוזט אזוי זיין, קינדעניו. — איז דאָ נישט שיין, הא? קום, לאָ'מיר שפּיעלען אין עפּעס. לאָ'מיר שפּיעלען אין כאַפּענים. קום, כאַפּ מיך. (העבט אָן צו לויפען.)

די קליינע. איך וויל נישט שפּיעלען.

גאאיל. טיק קום, לאָ'מיר אונז זעצען, וועסט זיך אוועק־לעגען ביי מיר אין שוים און איך וועל דיר דערצעהלען א מעשה. קום. (זי זעצט זיך און ציהט אראָב צו זיך די קליינע.) אזוי, א, נו, יעצט ליעג רוהיג און איך וועל דערצעהלען. אמאָל איז געווע־

זען... ווארט, וואָס זאָל איך דיר דערצעהלען ? ווארט, איך וועל עפּעס אויסקלערען. אמאָל איז געוועזען... האָסטו גאָר דיין טאַ־טען מיט דיין מאמען נישט געקאָנט ?

די קליינע. איז דאָס א מעשה ?

גאאיל. יאָ, איך וועל שוין דערצעהלען. האָסט ליעב דעם פּעטער גאברי ?

די קליינע. איך האָב ליעב דעם פּעטער גאברי און האָב ליעב צו הערען א מעשה.

גאאיל. וועסט שוין הערען. האָסט איהם שטארק ליעב ? וועסט מיך אויך ליעב האָבען ?

די קליינע. אז דו וועסט מיך ליעב האָבען, וועל איך דיך אויך ליעב האָבען ?

גאאיל. איך וועל דיך ליעב האָבען. איך האָב שוין דיך זעהר ליעב. איך וועל דיר זיין דיין מאמע.

די קליינע. מיין מאמע קומט צו מיר אין חלום. איך וועל דיך רופען מומע.

גאאיל. איך וועל דיך אָבער לאָסקען, ווי א מאמע. דו ווייסט נישט, ווי א מאמע קאָן לאָסקען. עס איז אזוי גוט, ווען א מאמע לאָסקעט.

די קליינע. פאר וואָס ביזטו אוועקגעפאָהרען פון דיין מאמען ?

גאאיל. ווייל איך ליעב דעם פּעטער גאברי.

די קליינע. האָסט איהם ליעבער פאר דיין מאמען ?

גאאיל. ליעבער פאר אלץ אין דער וועלט.

די קליינע. פאר וואָס האָסטו איהם ליעבער?

גאאיל. דאָס וועסטו פערשטעהן, אז דו וועסט אויפוואַק־סען. דו פערשטעהסט, ער איז דאָך מיין מאַן.

די קליינע. זייגען א מאַן'ס לאָסקעס בעסער פאר א מאמעס לאָסקעס ?

גאאיל (מיט צוגעמאכטע אויגען, די הענד אויפ'ן קאפ, אין ענטציקונג). אום—מ—מ—מא!

די קליינע. וועל איך אויך ליעב האבען א מאן. וועל איך נישט דארפען האבען קיין מאמען.

גאאיל. קינד, וואס רעדסטו! דו דארפסט נאך האבען א מאמען און איך וועל זיין דיין מאמע.

די קליינע. קאנסט נישט זיין מיין מאמע. מיין מאמע איז טויט. איך וועל אבער ליעב האבען א מאן.

גאאיל. איך וועל דיך ליעבען און לאסקען. און מיר וועלען שפיעלען צוזאמען. אין אלע שפיעלען וועלען מיר שפיעלען. איך קען אלע שפיעלען. אין וואס קאנסטו שפיעלען?

די קליינע. איך קען אויך א סך שפיעלען.

גאאיל. קום גלייך, לא'מיר אין עפעס שפיעלען.

די קליינע. יעצט וויל איך נישט.

גאאיל. אך, וואס, דו אלטע באביצע! קום! (העבט זי פון דער ערד.)

גאברי (פון אונטער'ן בארג). מיר בלייבען דא! מיר בלייבען דא! (גלייך ווערט ער און לעם זיכטיג.)

גאאיל. הוררא! (פאטשט אין די הענד פאר ענטציקונג און כאפט די קליינע דרעהען. דאן איילט זי גאברי'ן ענטגעגען.) דאס איז א וואסער טאקע? די ערד איז גוט?

גאברי. דאס איז א וואסער. נישט לאנג און נישט זעהר ברייט, אבער גאנץ טיעף, ווייזט אויס, און פון איהם ציהט זיך א לאנג און שמאל וואסער־שליינגעל, ווי א גראבען, ווייט, ווייט, ביז דאס אויג כאפט, בעוואסערענדיג דאס טאל. דאס איז א מזל וברכה. די ערד איז זעהר גוט. ווילד גאנץ און נישט בעריהרט. מיידעל־ערד. מען וועט זי צוערסט דארפען בעקאנט מאכען מיט פייער און אוועקברענען אלץ, וואס זי טראגט יעצט אויף זיך. מיר מאכען עס נאך היינט. א סימן זאל עס אונז זיין, אז די ארבייט דארף ביי אונז ברענען.

לעם. ארבייט... ארבייט... אזוי געהט ער די גאנצע צייט און רעדט. איך האָב נאָך קיינמאָל האָס וואָרט אזוי אָפט נישט געהערט ווי היינט פון דיר.

גאַבּרי. און האָסט זי אויך אזויפיעל נישט געזעהן, וויפיעל דו וועסט זי זעהן ביי מיר. מיר וועלען נישט טאָרען וויסען פון מידיגקייט און פוילען זיך.

לעם. עך, עך...

גאַבּרי. דאָרט אונטען, נישט ווייט פון דעם וואסער, זייהען מיר דעם קאָרן. און העכער, דאָרט ארויף, קומט דער ווייץ. דעם גאנצען מיטען דאָ פערנעמען מיר מיט קארטאָפעל, און הינטען דאָרטין, הינטער יענע סאָסנעס, וועלען קומען האָבער און גערסטען. און מיר וועלען אונז נאָך נעמען ערד גענוג פאר היי, און פאשע פאר בהמות. דאָ, וואו מיר שטעהען, בויען מיר אויף אונזער הויז...

גאַאיל (אין ענטציקונג). אונזער הויז!

גאַבּרי. דער פלאץ איז גראָד ווי בעשאפען דערפאר. מען האָט פון איהם אן אויסבליק אויף דעם גאנצען ארום. אָט טאקע דאָ, וואו מיר שטעהען יעצט, שטעלען מיר אויף אונזער הויז.

גאַאיל (פערטרוימט, שעפטשעט גליקזעליג ארויס). אונזער הויז!

גאַבּרי. לינקס דאָ דעם שטאל און שפייכלער און שייער. א ביסעל ווייטער דאָרטין דעם הינער־הויף...

גאַאיל. איך זעה שוין אלץ קומען! איך זעה שוין אלץ קומען!

לעם. און מיר האָבען נאָך אפילו נישט דעם ערסטען קלאָץ.

גאַבּרי. און וואָס בּיזטו? דו מיש דיך נישט אריין מיט דיינע פוילע ווערטער, דו קאָנסט מיך מאכען ווילד. איך בין יעצט ווי א פארע־קעסעל. עס קאָכט און זידט אין מיר און שרייט נאָך ארבייט, נאָך טעטיגקייט...

לעם (מיט האַלבען מויל). און אין מיר — בורטשעט עס

אויך פאַר הונגער. (געהט צו דער בויד, וואו ער נעמט אַרויס אַ שטיק ברויט און הערבט אָן צו קייען.)

גאַברי (צו גאַאיל'ען, כמעט פליסטערנדיג מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם). אַך, מיין חלום ווערט דערפילט! איך און דו, און דו און איך, אין טיפער איינזאַמקייט, אַליין מיט אונזער גליק און אונזער ליעבע, פול לעבענס־קראַפט און טעטיגקייטס־פערלאַנג... אַך, דו! איך פיהל, אַז איך מוז דיך אויפהעבען יעצט אויף מיינע הענד און דורכלויפען זיך ווילד מיט דיר אין ווילדער ליידענשאַפט און התלהבות. וואָס ליעבע מאַכט! וואָס ליעבע קאָן גאָר מאַכען! מיין מוח קאָן עס קוים בענעמען. מיין האַרץ ברייטערט זיך און קאָן דאָך נישט אַלץ אומפאַסען.

גאַאיל (שטיל אויפלאַכענדיג פאַר גליקזעליגקייט און תאַל־זענדיג איהם). דו, דו...

גאַברי (דריקענדיג זי צו זיך). דו וועסט שוין צוזעהן, ווי איך וועל אַרבייטען.

גאַאיל. צוזעהן? ניין! איך בין פול פון דיר און דיין טעטיגקייטס־פערלאַנג. ניין, איך שטעה פון דיר נישט אָב. איך אַרבייט גלייך מיט דיר. איך וויל נישט בלויז אָבווישען דיר דעם שווייס פון דיין שטערן, ווען אַ מידער וועסטו קומען פון דער אַר־בייט. איך וויל דיר העלפען, און ביידע וועלען מיר טריקענען איינער דעם אַנדערן דעם שווייס. איך דיר — אַזוי, און דו מיר —

גאַברי. אַזוי.

גאַאיל. און שטעהענדיג אַזוי געזיכט צו געזיכט...

גאַברי. וועלען מיר האַרציג זיך צוקוקען. (זיי גיסען זיך צונויף אין אַ לאַנגען קוש.)

לעם (צו דער קליינער, וועלכע קוקט זיך צו צו אַלץ מיט אַן ערנסטער מינע). זעהסט, האַ, קליינע? אַזוי איז טאַקע גוט צו אַרבייטען. וועסטו וועלען אַזוי אַרבייטען?

די קליינע (ערנסט). אַ מאַן'ס לאַסקעס זיינען בעסער ווי אַ מאַמעס.

לעם. העי, העי, פון וואנען ווייסטו דאס? דו וועסט עס ערסט נאך וויסען.

די קליינע. איך וויים, איך וועל עס וויסען.

לעם. העהע... (קוים ווייטער.)

גאאיל (אין ענטציקונג). אך, וועלען מיר ארבייטען — מיט קוס און לאסקע אלס שטענדיגע בעגלייטער. צוזאמען גלייך ביים אקערן און ביים זייהען, ביים שניידען און ביים אריינקלייבען פון פעלד, אין שטוב און אין שטאל...

גאברי (פליסטערט מיט לאסקע, ווי א סוד). נעמסטו דיר נישט צופיעל פאר? פערגעסט...

גאאיל. וואס?

גאברי. וועסט מוטער ווערען.

גאאיל. דאס וועט זיין מיין אברוה.

גאברי. עס וועלען קומען קינדער.

גאאיל. זיי וועלען זיין מיין שפיעל. אך, דו וועסט שוין זעהן, וואס איך קאן! און איך וועל עס דיר אויך גלייך בעווייזען. איך לויף צו אונזערע ווערקצייג, נעם א גראבאייזען און העב אן צו גראבען דאס פונדאמענט פאר אונזער הויז.

גאברי (כאפט אראב זיין הוט און פאכעט מיט איהם). הורראו! (זי לויפט צו דער בויד, ער נאך איהר, זיי בינדען דארט אויף א גרויסען לאנגען קאסטען, וועלכער איז צוגעבונדען הינטער דער בויד.)

לעם. נא, איך העב שוין אויך אן צו זעהן אונזער הויז. איך זעה שוין דאס עס-צימער, די קיך, דעם זאל, די שלאפצימער. דא וועט זיין מיין מקום מנוחה. לעג איך מיך טאקע גלייך שלאפען אין מיין שלאפצימער. (ציהט זיך אויס אויפ'ן גראז און מאכט צו די אויגען.)

גאאיל (קומט צוריק מיט א גראבאייזען).

גאברי (נאך איהר מיט א הארקע).

גאאיל. מיר וועלען דארפען גראבען טיעף, אום פלאץ

צו האָבען פאר א קעלער. און אויפשטעלען וועלען מיר א שטיי־נערנעם אונטערבוי.

גאברי (אריינפאלענדיג איהר אין די רעד). אונזער הויז זאָל שטעהן שטארק, און לאנג נאָך אונז זאָל עס דערצעהלען פון אונזער גליק!

גאאיל. אָ, דו! דו כאפסט מיר מיינע ווערטער אראָב פון צונג! אלזאָ, וואו העב איך אָן? אָט טאקע דאָ, וואו דו האלטסט דיין פוס. פון אונטער א שטארקען, וועט עס שטארק ארויסוואקסען. נעם איהם יעצט אוועק, דיין פוס. יעצט שטעל איך דאָ ארויף מיין גראָבאייזען, שפיי מיר אין די הענד גוט אָן, יעצט דריק איך אָן דאָס גראָבאייזען מיט מיין פוס. מיט גליק! מיט גליק!

גאברי. מיט גליק! מיט גליק!

גאאיל (ווארפט ארויס א גראָבאייזען ערד, וויל ווייטער גראָ־בען און שלאָגט אָן אויף א שטיין). א שטיין?... איז דאָס א גוטער סימן צו א שלעכטער?

גאברי. א גוטער! א גוטער! מיר וועלען אלע שווע־ריגקייטען בייקומען, ווי אָט דעם שטיין. איך גראָב איהם אונטער גלייך מיט מיין הארקע, אזוי אָ... דו גראָבסט פון דער אנדערער זייט... אזוי אָ...

גאאיל. ער בעוועגט זיך שוין! ער בעוועגט זיך שוין!

גאברי יעצט גיב איך איהם א שלעפּ, א הו—ו—ו—ו! און ארויס איז ער! הורראַ, דער אָנהעב איז גוט געמאכט, הורראַ!

גאאיל. הורראַ! הורראַ! הורראַ!

# צווייטער אַקט

אַ גראָב בעארבייט צימער, ווי מען זעהט עס אָפט אין פויערשע הייזער. די וואַנד — דיקע בערוועגעס, צווישען וועלכע עס שטעקט אַרוים גרויער מאָך, דער באַלקען — עטליכע פּאַראַלעל לויפענדיגע בערוועגעס מיט ברעטער צווישען זיי — נישט געווייסט. רעכטס צוויי פענסטער, צווישען וועלכע ס'געפינט זיך אַן אייזערנע פּליטע. אין דער הינטערסטער וואַנד דריי טירען. אין מיטען צימער שטעהט אַ מיט אַ טישטוך איבערגעדעקטער טיש, אויף וועלכען עס געפינט זיך אַ דונקעל ברענענדיגע לאָמפּ און עטליכע לייכטער מיט נישט אָנגעצונדענע ליכט, אַ האַלבער טוץ פּראָסטע ווייסע שטולען שטעהען אַרום טיש, און אַנדערע צווישען די פענסטער און צווישען די טירען, ביי דער הינטערסטער וואַנד. נישט ווייט פון אויווען נאָך הינטען נאָך שטעהט אַ פּראָסטער געשיר־שראַנק. דאָס צימער איז לעדיג. פון דרויסען דרינגט אַריין אַ קלאַפּען מיט האַמערס, באַלד הערט מען גאַאיל'ס שטימע: הוררא! הוררא! א האַלבע שטונדע נאָך און די צעהניעהריגע ארבייט איז געענדיגט. און גלייך שטעקט זי אַריין איהר קאָפּ אין דער פאָרנסטער טיר ליגקס. קליינע, פאר וואָס איז דאָ עפּעס פינסטער? מיידעל, מיידעל, וואו שטעקסטו נאָר? קומט אַריין אין צימער, אויפגעלעבט און אויפגערעגט, געהט שנעל צו צום טיש און דרעהט אַרויף די פלאַם פון לאָמפּ. זי זעהט אויס איבער דרייסיג, דאָס מאַט־געוואָרענע געזיכט ווייזט פון אַ סך אַרבייט, די גאַנצע פיגור איז אַ ביסעל פּלומפּ, פויעריש. זי איז אָנגעטאָן אין אַ גראָבען פויערשען העמד מיט אַ דונקעל־בלויען ציצענעם קלייד איבער איהם און אין גראָבע, שווערע שיך.

די קליינע (קומט אַרויס פון דער רעכטער טיר אין דער הינטערסטער וואַנד, גאַנץ פערשלאָפען. זי איז יעצט אַ שיין מיידעל

(פון אַ יאָהר בּיינצעהן, אָנגעטאָן אויך אין אַ גראָבען פויערשען חעמד מיט אַזאַ מין קלייד איבער איהם, רויטע קאָראלען אויפ'ן האלז און די באָרפוסע פוס אין שטעקשיך).

גאַאיל. דו האָסט גאָר געשלאָפען! שעמסט דיך נישט? נאָך א שורה ברעטער און דאָס הויז איז פארטיג!

די קליינע (גענעצענדיג). אך, האָסט עס געמאָגט אָב־לאָזען אויף מאָרגען אויך. שוין אזוי שפעט.

גאַאיל. דו ביזט אָבער גוט און קלוג. (בעטאָנענדיג די ווערטער.) היינט פאר צעהן יאָהרען האָב איך אָנגעהויבען צו גראָ־בען דאָס פונדאמענט פון אונזער הויז און היינט מוז דאָס הויז גע־ענדיגט ווערען, כאָטש ביי לבנה־שיין און פאקעל־ליכט. אזוי האָב איך געזאָגט און לאָז דערפון נישט אָב. מיר האָבען אונצעהליגע מאָל אָבגעלעגט, און לאנגזאם געגוג איז ביי אונז די ארבייט געגאַנגען. היינט אָבער ווערט זי געענדיגט, און היינט אויך יום־טוב'ען מיר די חנוכת־הבית. לעבעדיג, מיידעל, טשוכע דיך פערנאַנדער. צינד די ליכט אָן, מאך העל און יום־טוב'דיג. גרייט די גלעזער אָן און שטעל דעם וויין אויפ'ן טיש, שמחה וששון זאָל זיין! און איך געה צוריק צו דער ארבייט. ער זאָל מיר דאָרטין נישט צושלאָגען דאָס לעצטע ברעט. ד אָ ס מוז זיין מיין ארבייט. איך האָב אָנגעהויבען און איך מוז ענדיגען. איך טו נאָר א קוק, וואָס מאַ־כען מיינע פופקעלעך. (געהט צו צו דער לינקער טיר אין דער הינ־טערסטער וואַנד, עפענט זי, קוקט אריין און הערט זיך צו.) מיינע פינף פופקעלעך שלאָפען אזוי געשמאק, כראָפען אזש. (מאַכט צוריק צו די טיר.) דו ווערסט דאכט זיך אויך ענטשלאָפען. טו דיין אר־בייט, טו. מיר זיינען באלד שוין פארטיג. (געהט ארויס. מען הערט זי הויך פרעגען.) וואו האלט איהר שוין? זייט איהר שוין ביים סוף?

די קליינע (וועלכע איז געזעסען פויל ביים טיש, הערבט זיך אויף, געהט צום אויוועז, נעמט א שוועבעלע, צינדט זי אָן, גענעצט און צינדט אָן אַ ליכט, דאַן אַ צווייטעס. די שוועבעלע געהט אויס,

גענוצט זי וויעדער, נעמט אַ ברענענד ליכט און צינדט מיט איהם אָן אַ דריטעס).

לעם (קומט אַריין. ער איז בעוואַקסען מיט אַ גרויסען שוואַרצען באָרד, אָנגעטאָן אין העמד און הויזען, און באָרפּוס). נא, איך קאָן שוין מעהר נישט. עס געהען מיר שוין מעהר די הענד נישט. נאָך אזא שווערען טאָג ארבייט אין פעלד, איז דאָס נאָך א צוגאָב. ער קאָן שוין אויך מעהר נישט ארבייטען. קוים וואָס ער בעוועגט נאָך דעם האמער. נאָר זי וויל גאָר נישט מיד ווערען. טיק זאָל זי דאָרטין ארבייטען. איך וועל מיר געהן שלאָפען, איך בין שוין אזוי שלעפעריג. און וואָס שלאָפסטו נאָך נישט? פאַלסט דאָך אויפ׳ן נאָז? ווארטסט אויף די חנוכת הבית? מאכסט איליר-מינאציע? (לעגט אויף איהר אַרויף די האַנד.)

די קליינע (שטופּט איהם אָב). געה, דו ביזט דאָך שלעפעריג, געה לעג דיך שלאָפען.

לעם. ניין, נישט שלעפעריג מעהר. איך האָב דיך דער-זעהן, איז אויס, איז נישט שלעפעריג מעהר.

די קליינע. העבסט שוין אָן?

לעם. ווען האָב איך דען אויפגעהערט?

די קליינע. געה, העלף מיר בעסער ארויפשטעלען גלעזער אויפ׳ן טיש און ברייננ אריין דעם ווייז פון קעלער.

לעם. מיט׳ן גרעסטען פערגניגען. ווערסטו מיר געבען דערפאר א קוש?

די קליינע. טראָג דיך אָב. איך דארף דיין הילף נישט.

לעם. איז נישט, העהעהע, איז געה אליין.

די קליינע (געהט אַרויס).

לעם (זעצט זיך אוועק אויף א שטול, געניצט און שמייכעלט פערגניגט, פון דרויסען דרינגט אַריין גאַאיל׳ס געשריי: קליינע, מיח זיינען באלד פארטיג!).

די קליינע (קומט אַריין מיט אַ קרוג וויין און שטעלט איהם אויפ׳ן טיש).

לעם. זעהסט, ווען דו וואָלסט מיר אָבער געגעבען א קוס, וואָלסטו דיר פערשפּאָרט די טרחה צו געהן אין קעלער אריין. און איך פרעג דיך נישט מעהר, וואָס זשאַלעוועסטו א קוס? פאַר וועמען האַלטסטו זיי, דיינע קוסען?

די קליינע (ארויסנעמענדיג גלעזער פון שראנק און אַרויפ־שטעלענדיג זיי אויפ'ן טיש). פאַר דעם, ווער עס וועט זיי קריגען.

לעם. פערגעס נישט, אז איך בין דער איינציגער מאַנסביל אויף מיילען און מיילען ארום.

די קליינע. דער איינציגער אפילו?

לעם. וואָס, אפשר נישט? גאַבּרי איז דאָך אָבגערעכענט. איך האָב שוין אפילו לאַנג בעמערקט, ווי דו קוקסט אויף איהם, ווי דו ווערסט גאָר א פערצאַפּעלטע, ווען ער קומט נאָהנט צו צו דיר.

די קליינע. ווי דו האָסט עס אָבער בעמערקט!

לעם. אָבער וואָס איז די פּעולה? דו צאַפּעלסט זיך אומזיסט. ער איז שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל נישט צו האָבען. און דו ביזט פאַר איהם א—פּיו! א שאָטען אויף דער וואַנד.

די קליינע. ווי שאַרפזיניג דו ביזט.

לעם. אפשר נישט?

די קליינע. וואָס פרעגסטו? דו ווייסט עס דאָך געוויס.

לעם. געוויס ווייס איך דאָס געוויס. קאָנסט זיכער זיין, ער וועט שוין גאַאיל'ען נישט אויסבייטען אויף דיר.

די קליינע. ווער זאָגט עס דען?

לעם. הייגט וואָס מאַכסטו פאַר אַן אָנשטעל. בין איך דאָך פאָרט דער איינציגער מאַנסביל.

די קליינע. די וועלט איז דען קליין?

לעם. די וועלט! וואָס דאַרפסטו ווייט זוכען, אז איך בין לעבען דיר? האָב מיך ליעב, זאָג איך דיר, מיידעל, און דו וועסט הנאה האָבען. דו ווייסט דאָך: א מאַן'ס לאַסקעס זיינען בעסער אפילו ווי א מאמעס. איז אויף וואָס וואַרטסטו נאָך? דו ביזט

שוין אויך אין די ריכטיגע יאהרען. און איך וועל דיך אזוי גוט לאסקען—מ־מא! דו האסט גאר קיין בעגריף נישט! ווילסט, גיב איך דיר א פראבע. (וויל זי ארומנעמען.)

די קליינע (שטופט איהם אב). די הענד אוועק, האב איך דיר וויפיעל מאל געזאגט! איך זאג עס נאך גאברי'ן.

לעם. דו מיינסט, ווען ער היט דיך אב פון מיר, איז ער וואס אויסען? ער וויל מעהר נישט, מיר זאלען זיך נישט פער־געסען, נישט לייכטזיניג זיין. ער וויל, מיר זאלען חתונה האבען און פיהרען זיך געזעצליך...

די קליינע (לאכט אויף).

לעם. וואס לאכסטו? א ודאי מיינט ער דאס. און אויב דו ווילסט...

די קליינע (לאכענדיג). געה, דו ביזט א נאר.

לעם. מיר וואלטען געקאנט אזוי גליקליך זיין און אזוי פיעל געניסען.

די קליינע. א, איך גענים שוין.

לעם. וואס געניסטו?

די קליינע. דיין צאפלען זיך.

לעם. זעה, איך קאן אמאל אין כעס ווערען דערפאר.

די קליינע. אהא! און וואס וועסטו טאן?

לעם. איך קאן אין כעס ווערען און... יעמאלט כאפ איך דיך מיט געוואלט און קוש דיך אן, וויפיעל מיין הארץ געלוסט. (גיט זיך א לאז צו איהר און כאפט זי ארום.)

די קליינע (ראנגלענדיג זיך מיט איהם). דו קוסט נאך נישט!

גאברי (איילט אריין). וואס איז דאס? דו לאז זי גליך אב! (ער זעהט אויס ווענינ געעלטערט, אנגעטאן אין העמד און הויזען, וועלכע שטעקען אין הויכע שטיפעל.)

לעם (לאזט אב די קליינע, פערלעגען שמייכלענדיג).

די קליינע (פעררינכט איהרע האר און קוקט אויף גאברי'ן מיט א דורכדרינגענדען בליק).

גאברי (צו לעמ'ען). וואס האסטו שוין עפעס ווידער?

לעם. זי האט מיך ארייגעבראכט אין כעס, און וואס זי האט מיר נישט געוואלט געבען מיט גוטען, האב איך געוואלט נעמען מיט בייזען.

גאברי. וויפיעל מאל דארף איך דיר נאך זאגען, דו זאלסט זי מיר לאזען צו רוה. דו געהסט מיר גלייך ארויס! געה העלפען שנעל גאאיל'ען.

לעם. איך בין מיד. איך וויל שלאפען.

גאברי. טיק געה שלאפען, אבער גלייך!

לעם. העהע. (גיסט זיך אן א גלאז וויין.) לחיים! (טרינקט אויס און געהט ארויס דורך דער הינטערסטער טיר לינקס.)

די קליינע (מאכט זיך צו שאפען אויפ'ן טיש, אויף איהרע ליפען שפיעלט א צופריעדענער שמייכעל).

גאברי (בעגלייט ארויס לעמ'ען מיט א בייזען בליק. בלייבענדיג אליין מיט דער קליינער, ווערט ער אונרוהיג, קארטשעט זיך עפעס איין און זאגט ווי פאר זיך). ער וויל גאר נישט אבלאזען. איך האב דרויסען שוין געהערט, ווי דו האסט זיך מיט איהם געראנגעלט.

די קליינע. אפשר געזעהן אויך?

גאברי. וואס מיינסטו מיט דעם?

די קליינע. האהא, איך מיין, אז דו האסט צוגעקוקט, וואס טוט ער דא מיט מיר אליין.

גאברי. איך האב — וואס? ווי קומסטו דאס צו טראכטען?

די קליינע. טראליא־ליא און טראליא־לי!

גאברי. דו ענטפער!

די קליינע. איז ניין, נו! איז האב איך א טעות געהאט.

גאבּרי. ווי קומסטו אָבער אזוינס צו טראַכטען?

די קליינע. ווי קום איך? דאָס פרעג ביי דיר.

גאבּרי. קליינע, דו פערטראַכסט מיר צופיעל.

די קליינע (שאַרף). דאָס זאָלסטו מיר נישט זאָגען. איך פערטראַכט גאָרנישט. ווילסט דאָך נישט, איך זאָל דיר דער־צעהלען פון דיר אליין.

גאבּרי. ווי? וואָס?

די קליינע. דו שטאַמעלסט, זעהסט. דו ווייסט שוין, אז איך וויים.

גאבּרי. קליינע!

די קליינע. איך בין שוין א גרויסע.

גאבּרי. דאָס וויים איך.

די קליינע. דו פיהלסט עס.

גאבּרי. ליידער — פיהל איך עס.

די קליינע. ליידער?

גאבּרי. יאָ, ליידער! ליידער! און הערסט — זיי מיר די קליינע, ווי שטענדיג. זיי די קליינע, ווער די קליינע. לאָ׳מיר פערגעסען, אז דו ביזט אויסגעוואקסען.

די קליינע. האהאהא, איך דאַרף עס שוין! ווילסטו עס טאקע?

גאבּרי. איך וויל עס, איך וויל עס! און איך בעט דיך, און איך הייס דיר, וויל דו עס אויך.

די קליינע (ליידענשאַפטליך). קאָן איך עס? קאָנסט דו עס? — אויב דו קאָנסט עס, האָסטו דאָך נישט וואָס צו רעדען. (ליידענשאַפטליכער.) בין איך צו דיר געקומען און האָב דיר גע־זאָגט: זעה, איך וואקס, איך ווער גרעסער, איך בין שוין אויס־געוואקסען, און קוק אויף מיר יעצט מיט גאַנץ אנדערע אויגען, בעריהר מיך יעצט מיט דיינע פינגער גאַנץ אַנדערש, אָטעם איבער מיר מיט א הייסערען אָטעם, קוס מיך מיט א גרעסערען ברען. האָב איך דיר דאָס געהייסען? האָב איך דאָס פון דיר גע־

וואָלט? פערגעס, אז איך בין אויסגעוואַקסען, אויב דו קאָנסט, און וועסט צו מיר נישט דארפען האָבען קיין טענות.

גאַבּרי (איבערראַשט פערוואונדערט). קליינע, פון וואנען ווייסט דו דאָס אַלץ?

די קליינע. פון דיר! פון דיר!

גאַבּרי (כאַפּט זי אָן ליידענשאַפטליך פאר דער האַנד). דו!

די קליינע (כאַפּט צוריק די האַנד). וואָס ווילסטו?

גאַבּרי (רייבט זיך די שטערן און די ברוסט). וואָס וויל איך? וואָס וויל איך?

גאַאיל (פון דרויסען). פּאַרטיג! פאַרטיג! הוררא! הוררא!

גאַבּרי (ציטערט אויף).

די קליינע (קוקט איהם אָן פון דער זייט פול שפּאַנונג).

גאַאיל (פון דרויסען). פאַרטיג! פאַרטיג! דאָס לעצטע ברעט שוין צוגעשלאָגען!

גאַבּרי (לאָזט זיך פלוצלונג צו דער טיר, און לויפט אַרויס דרויסען). מזל טוב! מזל טוב!

די קליינע (בלייבט אליין, ווי איבערראַשט און בעליידיגט. זי שטעהט פאר דעם טיש פערטראַכט און פלוצלונג העבט זי אָן צו פערלעשען די ליכט, לאַנגזאַם, אויטאָמאַטיש, אין געדאַנקען. זי פערלעשט איין ליכט און דאָס צווייטע און העבט אָן דונקעל צו מאַכען די לאָמפּ. באלד רעדט זי ארויס שטילערהייט מיט עקסטאַזע). ער איז דאָך מיינער! (זי דרעהט אויף גיך אַרויף די פלאַם, ציגדט אָן די פערלאָשענע ליכט און ווענדט זיך צו דער טיר, ארויסרופענדיג אין אַ מין ענטציקונג, מעהר אַלס פּאַרטזעצונג פון איהרע געדאַנקען:) הוררא! הוררא! (וועדליג די טיר ווערט מיט רעש אויפגעעפענט און גאַאיל און גאַבּרי קומען אריין מיט גערויש, פרעהליכע און יום־טוב'דיגע.)

גאַאיל (ווי ענטפערענדיג דער קליינער אויף איהרע הוררא־געשרייען). הוררא! (כאַפּט אַרום די קליינע און קוסט זי שטאַרק און

וואַרם.) עס איז דערגרייכט! און יעצט מאַכען מיר דעם גרעסטען יום־טוב. די גלעזער אָנגעגאָסען! און וואו איז לעם?

די קליינע. ער איז אוועק שלאָפען.

גאַאיל. שלאָפען? יעצט איז ניטאָ קיין שלאָפען! (זי געהט צו דער הינטערשטער טיר און רופט אריין.) שטעה אויף, פּעפער! די ארבייט איז געענדיגט און מיר געהען יום־טוב'ען יעצט די חנוכת הבית. מיר וועלען טרינקען ויין און לוסטיג זיין. שטעה אויף, קום ארויס! איך ווארף דיך באלד אראָב פון בעט.

לעם (קומט ארויס, רייבענדיג די אויגען). וואָס מיר חנוכת־הבית, אז איך בין גאָר ברוגז.

גאַאיל. ברוגז? מיט וועמען און אויף וועמען?

לעם. מיט איהר און אויף איהר. (זעצט זיך ביים טיש, פויל.)

גאַאיל. ווערסטו דיך איבערבעטען. (צו גאַבריען.) גיס אָן די גלעזער. (בעמערקט, אַז ער האָט זיי שוין אָנגעגאָסען.) אה, דו האָסט זיי שוין. איז טרינקען מיר. נעמט זיך פאר די גלעזער און קלאַפּען מיר זיי אָן...

לעם. ניין, דאָס שוין געווים נישט. איך קאָן איהר אין די אויגען גלייך נישט קוקען.

גאַאיל. פּערשטער מיר דו די שמחה נישט.

גאַברי. וואָלסט איהם שוין בעסער געלאָזען שלאָפען.

גאַאיל. וואָס איז? וואָס איז צווישען אייך געשעהן?

לעם. איך וויל פון איהר א קוס, און זי וויל מיר איהם נישט געבען.

גאַאיל. האהאהא, אָט דאָס איז אלץ?

לעם. ביי אייך איז דאָס נאָך ווענינ?

גאַאיל. ווארט נאָך, קומט צייט, קומט קוס. און וואָס מיינט איהר, קינדער, מאַכען מיר אפשר אונזער שמחה דאָפּעלט?

גאַברי. וואָס מיינסטו דערמיט?

גאַאיל. מאַכען מיר זיי אפשר חתונה?

די קליינע (מיט שרעק). וואָס?!

לעם. אָ, איך בין אַ בעלן כאַטש גלייך.

גאַברי (פאַרזיכטיג). אזא זאך ווערט נישט אָבגעטאָן אזוי שנעל און שפּעט ביינאַכט.

לעם. גאָר אזוי? ווען דען אנדערש?

גאַאיל. ער איז אַ וואוילער יונג, נישקשה, אונזער פּויליאַק...

די קליינע. דו לאָז מיך שוין אליין, איך וועל אויסקומען אָהן דיין שדכנות.

גאַאיל. איז נישט. איז נישט גע׳פּועל׳ט.

לעם. נא, איך געה צוריק שלאָפען.

גאַאיל. ניין, דו געהסט נישט אוועק. די חנוכת הבית איז דיין שמחה אויך. ווי אונזער אלעמענס. צו די גלעזער, חברה! לחיים! טרינקט. (זיי ווינשען זיך צו לחיים און טרינקען.)

גאַאיל. און נאָך איינס.

גאַברי (גיסט אָן).

גאַאיל (צו איהם). און יעצט זאָג עפּעס. אַ טאָאסט! אַ טאָאסט!

גאַברי. דאָס געהערט דיר. דו האָסט אָנגעהויבען דאָס הויז און דו האָסט עס פערענדיגט, דיר געהערט אויך דער ערסטער טאָאסט.

גאַאיל. מיינסט, איך וועל מיך מיט דיר דינגען? מיין צונג איז יעצט אין בעסטען גאַנג. (העבט אויף איהר גלאָז, מיט גרויסער פייערליכקייט און הארציגקייט.) איך טרינק, אז אונטער דעם דאך זאָל קיינמאָל קיין זאָרג נישט איינטרעטען און קיינמאָל נישט קיין טרויער. איך טרינק, אז אין דעם הויז, וואָס איז אָנגעהויבען געוואָרען אונטער דעם וואָרקען-קלאַנג פון גרויסער ליעבע און אונטער דעמזעלבען קלאַנג פאַרטיגעזעצט און געענדיגט געוואָרען, זאָל די ליעבע קיינמאָל נישט אויפהערען. איך טרינק, אז אין דעם הויז, וואָס איז צעהן יאָהר געבויט געוואָרען, ביס-

לעכוויוז, פאמעליך, שטיין צו שטיין, בערוועגע צו בערוועגע, ברעט צו ברעט, אין די אברוה־שטונדען נאך שווערער ארבייט אין פעלד און שטאל, זאל קיינמאל נישט אויסנעמען זיך דער פלייס און דער טעטיגקייטס־פערלאנג. איך טרינק.... איך טרינק פאר אן אר־בייטסרייכע און ליעבעפולע צוקונפט ביז ווייט אין א טיפער עלטער אריין, ווען ענדליך ארומגערינגעלט פון טרייע, עהרליכע און פלייסיגע קינדער, וועלען מיר רוהיג קאנען צומאכען די אויגען. איך טרינק פאר גליק און פרייד און ליעבע. הורראַ!

אלע (ווי מיט א האלבען מויל). הורראַ! (זיי טרינקען.)

גאאיל. איהר זייט מיר שלעפעריג, קינדער. (צו גאברי'ן.) אבער גיס ווייטער אן און זאג דו א טאאסט.

גאברי (אנגיסענדיג). אנגיסען וועל איך שוין, אבער זאגען? דו האסט אויסגעדריקט מיט דיין טאאסט, וואס מיר אלע ווינשען, און איך קאן איהם בלויז איבער'חזר'ן ווארט פאר ווארט. איך האב גארנישט געוואוסט, אז דו ביזט אזא גוטע רעדנערין. איך וועל אזוי גוט נישט קאנען. — איך טרינק... איך טרינק פאר דיר, וועלכע האט דאכט זיך דעם גרעסטען חלק ארבייט אין דעם הויז. איך טרינק פאר דיר, דו זאלסט דערלעבען צו זעהן, אז אלע דיינע וואונשען זיינען מקוים געווארען. איך טרינק, אז דו זאלסט דערלעבען פיעל נחת פון דיינע קינדער און דיין היים...

גאאיל. מיט דיר צוזאמען! מיט דיר צוזאמען!

גאברי. לחיים!

אלע. לחיים!

גאאיל. נא, איך רעכען, ווייל עס איז אזוי שפעט און דו ביזט מיד. דו האסט עס געקאנט א ביסעל ווארמער מאכען. מילא, גיס ווידער אן. יעצט וועסט דו, קליינע, זאגען א טאאסט.

די קליינע. איך?!

גאאיל. יא, דו. וואס איז, דו קאנסט נישט רעדען? נעם דאס גלאז און העב אן.

די קליינע. אבער ווירקליך. איך ווייס גאר עפּיס

נישט. איך האָב יעצט ווײן אין קאָפּ, אָבער נישט געדאנקען. דאָך... ער האָט זײן טאָאסט געזאָגט פאר דיר, און דו האָסט שוין דײן טאָאסט געטרונקען, וועל איך איהם זאָגען מײנעם.

גאאיל. גוט, גוט.

די קלײנע (אויפהעבענדיג צו גאבריאל'ן איהר גלאָז, לוידענ־שאַפטליך). איך טרינק פאר דיר! איך טרינק פאר דיר, דו שײנער, קרעפטיגער מאַן...

גאבריאל. א—או!

לעם. זעהסט, איהם מאכט זי גאָר די קאָמפּלימענטען.

גאאיל. ווי ער פערדיענט. אָבער רײסט זי דאָך נישט איבער.

די קלײנע. איך טרינק, דו זאָלסט אויך אויף ווײטער בלײבען אזוי יונג און אזוי קרעפטיג, פול ענערגיע צו נײע טאַטען און נײע פריידען. איך טרינק, אז דו, דער זיעגער אין לעבען, זאָלסט אויך ווײטער זיעגען און דערגרײכען אלע דײנע פערלאַנ־גען. איך טרינק, אז די ליעבע, וועלכע מאכט יונג, זאָל דיך, וואָס ליעבט און ווערט געליעבט, אויך קײנמאָל נישט פערלאָזען. הוררא!

אלע. הוררא!

גאאיל. קורץ און גוט. יעצט ווײטער, און אונזער פּויליאק וועט טאָאסטען.

לעם. איך? יאָ. איך וואָלט שוין געטרונקען פאר איהר, און וואָלט געוואָלט, זי זאָל טרינקען פאר מיר. אָבער יעצט... יעצט טרינק איך פאר — פאר שלאָפען געהן.

גאאיל. געה, דו ביזט מיר א פרייד־צושטערער. איך בין ערסט אין גאנצען הוליען. און... און... אוי, איך האָב מײנע אנ־דערע בעלי־שמחות גאָר פערגעסען. (זי לאָזט זיך צו דער לינקער טיר אין דער הינטערסטער וואַנד.)

גאבריאל. צו וואָס? לאָז זײ שלאָפען.

גאאיל. זײ האָבען זיך אזוי געבעטען, איך זאָל זײ אויפ־וועקען צו חנוכת הבית. אָבער איך וויל בלויז א קוק טאָן, טאָמער

שלאָפען זיי נישט, מיינע מחותנים׳לעך. (געהט אריין אין דאָס קינדער־צימער.)

לעם. און איך געה יעצט טאקע אוועק שלאָפען. און נאָך ברגז׳ער ווי פריהער.

די קליינע. טאקע?

לעם (צו גאברי׳ן). יעצט בין איך אָבער ברגז אויף דיר אויך. איך זעה שוין, אז דו ווילסט נישט, איך זאָל מיט איהר חתונה האָבען.

גאברי. וואָס? געה און שלאָף זיך אויס און רעד נישט קיין נארישקייטען.

לעם. נארישקייטען? זאָל זיין נארישקייטען. איך בין אָבער ברגז און וועל אפילו קיין גוטע נאכט נישט זאָגען. (אין טיר דרעהט ער זיך אום, שטעקט ארויס די צונג און מאַכט אַ פּערקרימט געזיכט צו דער קליינער.) ע—ע—ע—ע, דו וועסט אָבער אויך שלאָפען אליין. (פערשווינדט.)

גאברי (שיקט איהם נאָך, האלב פאר זיך). נאר! (דאן ווענדט ער זיינע אויגען צו דער קליינער און קוקט זי אָן מיט אַ פאַר־שעמדען בליק.)

די קליינע (שטעהט אויף, געהט צום פענסטער, קוקט ארויס אין דער פינסטערניס, ווענדט זיך אום און ענטפערט איהם מיט דיזעלבע בליקען, נישט אראָבנעמענדיג פון איהם די אויגען).

גאאיל (קומט אריין). זיי שלאָפען אזוי געשמאַק, די פּופּקעלעך. איך האָב קיין הארץ נישט זיי אויפצואוועקען. איך האָב זיי נאָר איינציגווייז גוט אָנגעקוסט. זיי האָבען זיך אפילו נישט א ריהר געטאָן. איך וואָלט זיי יעצט געוואָלט אזוי האָבען ארום זיך. די גרעסערע וואָלטען זיך אָנגענומען פאר מיין קלייד, אזוי אָ, און איך וואָלט גענומען דיביידע קליינע אויף מיינע הענד, אזוי אָ, און וואָלט מיך געלאָזט מיט זיי א טענצעל. אך, וואָלט איך מיט זיי געטאנצט... אָט אזוי אָ... (טאַנצט, גלייך זי וואָלט געהאַט אָרום זיך די קינדער און רעדט טאַנצענדיג.) און געלאכט

וואָלטען זיי... אונזער מוזיניטשקע מיט איהר זילבערנעם געלעכ־טערל... און אונזערע פיער בנים... העהעהע און האהאהא... האהאהא און העהעהע... (האַקט אָב פּלוצלונג דאָס טאַנצען און געהט מיד צום זיץ־בעטעל שווער רעדענדיג.) אָט אזוי וואָלט איך מיט זיי געטאנצט. (זעצט זיך און שמייכעלט מיד.) העע... (זי זעהט אָב־געמאַטערט און געעלטערט אויס.) יעצט בין איך אָבער טאקע מיד, אָבער שטארק מיד.

גאברי. ווערען מיר געהן יעצט שלאָפען.

די קליינע (האָט ביי גאַאיל'ס לעצטע ווערטער אָנגעהויבען אונטערצוטאַנצען אויף איהר אָרט. יעצט טאַנצט זי אין קרייז, שטיל צוזינגענדיג זיך און שפּיעלענדיג מיט איהרע קאָראַלען).

גאאיל. שלאָפען געהן? אזוי אָבהאקען די שמחה? מען האָט שוין אפילו גענאַרפט געהן שלאָפען. אזויפיעל היינט גע־ארבייט און מאָרגען איז ווידער א טאָג. ווילסטו שוין געהן שלאָ־פען? זעהסט, איהר טענצעלט זיך ערסט. ניין, אזוי וועט עס זיין. הוליען איז הוליען. ניטאָ נאָך קיין שלאָפען געהן. איך וועל מיך נאָר דאָ א ביסעל אויסרוהען. איך וועל אזוי אַ אריינ־נעמען די פּיס אונטער זיך און וועל מיך צושפּארען א ביסעל.

די קליינע (איבעררייסענדיג איהר טאַנץ). איך וועל דיר ברייננען א קיסען.

גאאיל. ניין, נישט נויטיג. איך וועל נאָר אזוי אַ...

די קליינע (געהט דאָך אַרויס אין דאָס שלאָף־צימער דורך דער מיטעלסטער טיר אין דער הינטערסטער וואַנד).

גאאיל. פון טאַנצען האָט זיך מיר נאָר א ביסעל פער־דרעהט דער קאָפּ. דו רוק נאָר צו דעם טיש צום בעטעל, איך זאָל קאָנען דערלאנגען מיין גלאָז. איך וועל ליעגען און העלפען אייך טרינקען.

גאברי (רוקט צו דעם טיש צום בעטעל).

די קליינע (קומט אַרויס מיט אַ קיסען און לעגט איהם איהר אונטער'ן קאָפּ).

גאַאיל. איך וועל מיך נאָר אַ ביסעל אָברוהען און מיר העבען אָן די שמחה פון אָנהעב. העהע... און דער פוילִיאַק איז טאַקע ענטלאָפען? אַ רחמנות אויף איהם. ער איז נעביך אַזוי פערליעבט אין דיר, און דו גאָרנישט. העהע. דו ביזט אי־בערהויפט דאכט זיך אַ קאַלטע. וואָס מיינסטו, מאַנ'דעל, איז זי פעהיג צו פערליעבען זיך?

גאַברי. איך ווייס? פון אייז איז זי דאכט זיך נישט.

גאַאיל. העהע... אָ, בין איך אָבער מיד. (ציהט אויס די האַנד נאָך איהר גלאָז.) לחיים, קינדערלעך! טרינקט. (זי טרינקט אָב און שטעלט אַוועק צוריק דאָס גלאָז, לאַנגזאַם, מיט שווערער האַנד.) די הענד, די הענד זיינען מיר ווי קלעצער. און די פיס, די פיס, ווייסטו, פון זיצען אונטערגעבויגען אויף'ן דאָך...

די קליינע (העבט ווידער אָן אונטערצוטערצלען).

גאַאיל. זעהסט, זי טענצעלט ווידער. יאָ, זי האָט קיין פינף קינדער נישט געהאט און האָט אַזויפיעל נישט געאַרבייט.

די קליינע. אַ, איך וואָלט יעצט!... איך וואָלט אַרויס יעצט אין פעלד און וואָלט מיך געלאָזט לויפען ווי אַ ווילד פערדעל און וואָלט געשריען און וואָלט געזונגען. איך וואָלט עפּעס יעצט...

גאַברי. ששש, לאָז זי שלאָפען.

גאַאיל. ניין, ניין, איך שלאָף נישט... איך האָב נאָר אַזוי...

די קליינע (צו גאַברי'ן). ע, קום לאָ'מיר ביידע מאַכען לחיים.

גאַאיל. העהע, אָט אַזוי אָ, טרינקט, זייט אייך משמח.

די קליינע. קום, לאָ'מיר זעהן, ווער וועט צוערסט שיכור ווערען.

גאַאיל (האַלב איינגעשלאָפען). איך זאָל אייך נאָר ביידען נישט דאַרפען נאָכדעם אויסטאָן און לעגען שלאָפען. העהע.

די קליינע (גיעסט אָן די גלעזער און זעצט זיך ענטגעגען גאַברי'ן ביים טיש). אָט האָסטו דיין גלאָז און איך האָב מיין גלאָז. לחיים!

גאברי (ענטפערט קוים אָב). לחיים!

די קליינע (קרימט איהם נאָך). לחיים! וואָס עפּעס אזוי שלעפעריג? ביזטו אויך מיד? ווילסט דיך אויך צושפּארען? זעהסט, זי שלאָפט שוין.

גאברי (קוקט אָן די שלאָפענדיגע און קנוישט אָן די שטערן.)

די קליינע. נו, וואָס אזא אָנגערוקטער?

גאברי (שטעהט אויף און געהט זיך דורך איבער'ן צימער).

די קליינע. נו, וואָס איז דאָרטין? וואָס איז? וואָס קוועטשט דיך?

גאברי (געהט צו איהר צו און שעפּטשעט שטיל און ליידענ־שאַפטליך ארויס). מיידעל, ווייסטו, וואָס דו ווילסט?

די קליינע. צו ווים איך, וואָס איך וויל? ערסטענס וויל איך, דו זאָלסט דיך אוועקזעצען אָט דאָ אנטקעגען מיר, ווי דו ביזט פריער געזעסען, און מיר וועלען אונז קוקען אין די אויגען, נו, וואָס שטעהסטו?

גאברי. ווייסטו, וואוהין דאָס קאָן אונז פיהרען? צו וואָס דאָס קאָן אונז ברייננגען?

די קליינע. איך מיין, דו ווייסט עס שוין פון לאנג און האָסט דערצו געטריבען.

גאברי. איך האָב געקעמפּפט די גאנצע צייט מיט זיך אליין...

די קליינע. דו האָסט געקעמפּפט די גאנצע צייט מיט דיר אליין און האָסט אין דער זעלבער צייט נישט אָבגעלאָזט פון מיר און מיך גאנץ ווילד געמאכט... קוק נישט צו איהר, זי שלאָפט שטארק... און זי האָט דיך שוין גענוג געגאָסען, שוין גענוג געהאט פון דיר אונצעהליגע פריידען. (שפּרינגט אויף און לעגט ארויף איהרע אָרמס ארום זיין האלז.) יעצט וויל איך זיי פון דיר. איך וויל דיך זעהן ווילד, ליידענשאפטליך, פייערדיג. איך וויל פון דיר געלאסקעט ווערען ווי נאָך קיינמאָל נישט, דו זאָלסט מיך דער־

דריקען מיט דיינע אומארמונגען. איך בּיינק שוין לאנג נאָך דיין ווילדקייט, איך ווארט שוין לאנג אויף דעם פון דיר.

גאבּרי. נישט דאָך, נישט. איך וויל דיר וואָס דער־קלערען. קום דרויסען... קום ארויס דרויסען.

די קליינע. יאָ, קום דרויסען, דו וועסט מיר וואָס דער־קלערען. (זיי ווענדען זיך צו דער גאסטיר, זי פאָראויס און ער נאָך איהר. פלוצלונג כאפּט ער זי אָן פון הינטען, בּויגט אריבּער איהר קאָפּ און עסט זיך איין אין איהר מיט אַ ווילדען קוס.)

גאבּרי (לײדענשאפטליך שעפּטשענדיג איבּער איהר). נא, דו האָסט מיך ווילד געמאכט. יעצט איז עס געקומען איבּער מיר. יעצט וועסט דו האָבּען, וואָס דו ווילסט. יעצט איז ניטאָ שוין קיין צוריק. יעצט העבּ איך דיך אויף אויף מיינע הענד (ער טוט עס) און טראָג דיך ארויס אין דאָס פרייע דרויסען, און דו וועסט זעהן, ווי איך קאָן לאסקען. אַ, זאָל געשעהן, וואָס מוז געשעהן! (אײלט מיט איהר אויף די הענד צו דער טיר.)

גאַאיל (איז וואך געוואָרען פון זיין צו שטאַרקען געפליסטער, עפענט ווייט פערנאנדער די אויגען, גיט זיך אַ כאפּ, גאנץ בּלייך ווע־רענדיג, און שרייט ארויס מיט גרויסען שרעק). אוי!

גאבּרי (גיט אַ ציטער, שטרויכעלט און פערליערט כמעט די קליינע. ער שפּארט זיך אָן מיט דער לינקער האנד אָן פּריטילקע פון דער טיר און לאָזט אראָבּ דעם קאָפּ מורמלענדיג). יעצט קומט, וואָס איך האָבּ נישט געוואָלט.

די קליינע (שווער עטמענדיג, מיט פערבּיסענע ציינער און צונויפגעדריקטע פויסטען, בּלייבּט שטעהן צוטוליענדיג זיך צו איהם).

גאַאיל (מיט אַ טאָן פון גרויסען בּראָך רעדט קוים אַרויס, ווי מיט געבּעט). מאנ׳דעל! קליינע!

די בּיידע (שווייגען).

גאַאיל. איז דאָס — דער ווײן?... מאנ׳דעל, גאבּרי, דרעה דיך דאָך אוים צו מיר, איך וויל דאָך אַלץ וויסען. (בּרעכט אויס אין אַ געוויין.) אוי ווער, מאנ׳דעל, מאנ׳דעל!

ג א ב ר י (פאסט זיך און שעפטשעט שווער ארוים). געה, קליינע, צו דיר אין צימער.

ד י ק ל י י נ ע (ברעכט אוים אין א געוויין, לעגט ארויף די הענד אויפ'ן געזיכט און שלעפט זיך אוועק צו דער רעכטער טיר אין דער הינטערסטער וואנד).

ג א א י ל (וויינט נאך שטארקער מיט טרערען פון א גרויסען אונגליק).

ג א ב ר י (געהט צו איהר צו און גלעט זי איבער'ן קאפ. נאך א קורצען שווייגען זאגט ער). ווילסטו מיך אויסהערען?

ג א א י ל. איך וויל... איך מוז... וועה, ווי אזוי איז דאס געשעהן? ווען האב איך דיך גאר פלוצלונג אזוי אנגעווארען?

ג א ב ר י. ווי און ווען — איך קאן עס דיר נישט דערקלערען. מיין בעגעהר נאך איהר — איך האב פלוצלונג איהם דערפיהלט. ווי פון א פערבארגענעם ארט האט ער זיך ארייגעגנב'עט אין מיר און איז געוואקסען מיט איהר וואוקס, ווי א טויטליכער קרעבס אויף א מענשען'ס קערפער. אלץ אין מיר האט געלעכצט נאך איהר, גערופען און געשריען. וואס ווייטער, אלץ מעהר. איך האב מיין נשמה־רוה פערלארען, און א שווערע ביינקענים האט אנגעפילט מיין גאנץ וועזען. דו האסט מיך אפט געזעהן מיד אזוי און אבגעלאזען, און האסט עס דיר דערקלערט מיט מיין איי־בערגעארבייטקייט, מיט מיין צופיעל הארעווען. אבער ארבייט וואלט קיינמאל אזא יכולת נישט געהאט איבער מיין אייזען־שטארקען און צו ארבייט געוועהנטען קערפער. דער בעגעהר נאך איהר האט עס ווי א ווארים מיך געטאטשעט און אונטערגעפרעסען מיר מיין מונטערקייט און קראפט. די קראפט, וועלכע גיט מיר מיין גאנצע שטארקייט, דער מ א ן אין מיר, איז פערוואונדעט און קראנק געווארען פון נישט־בעפריעדיגט־זיין.

ג א א י ל. אבער דו האסט דאך מיך געליעבט! דיין ליי־דענשאפט צו מיר איז דאך אזוי גרוים און שטארק געוועזן, אז איך האב קיין אבקיהלונג צו מיר בשום אופן נישט געשפירט. איז

דאָס געווען א געמאכטע ליידענשאפט, איך זאָל דעם אמת נישט ענטדעקען?

גאברי. ניין, געמיין בין איך נישט, און דיך בעטריגען האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט. אָבער איך האָב מיט גרויסער ליידענשאפט צו דיר געוואָלט שטילען מיין בעגעהר צו איהר. איך האָב מיך געוואָלט אָנזעטיגען מיט דיר און אין מיין זאטקייט אָן איהר פערגעסען.

גאאיל. און דו האָסט די פערגעסענהייט ביי מיר נישט געפונען? ליעב איך דיך נישט אלץ מיט דערזעלבער ליידענשאפט ווי פון אונזער ערסטען קוס אָן? איז מיין אומארמונג כאָטש א ביסעל קיהלער געוואָרען? האָב איך דען אויפגעהערט אויסצור־געפינען פאר דיר אלץ נייע און נייע לאָסקעס?

גאברי. און דאָך... און דאָך... דאָס נישט־געוואָלטע איז דאָך געקומען איבער מיר, מיך בעהערשט, מיך גאַנץ אונטעריאָכט אונטער זיך, פערכאַפט און בעוועלטיגט. איך האָב זי אויסמיידען געוואָלט, די קליינע, און אלץ עפטער האָב איך זי אויפגעזוכט, וואו זי איז געווען אליין. איך פלעג מיינע אויגען אָבקעהרען פון איהר, און מיינע הענד פלעגען זי אין דונקעלען געפינען, און אָנ־ריהרען זיך אָן איהר איז מיר געווען די גרעסטע גליקזעליגקייט. איך האָב אויפגעהערט צו זיין בעל הבית אויף זיך אליין, און קוים איז מיר געלונגען, אז דו זאָלסט נישט בעמערקען, וואָס אין מיר קומט פאָר.

גאאיל (וויינט ביטערליך, דאָס געזיכט בעהאַלטען אין די הענד).

גאברי (גלעט זי איבער'ן קאָפּ, שטיל און ווייך). איך האָב אלץ געהאָפט מיין ליידענשאפט צו בעזיעגען...

גאאיל (הערבט אויף דעם קאָפּ און רעדט אַרויס, געבראָכען און געשטיקט פון טרערען). יעצט—איז—אויס!

גאברי (ציטערט אויף און גלעט אלץ איהרע האָר).

גאאיל. יעצט—איז—אויס. איך האָב דיין ליעבע נישט

מעהר. דו געהערסט איהר. איך וויל קיין אַנטשעפּענים נישט זיין. איך בין יעצט איבריג דאַ. איך געה אוועק.

גאברי. דאָס טאָר נישט זיין, דאָס טאָר נישט זיין.

גאאיל. דאָס מוז זיין. דאָס מוז זיין.

גאברי. דאָס טאָר נישט זיין. איך וועל דערצו נישט דערלאָזען. איך בין שטארק גענוג צו אָבזאָגען זיך פון איהר. מיר שיקען זי אוועק, און ווי מען פערגעסט א טויטען, וועל איך זי אויך פערגעסען. מיר בלייבען דאן אליין און אין אונזער איינזאמקייט וועלען מיר אונז צוריק געפינען.

גאאיל. ניין, דאָס געהט נישט. איך קאָן דיין פאָרשלאָג נישט אָננעמען. דער וואָרים, וועלכער האָט דעם מאן אין דיר גע־טאָטשעט, וועט דיך נישט אָבלאָזען מעהר. דו וועסט פון דער ביינקענים נאָך איהר נישט בעפרייען זיך און דיין רוהיגקייט וועט זיין נאָר א מאסקע אויף דיין געזיכט. אלערדינגס וועט מיר זיך אזוי אויסדוכטען. איך וועל דיין אומארמונג מעהר נישט קאָנען גלויבען, אין דיין יעדער לאסקע וועל איך זעהן א ליגען און דיין ליידענשאפט וועט מיר זיין בלויז א געמאכטע. דאָס וועל איך נישט אריבערטראָגען.

גאברי. אָבער דו טאָרסט נישט אוועק. דו האָסט עס ביי מיר נישט פערדיענט, איך זאָל דיך לאָזען געהן.

גאאיל. אָ, יאָ, איך וויים, דו פיהלסט דיך אונאנגענעם. דו האָסט אויף מיר רחמנות, דו פיהלסט דיך אונדאנקבאר. אָבער דאָס טרייבט מיך ערסט רעכט אוועק. איך וויל דיין רחמנות נישט און וויל נישט דיין דאנקבארקייט. קאָן אונז די ליעבע נישט פער־אייניגען מעהר, די הייסע, גרויסע ליעבע, וועלכע האָט אונז צוזאמענגעפיהרט, קאָנען מיר אויך נישט מעהר צוזאמען לעבען.

גאברי. אָבער די קינדער?

גאאיל. איך קאָן זיי אלע קרבנות ברייגגען, אָבער נישט דעם קרבן. איך נעם זיי מיט — דו וועסט זיי מיר מוזען געבען — און איך פאָהר צוריק צו מיינע עלטערן.

גאברי. צו דיינע עלטערן ? !

גאאיל. זיי וועלען מיך צונעמען צוריק. איך פיהל עס. צוליעב זייערע אייניקלעך וועלען זיי עס טאָן. איך פּאק מיך באַלד איין, און ווי עס העבט אָן צו טאָגען, פאָהר איך גלייך אוועק.

גאברי. איז דאָס דיין פעסטער בעשלוס ?

גאאיל. מיין פעסטער און מיין לעצטער. אזוי איז עס גלייכער פאר אונז ביידען. דו וועסט קומען צוריק צו דיינע בחות און איך... און איך וועל נישט זיין מעהר די געגארטע. איך פאָהר גאנץ פריה אוועק. איך נעם מיט מיר פארלויפיג נאָר די קלענסטע צוויי. ווען איך בלייב מיט מיינע עלטערן, נעם איך מיר אויך די עלטסטע. לעמ'ען וועסטו מיר אויך מוזען מיטגעבען, ער זאָל מיך בעגלייטען.

גאברי. דאָס האָב איך שוין געטראַכט.

גאאיל (אונאנגענעם בעריהרט, לאַכט נערוועז אויף דורך טרערען). זעהסט, דו האָסט שוין אויך געפּלאַנט, ווי מיך בעסער אוועקצושיקען.

גאברי (שטאַמעלט). דאָס האָב איך יעצט... ווייל דו...

גאאיל (געבראָכען). איך האָב צו דיר גאָרנישט.

גאברי. ניין, ווירקליך, ווייל דו האָסט אזוי פעסט בע־שלאָסען...

גאאיל (שרייט אויף געבראָכען). אוי, ווי מיר רעדען עפּעס !

גאברי. ווייל דאָס איז דיין פעסטער וואונש...

גאאיל. איז עס נישט עפּעס א בייזער חלום ? איז עס אלץ אויפ'ן וואָהר ? פערברייינג איך דאָס אזוי די נאַכט פון מיין אזוי לאַנג ערוואַרטעטער חנוכת הבית ? איז דאָס אזוי מיין גרויסער יום־טוב ? האָב איך געהאָלפען בויען דאָס הויז, די ווענד, די פּאָדלאָגע, דעם באַלקען, דאָס דאַך, איך זאָל זיי גלייך פער־לאָזען ? אזוי זעהט עס אוים דער ענטפער אויף מיין טאָאסט ?

וואָס פאַר אַ גליקליך לעבען האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, און פלוצלונג: ווי? ווי אַזוי?

גאברי. וואָס דאַרפסטו ברעכען דיר אַזוי דאָס האַרץ? קיינער נויטיגט דיך דאָך נישט...

גאַאיל. ניין, ניין, רעד מיר נישט! דו וועסט מיך פון מיין בעשלוס נישט אָבברייננען. אָבער איך מוז מיך אויסשרייען! איך מוז מיך אויסוויינען! דאָס אונגליק איז געקומען אַזוי שנעל, אַזוי אומגעריכטערהייט... איך מוז מיך... אוי, אוי, אוי!... (ברעכט אויס אין אַ היסטערישען יאָמער.)

גאברי (שטעהט איבער איהר גאַנץ פערלאָרען, גלעט זי איבער דאָס האָר, וויל איהר אויפהעבען דעם קאָפּ). דאָס דאַרפסטו נישט... דאָס דאַרפסטו נישט... נעם אַ ביסעל וויין... (זעהענדיג, אַז קיין וויין איז ניטאָ מעהר, לויפט ער צו לעמ'ס צימער און שרייט אַהין אַריין.) לעם, שטעה אויף אויף גיך און ברייננ אַריין אַ קענדעל קאַלט וואַסער. (לויפט ווידער צו איהר און רעדט גאַנץ פערלאָרען.) בערוהיג דיך! בערוהיג דיך!

די קליינע (עפענט אויף די טיר און בלייבט שטעהן אונ־בעמערקט צווישען טיר און פריטולקע).

לעם (קומט אַרויס פון זיין צימער). וואָס לאָזט מען גאָר היינט נישט שלאָפען? (בלייבט שטעהן, פערוואונדערט אָנקוקענדיג די וויינענדיגע.) וואָס טוט זיך דאָ, וואָס? אַן איבריג גלאָז וויין?

גאַאיל (אַרויסשרייענדיג). לעם, איך פאָהר צוריק צו מיינע עלטערן!

לעם. וואָס?!

די קליינע (שרייט ענטציקט אויף, לעגט אָבער גלייך אַרויף די האַנד אויף איהר מויל און פערשווינדט לאַנגזאַם צו זיך אין צימער).

# דריטער אקט

דאָס זעלבע צימער. — גאברי זיצט ביים טיש, פערלעגט אַ פוס אויף א פוס, רויכערט אַ פּיפּקע און קוקט נאָך פערטראַכט דער קליינער, וועלכע ראַמט אָב פון טיש. ביידע שווייגען שטיל.

די קליינע (ענדיגט איהר ארביוט און קומט צו צו איהם). נאַ, וואָס האָסטו עפּעס אויסגעקוקט? — נעם דאָך ארויס דיין פּיפּקע פון מויל. דו האָסט דאָך גאָר קיינמאָל אזויפיעל נישט גערויכערט. — נו זאָג, וואָס האָסטו עפּעס אויסגעקוקט?

גאברי. וואָס נעכטען און עהערנעכטען און די גאנצע צייט, וואָס איך קוק.

די קליינע. קענסט מיך שוין דאכט זיך אויף אויס־ווענינ.

גאברי. ריכטיגער געזאָגט — פון אויסען.

די קליינע. און פון אינווענינ?

גאברי. אפשר אויך.

די קליינע. צום ביישפּיעל, ווי קענסטו מיך?

גאברי. דו ביזט איינע מיט הינטערגעדאנקען.

די קליינע. איך — מיט הינטערגעדאנקען?

גאברי. און מיט א נישט־ריינער נשמה.

די קליינע. זעהר ליעבענסווירדיג פון דיר. און וואָס נאָך וועסטו זאָגען?

גאברי. אז פאר דיר האָב איך מורא, ווייל דו האָסט הינטערגעדאנקען, געדאנקען, וועלכע איך קען נישט.

די קליינע. און גאאיל׳ס געדאנקען האָסטו שטענדיג געקאָנט?

גאברי. זי האָט קיין אנדערע געדאנקען נישט געהאַט ווי נאָר מיך, די קינדער און די ווירטשאַפט. אַ מאָל נאָך איהר קינדהייט און איהרע עלטערן.

די קליינע. און וועלכע געדאנקען האָב איך דאָס?

גאברי. קען איך נישט.

די קליינע. דאָך צום ביישפּיעל. מיט וועלכע געדאנ־קען, מיינסטו, טראָג איך מיך ארום?

גאברי. מיט גענוס־געדאנקען, מיט יצר־הרע־מחשבות.

די קליינע. ווי קומסטו דאָס צו מיינען? ליעב איך דיך נישט?

גאברי. ניין. דו ליעבסט די שכרות, אין וועלכע איך ברייננ דיך אריין. דו ליעבסט דאָס שכור־ווערען.

די קליינע. און וואָס האָט זי דען געליעבט?

גאברי. מיך.

די קליינע. איך פערשטעה דעם חילוק נישט.

גאברי. דער חילוק איז דער: זי וואָלט מיך געליעבט, ווען איך וואָלט געוואָרען אפילו א קאליקע און אן עובר בטל, דיר אָבער וואָלט איך דאמאָלס געוואָרען אן עקעל און א לאַסט.

די קליינע. דאַן קענסטו מיך בעסער, ווי איך זיך.

גאברי. דו האָסט בלויז אזוי ווייט נאָך נישט געטראַכט. אָדער דו האָסט מורא מודה צו זיין זיך אין דעם, ווייל עס איז פאַראַן נאָך א חילוק.

די קליינע. צום ביישפּיעל?

גאברי. זי האָט מיך געליעבט און געטראַכט נאָר וועגען מיר. דו ליעבסט דעם גענוס, און דיין פאַנטאַזיע בלאָנדזשעט אָפּט צו אנדערע מענער, צו מענער איבערהויפּט.

די קליינע. שווייג! דו ווערסט געמיין. אזוינס האָסטו מיר נישט געדאַרפט זאָגען.

גאברי. דו האָסט ביי מיר געפרעגט דיינע געדאַנקען, האָב איך זיי דיר געזאָגט.

די קליינע. ווי קומסטו איבערהויפט צו אזעלכע גע־דאנקען וועגען מיר? מיט וואס האב איך זיי ביי דיר ארויסגע־רופען? וואס האב איך אזוינס פערבראכען?

גאברי. וואס דו ביזט יעצט לעבען מיר, נישט גאאיל.

די קליינע. אין דעם ביזטו דאך נאך מעהר שולדיג, ווי איך.

גאברי. איך האב שטארק געקעמפפט מיט מיר אליין, האב נאך יאהרען־לאנגען ראנגלען־זיך אונטערגעגעבען זיך צו די שטארקע געפיהלען, וועלכע זיינען מיך בעפאלען. דו אבער האסט די גאנצע צייט געוואלט בעזיעגט ווערען און זיך נישט דאס קלענסטע ביסעל אנגעשטרענגט צו קעמפפען געגען דאס, וואס דו האסט נישט געדארפט טאן. קיין ביסעל מיטגעפיהל מיט איהר, קיין טראפפען דאנקבארקייט פאר אלץ, וואס זי האט געטאן פאר דיר.

די קליינע. איך האב נאר געהאט איין געפיהל: וואס גיכער ארייננווארפען זיך אין דיינע ארמס, וואס שנעלער איבער־לעבען דיינע לאסקעס, און אין דעם ביזטו דאך שולדיג. יאהרענ־לאנג האסטו מיך גערייצט...

גאברי. דאס ערגסטע מיט דיר איז, וואס דו בעגרייפסט נישט דיין שלעכטיגקייט און געמיינהייט.

די קליינע (אויפשרייענדיג). איך וויל נישט, דו זאלסט צו מיר אזוי רעדען. איך בין צו דיר נישט געקראכען. דו האסט מיך געמאכט, צו וואס איך בין געווארען.

גאברי. צו וואס ביזטו געווארען?

די קליינע. ווייס איך, צו וואס? דו האלטסט דאך מיך פאר אזוי שלעכט. איך ווייס איבערהויפט נישט, וואס דו ווילסט פון מיר. איך העב אן מורא צו האבען, אז דו האסט דיך פערביינקט נאך גאאיל'ען.

גאברי. יא, אבער נישט אזוי, ווי דו פערשטעהסט. איך האב מיך פערביינקט נאך ריינקייט לעבען זיך, נאך א ריינער נשמה, נאך מאראלישער געזונדקייט.

די קליינע. ווייל דו אליין ביזט מאָראליש קראַנק, ווייל דו אליין האָסט קיין ריינע נשמה נישט.

גאבּרי. נאַ, מילאַ, קום בעסער צו מיר אויף די קני.

דיי קליינע. אָט דאָס אַ, אָט דאָס אַלץ ווילט זיך דיר!

גאבּרי. נו, נו, קום, לאָז דיך נישט בעטען. (ער שלעפּט זי אַראָב מיט געוואַלט און זעצט זי אַרויף אויף זיינע קני.)

די קליינע. אויב עמיץ ליעבּט די שכרות און דאָס שכור־ווערען, דאָס ביזט דו.

גאבּרי. האָסט דיך ערסט געכאַפּט? (דריקט זיך צו איהר, אַרויפלעגענדיג דעם קאָפּ אויף איהר ברוסט.)

די קליינע. איך בין פאַר דיר בלויז אַ תאוה־זאַך, אַ נעפּעס, אויף צו שטילען דאָס געמיינסטע אין דיר.

גאבּרי. דאָס געמיינסטע? גע־ה, נאַרעלע, דאָס אונער־קלערליכסטע, פיעלייבט דאָס שטאַרקסטע.

די קליינע. דערפון ווערט מיר אַ האָר נישט גרינגער. דו ליעבּסט מיך אָבער נישט.

גאבּרי. דאָס איז נישט ריכטיג, מיין קליינע.

די קליינע. דו ליעבּסט מיך נישט. דו ביזט אַ בעל־תאוה׳ניק, און האָסט מיך מאָראליש אַראָבגעשלעפּט צו דיר, ווי יעצט צו דיר אויף די קני.

גאבּרי. זידעל מיך, זידעל מיך.

די קליינע. דו ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערן. דו אליין ליעבּסט בלויז דעם גענוס און דיין פאַנטאַזיע פערבלאָנ־דזשעט צו אנדערע פרויען.

גאבּרי. יאָ, יאָ, אָבער יעצט נעם מיך גוט אַרום, דריק זיך צו מיר צו, לאָז מיך פיהלען דיין גאַנצע נאָהענטקייט. פאַר־לויפיג זיינען מיר ביידע שכורים און לאָ׳מיר לעבען און געניסען אונזער שכרות.

די קליינע (כאַפּט איהם אָן פאַר דער מאָרדע און גיט איהם אַ שטויס דעם קאָפּ אויף הינטען, קאַפּריזנע בייז). אוי, דו!

גאברי. זעהר צארט איז דאָס נישט געוועזען. אָך, אין דיין הארץ פערקלייבט זיך א בייזקייט צו מיר, א שנאה...

די קליינע. אז דו וועסט אזוי ווייטער רעדען, וועל איך דיך טאקע פיינד קריגען.

גאברי. פריהער אָדער שפּעטער. איצט אָבער גיב מיר א הייסען, שכור׳ען קוס.

די קליינע. איך וואָלט וועלען וויסען, פון וואנען זיינען צו דיר געקומען די אלע געדאנקען און פאר וואָס האָסטו זיך היינט אזוי צולאָזען?

גאברי. וואָס ווייס איך, פון וואנען די געדאנקען זיינען געקומען? עס איז מעהר א געפיהל־זאך, און אז עס איז געקומען צום וואָרט, האָב איך ארויסגעזאָגט.

די קליינע. און אז אזעלכע געדאנקען זאָלען אָנ־האלטען...

גאברי. איך וועל זיי מעהר נישט ארויסזאָגען. איך וועל זיי פעריאָגען פון מיר.

די קליינע. גליקליך קאָן מען נישט ווערען.

גאברי. הם... גליקליך... זאָל נאָר די שכרות אָנהאלטען. נא, איך בין נאָך געזונד, און דו ביזט בלוט־יונג...

לעם (קומט אריין). הם... שלום עליכם!

די קליינע (שפּרינגט אויף פון גאברי׳ס קני, גאנץ דער־שראָקען). לעם!

גאברי (קוקט זיך איין). הם, דער פּויליאק! פון וועלכער תליה האָסטו זיך עס פּלוצלונג אָבגעריסען?

לעם. אויף א הילצערנער האָט מען מיך נאָך נישט אויפ־געהאנגען, אויף א ווייבערשער האָב איך מיך נאָך נישט אויפגע־האנגען. האָב איך מיך, הייסט עס, פון קיין תליה נישט אָבגעריסען, נאָר איך בין דאָ פּשוט מיט איהר.

גאברי. מיט איהר?! מיט גאאיל׳ען?

לעם. לייבהאפטיג מיט איהר.

גאברי. וואו איז זי?

לעם. אין קארטאָפעל־פעלד ביי די קינדער.

גאברי. וואָס זייט איהר נישט צוגעפאָהרען גלייך אהער?

לעם. זי האָט דערזעהן די קינדער, האָב איך אָבגעשטעלט די פערד און זי איז אראָב צו זיי.

גאברי (לעגט אוועק שנעל די פיפקע און איילט אַרוים).

די קליינע (בעגלייט איהם אַרוים מיט אונרוה אין די אויגען).

לעם (קוקט זי איראָניש אָן).

די קליינע (טראָגט אַריבער איהר פערזאָרגטען בליק פון דער טיר אויף לעם'ען, גיט זיך אַ פּיתר מיט דער האַנד איבער די האָר און פרעגט ווי מעגליך רוהיג). נא, וואָס מאכסטו עפּעס?

לעם. וואָס געהט עס דיך אָן?

די קליינע. ביזט משוגע?

לעם. ניין. איך האָב מיך בלויז פערשוואָרען אין דיינע דלית אמות נישט צו שטעהן און מיט דיר נישט צו רעדען.

די קליינע. דו ביזט א גאסט, אז נישט וואָלט איך דיר הייסען, דו זאָלסט דיך גלייך ארויסטראָגען.

לעם. איז אז איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך מיך ארויס־געטראָגען, און אז נישט, וואָלט איך געווארט, מען זאָל מיך ארויס־טראָגען, נאָר וויל איך האָב געשוואָרען נישט צו שטעהן אין דיינע דלית אמות, געה איך אוועק. (געהט צו דער טיר.)

די קליינע. לעם!

לעם. אהא, וואָס איז? דיך קוועטשט עפּעס?

די קליינע. נאָך וואָס איז זי געקומען?

לעם. אויף אָבצונעמען פון דיר צוריק דעם מאַן.

די קליינע. נאָך די קינדער?

לעם. און וואָס איך זאָג, געפעלט דיר נישט אזוי?

די קליינע. קאָנסט דיר געהן.

לעם. זי איז געקומען, אָבצונעמען ביי דיר צוריק איהר

מאַן און דיר חתונה מאַכען מיט מיר. וואָס זאָגסטו צו דעם?

די קליינע. אַז דו ביזט אַ געמיינער קנעכט, און געה.

לעם. אויף געמיינהייט פערשטעהסט דו דיך שוין גוט, דערפאַר געפעלט מיר טאַקע דער שידוך נישט מעהר.

די קליינע. טפו! (שפּייט אויס און געהט אַוועק צו זיך אין צימער.)

לעם. העי, קליינע, קאָנסט אַריינקומען צוריק, איך געה אוועק. העהעהע... (געהט אַרויס. אַ ווײַלע שטעהט דאָס צימער לעדיג. באַלד קומען אַריין גאַבּרי און גאַאיל.)

גאַאיל (בלייבט שטעהן אין טיר און רופט אין דרויסען). שטעהט דרויסען, קינדער, שטעהט דרויסען. מיר וועלען אייך אַריינרופען. (קומט אַריין אין צימער, לאַנגזאַם אויפהעבענדיג די אויגען, ווי זי וואָלט געוואַרט עמיצען צו דערזעהן, און קוקט זיך אַרום. זעהט אויס נישט אַזוי פּלומפּ, דאָס געזיכט נישט אַזוי מאַט, איז מאָגערער געוואָרען; אין די אויגען ליעגט אַ טיעפע טרויער.)

גאַבּרי (מאַכט צו די טיר הינטער זיך און געהט גלייך צו דער פּיפּקע, מאַכט דאָן אַ פּאָר טריט צו דער קליינער'ס צימער, האָט אָבער חרטה, בלייבט שטעהן און הערט אָן אַנצושטאָפּען די פּיפּקע).

גאַאיל (קוקט איהם נאָך).

גאַבּרי (פערדרייכערט). זעץ דיך. נעם אַ שטול. ווילסט עפּעס עסען? טרינקען?

גאַאיל. ניין, בעמיה דיך נישט. זעץ דיך צו. לאָז דיך אָנקוקען.

גאַבּרי. איך האָב דיך שוין געזעהן און דו האָסט מיך שוין געזעהן. (זעצט זיך.)

גאַאיל (מיט געמאַכטער פרעהליכקייט). שרעק דיך נישט, איך וויל דיך נישט אָנקוקען, אום נאָך אַ מאָל צו פערליעבען זיך אין דיר. איך וויל נאָר זעהן, ווי דו זעהסט אויס, וואָס דו מאַכסט, און מאָגסט מיר טאַקע זאָגען, ווי געפינסטו מיך.

גאַבּרי (הערט אויף איהר אויף די אויגען און לאָזט זיי גלייך

ווידער אראָב צו דער טיפּקע). ביזטו, הייסט עס, געקומען נאָך די קינדער?

גאאיל. יאָ. ווי מיר האָבען אָבגערעדט.

גאברי. וואָס מאכען די עלטערן?

גאאיל. גוט. אַלט געוואָרען.

גאברי. ווי האָבען זיי דיך אויפגענומען?

גאאיל. איבערראַשט, ערשטוינט. האָבען מיך נישט גע־וואָלט אָנקוקען, כלומר'שט, און האָבען זיך באַלד איבערגעבעטען. פּאַרט טאטע־מאַמע.

גאברי. אוהום. איז געהט זיי גוט? די זעלבע פאַרם? דער זעלבער פאַרק?

גאאיל. דאָס זעלבע בלומענהויז, די זעלבע קלומבע, דער זעלבער וואַלד, דער זעלבער שייער. נאָר מענשען בייטען זיך הפּנים אין צעהן יאָהר.

גאברי. אוהום. נו, דערצעהל עפּעס נאָך פון זיך.

גאאיל. וואָס וואָלסטו געוואָלט וויסען?

גאברי. אָט, גלאַט. וואָס מאכען די קינדער?

גאאיל. פיין. האָסט זיי דאָך געזעהן.

גאברי. די קליינע רעדט שוין שאַרף.

גאאיל. אָ, וואָלסט זי געהערט, ווען זי צורעדט זיך!

גאברי. און יעצט ביזטו געקומען נאָך די גרעסערע.

גאאיל. נו יאָ, דאָס איז דאָך געווען אונזער אָברעד.

גאברי. דו רעדסט יעצט אַזוי רוהיג.

גאאיל. ווי דען וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל רעדען?

גאברי. יאָ. יאָ.

גאאיל (שטעהט אויף). וועסט מיר ארויסגעבען די קינ־דערשע זאַכען, וועל איך זיי איינפּאַקען און מיר וועלען אוועק־פאָהרען. אָדער איך קאָן זיי מיר אַליין נעמען.

גאברי. וואָס איילסטו? וועסט דאָך נישט גלייך היינט

אוועקפאָהרען? וועסט דיך אויסרוהען. די פערד מוזען דאָך אויך זיין שטארק מיר.

גאאיל. ניין, איך פאָהר גלייך אוועק. איך האָב אזוי אויך געדונגען די פערד. (געהט צו דער טיר פון קינדער־צימער.) דאָ איז דאָך דאָס קינדער־צימער? איהר האָט דאָך גאָרנישט געביטען.

גאברי. ניין, גאָרנישט געביטען.

גאאיל (עפענט די טיר).

גאברי. דו קום נאָר אהער. האָסט נישט וואָס צו איילען. ווי געפינסטו עפּעס מיך?

גאאיל (געפּייניגט). האַלט מיך נישט אָב.

גאברי. וואָס האָסטו אליין געדארפט קומען נאָך די קינדער? אזא לאַנגע רייזע? לעם אליין וואָלט זיי דיר דען נישט געקאָנט ברייינגען?

גאאיל. איך האָב מיך אויף קיינעם נישט געוואָלט פערלאָזען מיט די קינדער.

גאברי. וואָס ביזטו מיט א מאָל אזוי אונרוהיג געוואָרען?

גאאיל. ווען דו וואָלסט געוועזען א ביסעל צארטער, האָסטו עס נישט געדארפט פרעגען.

גאברי. אמת, אמת. איך בין א שלעכטער מענש.

גאאיל. איך געה נאָך די זאכען. אויב דו ווילסט, קאָנסטו מיר ארייינבריינגען א קאָרב.

גאברי. ניין, ווירקליך, וואָס דארפסטו דיך אזוי איילען?

גאאיל. צו וואָס פרעגסטו עס? צו וואָס זאָגסטו עס?

גאברי. צו וואָס? צו וואָס? איך וואָלט געוואָלט...

גאאיל (קומט צו צו איהם און קוקט זיך איין איהם שאַרף איין). זאָג נאָר, ביזטו יעצט גליקליך?

גאברי. הו, הו, וואָס פאר א פראַגע דו האָסט עס מיט א מאָל א שטעל געטאָן!

גאאיל. איז דאָס אן ענטפער?

גאברי. וואָס געהט דיך דער ענטפער אָן? וואָס איך האָב פון איהר, קאָנסטו מיר נישט געבען, און דערמיט באסטא!

גאאיל. גיט זי דיר אליץ, וואָס דו האָסט געהאט פון מיר?

גאברי. עס ווייזט אויס, אז אליץ קאָן איינע נישט געבען.

גאאיל. איז נישט געוועזען א צייט, ווען איך האָב דיר געגעבען אליץ?

גאברי. געוועזען און אוועקגעגאנגען.

גאאיל. און מיט איהר, ווייזט אויס, האָסטו אזא צייט קיינמאָל נישט געהאט?

גאברי. אויב דאָס בעוואוסטזיין קאָן דיך מאכען גליקליך, טיק נעם עס מיט. דאָס צו דערגעהן, ביזטו מסתמא אויך געקומען.

גאאיל. וואו איז זי יעצט?

גאברי. מסתמא ביי זיך אין צימער. וואָס איז?

גאאיל. וועסט מיר ערלויבען דורכצורעדען זיך מיט איהר א ביסעל אויג אויף אויג?

גאברי. צו וואָס? גאנץ איבריג.

גאאיל. איך בין דיין גאסט אויף א קורצע ווײלע. ערלויב מיר עס.

גאברי. נא, אויב דו ווילסט עס אזוי שטארק. נאָר אָהן סצענעס און אָהן סקאנדאלען.

גאאיל. בין איך איינע, וועלכע מאכט סקאנדאלען? קאָנסט דערווײלע געהן ארײנטראָגען א קאָרב אָדער א קאסטען און ארײנפּאקען די קינדערשע זאכען.

גאברי (עפענט אויף די טיר פון דער קליינער'ס צימער און רופט ארײן). קליינע, קום ארויס אויף א ווײלע.

די קליינע (בעווייזט זיך אין טיר, אָהן חשק, לאַנגזאם).

גאברי. זי וויל מיט דיר עפּעס רעדען. איך געה פאַר־בערייטען עפּעס. צושלאָגט אייך דאָ נאָר נישט, האהא... (געהט ארויס.)

די קליינע (מאכט צו די טיר הינטער זיך און בלײבט

שטעהן מיט דער טירקליאמקע אין האַנד, האַלטענדיגביידע הענדע הינטער׳ן רוקען).

נאאיל (גאַנץ אויפגערעגט, קעמפּפענדיג מיט דער אויפגערעגטקייט, קוים קוקענדיג אויף דער קליינער). איך וועל רעדען אָהן הכנות. זאָג מיר, פאר וואָס איז ער נישט גליקליך?

די קליינע (נאָך אַ קורצען שווייגען). האָט ער דיר געזאָגט, אז ער איז נישט גליקליך?

נאאיל. ניין. אָבער איך זעה אָן איהם נאָך.

די קליינע. אפשר האָסטו זיך פערזעהן? איבריגענס, פרעג ביי איהם. וואָס פרעגסטו דאָס ביי מיר?

נאאיל (פעסט). פאר וואָס איז ער נישט גליקליך?

די קליינע (מיט איראָניע). ווייל ער בייַנקט נאָך דיין צניעות, נאָך דיין ריינער נשמה, נאָך דיין מאָראלישער געזונדקייט. איך בין איהם אונמאָראליש, איך האָב א נישט־ריינע נשמה.

נאאיל. דאָס האָט ער דיר געזאָגט?

די קליינע. אָט היינט ערסט. אקוראט, ווי ער וואָלט געפיהלט, אז דו קומסט אָן. דיין אָנקומען איז מסתמא געלעגען אין דער לופט און ער מיט זיין „ריינער“ נשמה האָט עס דערפיהלט.

נאאיל. דאָס פרעהט מיך. דאָס פרעהט מיך. דאָס איז פאר מיר די בעסטע מתנה, די גרעסטע איבערראשונג.

די קליינע. דו פרעהסט זיך אומזיסט. ער וועט מיך דאָך נישט אוועקווארפען און בלייבען מיט דיין ריינקייט.

נאאיל. ניין, נישט דאָס. אז ער איז אזוי גוט און ריין, פרעהט מיך.

די קליינע. ער — ריין?! אויב איך בין שלעכט און זינדיג, ווייסטו, פון וועמען דאָס קומט צו מיר? פון איהם. דאָס האָט ער מיך געמאַכט צו דעם, וואָס איך בין. איך בין די פרוכט פון זיין ריינקייט, פון זיין גוטסקייט און פרומקייט. און מיט וואָס ביזטו דאָס בעסער פון מיר, וואָלט איך בלויז וועלען וויסען? ווייל

דו האָסט די געלעגענהייט נישט געהאַט שלעכט צו ווערען? ווייל דיך האָט קיינער נישט פאַרדאָרבען? מיך האָט אַ מאַמעס האַנד נישט אויפגעצויגען, און זינט איך האָב פון דיר דערוואוסט זיך, אַז אַ מאַן'ס לאַסקעס זיינען בעסער ווי אַ מאַמעס, האָט מיין נשמה נאָר פון זיי געטרוימט. זעהסט, דו האָסט אויך דיין טייל אין מיין נשמה'ס טומאה.

גאַאיל. איך האָב דאָך גאַרנישט שלעכט געמיינט, ווען איך האָב מיט דיר גערעדט.

די קליינע. און דאָך האָסטו אַזויפיעל שלעכטס פערורזאַכט. און ביזט דו נישט שולדיג אין מיין טומאה, בין אויך איך אין איהר נישט שולדיג. דער פערלאַנג, דאָס בייַנקענים נאָך אַ מאַן'ס לאַסקעס איז איינגעוואַקסען געוואָרען אין מיר און איז מיט יאָהרען אין מיר אַלץ שטאַרקער און ברענענדיגער געוואָרען. איך האָב גע'חלום'ט פון אַ מאַן, פאַנטאַזירט פון איהם, אָהן אַן אויפהער געטראַכט פון איהם, געווינשט איהם זיך. אַז איך בין אַלט געוואָרען זעכצעהן יאָהר, האָט דער פּוילִיאַק אָנגעהויבען זיך צוצורוקען צו מיר, און איך האָב שוין געוואַרט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם אויף זיין ערסטע אומאַרמונג. פּלוצלונג האָט ער, דיין מאַן, אַריינגעשטעלט זיך צווישען מיר און איהם, מיט דעם אינסטינקט פון אַ חיה רעה, ווען מען וויל ביי איהר אוועקנעמען איהר גוטען ביסען. ער האָט זיך נישט ערלויבט צו טאָן עפּעס מיט מיר, אָבער ער האָט מיך נישט פערגינט לעם'ען. ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום מיר מיט הונגעריגע אויגען, גרייט מיך צו פערשלינגען. און מורא האָבענדיג מיך צו געניסען האָט ער נאָר צוגעזעהן, אַז דער אַנדערער זאָל מיך נישט האָבען. זיינע געפיהלען האָט ער נישט געקאָנט און טאַקע נישט געוואָלט פון מיר בעהאַלטען.

גאַאיל. נישט געקאָנט.

די קליינע. זאָל זיין נישט געקאָנט. דו מאַך איהם נאָר פאַר אַ צדיק. האָט ער דאָך געקאָנט בעהאַלטען זיי פון דיר. ביי מיר אָבער פלעגט ער זיך בענוצען מיט דעם רעכט פון אַ צוויי־

טען טאַטען און נעמען מיך אויף זיינע קני, כלומר'סט, ווי זיין קינד, און קוסען מיך און לאַסקען מיך מיט די קוסען און לאַסקעס פון אן אויפגערעגטען, ליידענשאַפטליכען מאַן. איך האָב עס גלייך דער־פיהלט, און ער, דער שיינער, שטאַרקער מאַן, איז מיר נאַטירליך אנגענעמער געוועזען, ווי דער מיאוס'ער פּוליאַק. און אין מיר איז אויסגעוואַקסען דער בענגעהר, איהם אויף שטענדיג צו געהערען.

גאַאיל. און דאָ קומט דיין גאַנצע שלעכטיגקייט. ווי האָסטו מיך געקאָנט פערגעסען? האָב איך ווענינ פאַר דיר געטאָן? בין איך דיר נישט געוועזען ווי א צווייטע מוטער? האָב איך מיט עפּעס דיך אָבגעטיילט פון מיינע קינדער? האָב איך דיך נישט ארומגערינגעלט מיט ליעבע און מיט לאַסקע, דו זאָלסט דיין יתומה'שאַפט נישט פיהלען? ווי האָט דיך נישט אָבגעשראָקען די אָבגרונד־טיעפע אונדאַנקבאַרקייט פון אָבצונעמען ביי מיר דאָס טייערסטע אין לעבען? ווי האָט דיין געוויסען — ווען דו וואָלסט געהאַט א געוויסען — דיך נישט אָבגעשטעלט פון אָבצאָלען מיר פאַר מיין גאַנצע גוטסקייט צו דיר מיט דער טיעפסטער וואונד אין הארצען?

די קליינע. ניין, דו האָסט פאַר מיר נישט עקזיסטירט. האָט פאַר דיר עקזיסטירט דיין לייבליכע מוטער, ווען דו ביזט ענטלאָפען פון איהר מיט איהם? וואָסער געפיהל פון דאַנקבאַר־קייט האָט אין דיר יעמאָלט גערעדט? האָסטו נישט געדאַרפט מורא האָבען, אז דו ועסט מיט דיין ענטלויפען געבען דיין מוטער א טויט־קלאַפּ? איז דאָס א גוטע בעצאָהלונג פאַר דער מאַמעס לאַסקעס? און ווען אין דיר האָט דיין געפיהל צו איהם געזיגט איבער דיינע געפיהלען און פליכטען צו דיין מוטער, פאַר וואָס האָט אין מיר דאָס געפיהל פון דאַנקבאַרקייט אָדער רחמנות געזאָלט בעזיגען די געפיהלען צו איהם? געפיהלען, וועלכע זיינען נאָך פערשאַרפט געוואָרען דורך לאַנג־יעהריג רייצען און געברענט אין מיר, ווי דאָס פייער פון א קאַלך־אויווען.

נ א א י ל. איז פאר וואָס האלט ער דיך פּאָרט פאר שלעכט און זינדיג?

די ק ל י י נ ע. ווייל ער איז דער מאן! און וויי... ווייל ער האָט פערנאנדערגעבלאָזען אין מיר א פייער, און יעצט האָט ער אליין מורא פאר דאָס פייער. נישט בלויז מיין אונדאנקבארקייט צו דיר מאכט מיך שלעכט אין זיינע אויגען. ער זעהט מיך זינדיג אין דער צוקונפט.

נ א א י ל. האָט ער א טעות?

די ק ל י י נ ע. וואָס ווייס איך! ער האָט מיך הונגעריג געמאכט, מענער־הונגעריג, און עס טרעפען מאָמענטען, ווען איך קוק אויף דיין אונטערוואקסענדיגען עלטסטען מיט אזעלכע הונגעראויגען, ווי ער האָט א מאָל געקוקט אויף מיר.

נ א א י ל. ביזטו דאָך טאקע שלעכט און פערדאָרבען.

די ק ל י י נ ע (צוגעהענדיג צום פענסטער). בין איך עס. ווער זאָגט, אז ניין?

נ א א י ל (נאָך א קליינעם שווייגען). לאָז מיר איהם אָב צוריק.

די ק ל י י נ ע (קעהרט זיך ראָש צו איהר צו). דו ווילסט, ער זאָל מיט דיר בלייבען אוים רחמנות צו דיר?

נ א א י ל. ניין. איך וויל מיט איהם בלייבען אוים רחמנות צו איהם. איהר זייטביידע בלויז פער'שכור'ט. ער מיט דיר און דו מיט איהם. איך זעה, אז די שכרות געהט שוין צו א סוף...

די ק ל י י נ ע. אָ, זי וועט נאָך לאנג געדויערן.

נ א א י ל. זי וועט זיך אָבער ענדיגען פריהער אָדער שפּעטער. דאן בלייבט ער אליין.

די ק ל י י נ ע. וועסטו יעמאָלט צו איהם קומען.

נ א א י ל. אָבער ער פיהלט זיך שוין מיט דיר נישט גוט און זיכער.

די ק ל י י נ ע. און דאָך וועט ער מיך נישט אָבלאָזען. עס שטורמט א קראפט אין איהם, וועלכע געפינט אין מ י ר נאָר איהר

שטילונג און בעפריעדיגונג. און איך פיהל זיך מיט איהם אזוי גוט, אזוי גוט...

לעם (אוילט אַריין און רעדט אַרויס ווי אין אַ סוד, מעהר געווענדט צו גאַאיל'ן). ער האָט מיר געהייסען שפאַנען איהם אַ פערד, ער פאָהרט אוועק.

ביידע פרויען. וואָס?!

לעם. אָט דאָס. מסתמא האָט ער בעשלאָסען, אז איידער צו האָבען אויף זיך צוויי ווייבער, איז בעסער קיינע.

גאאיל. וואָס רעדסטו דאָרטין?

לעם. אָט דאָס, וואָס איהר הערט. דאָס איז אַ פאַקט. ער פאָהרט אוועק. און ווענען פון אייך ער איז אַם ליעבסטען, זאָל גלייך לויפען נאָך איהם. איך געה איהם שפאַנען דאָס פערד.

די קליינע (לאָזט זיך צו דער טיר). דאָס איז אונ־מעגליך! דאָס איז אונמעגליך!

גאברי (קומט אַריין. צו לעם'ען). אומזיסט ביזטו גע־לאָפען גלייך דערצעהלען, אז איך פאָהר אוועק. איך האָב נישט געוואָלט ענטלויפען. איך וואָלט מיך פיין צוזעגענט.

די קליינע. וואָס איז דאָס פאר אַן איינפאַל? דו ווילסט טאַקע אוועקפאָהרען? אליין?

גאברי. אליין. גאַנץ אליין.

לעם. אהא, וואָס האָב איך געזאָגט? איידער צו האָבען אויף זיך צוויי ווייבער...

גאברי. איז בעסער אַ סך.

לעם. אַ סך?!

גאברי. אַ סך. אַ פולע. דאָס איז מיר יעצט קלאָר גע־וואָרען, שטעהענדיג מיט דער פיפקע אין מויל און קוקענדיג אין דאָס ווייטע, ברייטע טאָל אריין.

די קליינע. ווען מיר האָבען זיך דאָ איבער דיר געדונגען!

גאברי. דאָס האָב איך געוואוסט און דאָס האָט מיך גע־

בראכט צום בעשלוס. איך האָב פערשטאַנען, וואָס אייער רעד וועט זיין, און האָב זיך מיט מיר אליין געדונגען. איך בין געשטאַנען, ווי יענער עזעל צווישען צוויי בינטלעך היי, און האָב נישט געוואוסט, ביי וועמען פון אייךביידען זאָל איך בלייבען. יעצט, אין דעם מאָמענט, האָט איהר פאַר מיר ביידע דעם גלייכען רייץ און ביידע זייט איהר מיר גלייך פרעמד. און איך האָב דערפיהלט, אז אויב עס ברענט אין מיר א פייער, איז עס נישט צו איינער פון אייך בעזונדערס, נאָר צו אייער גאַנצען מין. איך האָב מיר גלייך א פאַטש געטאָן אויפ'ן שטערן. געפונען! האָב איך אויסגערופען, איינמאָל אין לעבען ביזטו דיר קלאָר געוואָרען אין דיר אליין. און איך האָב ווייטער קלאָר און קלוג געטראַכט, ביז צום לעצטען פועל יוצא. די ליעבע, שטורמיש, מעכטיג, איז געוועזען שטענדיג די גרויסע טרייב־קראַפט אין מיר, די קוואַל פון מיין ענערגיע. יאָהרענלאַנג ביזט דו דאָס, נאַאיל, מיר געוועזען. ביז די קליינע איז אויפגעשטאַנען פאַר מיר, און דער מאַן אין מיר איז אוועק אין געפאַנגענשאַפט צו איהר. דו, קליינע, אָבער ביזט געוועזען פאַר מיר א שטיקעל טעות. דו האָסט מיין ענערגיע נישט אויפגעלעבט און מיין קראַפט נישט פעראיינגט און נישט בענייט. די אומגערעכטיגקייט געגען איהר איז ווי שווערע שטיינער געלעגען אויף מיין בעוואוסטזיין, אויף מיין גאַנצער קראַפט. מיין געוויסען אין מיר אומרוהיג געוואָרען, און א שלעכט געוויסען איז ערגער נאָך פאַר שווינדזוכט. יעצט זייט איהר ביידע מיר גלייך פרעמד, און עס ציהט מיך א ביינקענים נאָך נייע איבערלעבעניסען און נייע זיעגען. די אַלטע קראַפט, זי העבט זיך אָן אין מיר צו ריהרען, און איך פאַק מיין רענצעל מיר און געה אוועק, א פרייער מאַן, אין די גרויסע וועלט, מיין לעבען פון אָנהעב אָנצוהעבען.

די קליינע (שרייט אויף). דו ביזט משוגע!

לעם. ער נויטיגט זיך אין קאַלטען וואַסער.

גאַברי. דעם גרויסען שטורם אין מיר — איך וויל איהם

יעצט אויסשטורמען, מיין גאַנצע לעבענסקראַפט — איך וויל זי יעצט אויסלעבען. ביז... ביז... נא, וואָס, ביז?

לעם. ביז עס וועט פון דיר א שיינער תכלית ווערען.

גאבּרי. דאָס האָסטו גוט געטראָפען. (צו גאַאיל'ען.) נו, וואָס שטעהסטו אזוי ווי פון דונער געטראָפען?

גאַאיל. עס שווידערט מיך.

גאבּרי. עס שווידערט דיך? פון וואָס?

גאַאיל. וואָס האָסטו אָבגעטראַכט? אין וואָסער עלענד ווילסטו דיך אריינוואַרפען? אויף וואָס ווילסטו אוועקגעבען דיינע כחות?

גאבּרי. מיין מאַמעלע! איך ווייס, דיין גוט האַרץ שרעקט דיך. ווער וועט מיר געבען מיינע לייבשפייזען? ווער וועט מיר אייננעהען א קנעפּעל? פערצירעווען ווער וועט מיר מיינע זאַקען? און כאָפּ איך ווען א קאַטער, ווער וועט דאַן ארומטאַנצען ארום מיר? אומזיסטע זאָרגען, מיין טייערע. איך געה צוריק צו מענשען, און דער עיקר, וואו עס זיינען פאַראַן א סך פון דיינע שוועסטער. יונגע, געפּיהלפולע, ליעבענסווירדיגע. און אויסערדעם, ווען איך וויל מיך אריינוואַרפען אין א שטורם, ווי קאָן איך טראַכטען וועגען מיינע קנעפּלעך און זאָקען און מיין קאַטער?

גאַאיל. אָבער... אָבער... די יאָהרען פערגעהען דאָך?

גאבּרי. אָ, אז איך וועל אַלט ווערען!... אז איך וועל אַלט ווערען און פערביינקען זיך נאָך א היים, דערפּיהלען א נויטיגקייט נאָך א רוהיגען ווינקעל, וועל איך קומען צו איינער פון אייך און אָנקלאַפּען אין טיר און בעטען...

די קליינע. מיין טיר וועט בלייבען פאַר דיר פערשלאָסען. איך וועל ביי מיר קיין פּלאַץ נישט האָבען פאַר אויסגעלאָשענע אַלטע.

גאבּרי. דאָס האָב איך מיך געריכט. (צו גאַאיל'ען.)

גאַאיל (פייערליך). איך בלייב דאָ און וועל וואַרטען, ביז נו, און דו?

דו וועסט קומען. איך וועל אַנגרייטען פאר דיר א היים. דיין בעט וועט זיין געמאכט, דיין שטול וועט שטעהן ביים טיש.

גאברי. הורדא, איך בין שוין פערזאָרגט. לעם, געה שנעל און שפּאן דאָס פערד, איך פּאַק מיר מיין רענצעל...

לעם (געהענדיג צו דער טיר). איך בין דאכט זיך אויך א מאנסביל. נא!

די קליינע (צום אַוועקגעהענדיגען לעם). דו שפּאַן פאר מיר אויך. איך פאָהר אויך גלייך אוועק. אַ, איך וויל מיך אויך אויסשטורמען!

גאברי. גוט, טו עס. ווילסט, וועל איך דיך אונטער־פיהרען. אָבער ניין, עס איז גלייכער, אז דו פאָהרסט אליין. און בעסער נאָך, אין אן אנדער וועג.

די קליינע. אַ, דו וועסט מיך מעהר נישט זעהן. (לויפט צו איהר טיר, עפענט עס אויף, בלייבט אַ סעקונדע שטעהן, צורופענדיג איהם מיט פעראַכטונג.) ריינע נשמה! (און פערשווינדט, צומאַכענדיג די טיר הינטער זיך מיט רעש.)

גאברי. האהא. שיין איז זי אָבער צום אויפעסען. איך וועל אפשר א צייט נאָך נאָך איהר בּיינקען. — נא, איך געה מיר פּאקען מיין רענצעל.

גאאיל. און איך נעם מיך צו מיין ארבייט, צו היטען דיר דיין היים. איך וועל פלייסיג צוזעהן שטוב און שטאַל, בעזאָרגען פעלד און גאָרטען. איך און אונזערע קינדער. איך וועל ארבייטען פלייסיג, און וועל זיי מאכען פלייסיג. ארבייט גוט, מיט חשק, וועל איך זיי זאָגען: דער טאטע איז אוועק אין די ווייטע וועלט, זיין גרויסע לעבענסקראפט אויסצולעבען. דער טאטע, וועל איך זאָגען, טראָגט גרויסע שטורמס אין זיך, און ער איז אוועק זיי אויסצושטורמען, און מיר מוזען אָבהיטען איהם זיין היים. אזוי וועל איך זיי זאָגען, און מיר וועלען אלע ארבייטען גוט און פלייסיג. און אז דו וועסט קומען א היים, וועל איך דיך דורכפיהרען דורך הויז און הויף, און וואלד און פעלד, און וועל דיר זאָגען:

זעהסט, איך האָב גוט געפיהרט דיין ווירטשאַפט, נעם זי יעצט איבער און ווער ווידער בעל הבית.

גאברי (קלאַפּט איהר אויפ'ן רוקען גאַנץ געריהרט). יאָ, יאָ, דו ביזט א גוטע.

גאאיל. און פרעגען וועל איך דיך: ווי איז עס דיר גע־גאַנגען, מיין אַלטינקער? האָסטו דיין לעבען גוט אויסגענאָסען? האָסטו א סך עפּעס ערלעבט און איבערגעלעבט? האָסטו דיינע שטורמס אויסגעשטורמט? און האָסטו אונז געבראַכט א מתנה כאָטש א קליינעם פונק נאָך פון דעם פייער, וואָס האָט אין דיר געברענט? און איך וועל דיך אַוועקזעצען אויף דיין שטול, און איך ביי דיר צופוסען, און איך וועל דיר קוקען אין די אויגען אריין און... און...

גאברי. העהע... דו ריהרסט מיך פּשוט... דו ריהרסט מיך...

גאאיל. דו זאָלסט נאָר קומען! דו זאָלסט נאָר קומען!

גאברי. דיינע באַקען זיינען אזוי געררויטעלט, און זעהסט אוים אזוי יונג און שיין.

גאאיל. דאָס וועסטו מיר יעמאָלט זאָגען, יאָ? דאָס וועסטו מיר יעמאָלט זאָגען!

גאברי. העהע... (געהט צו דער טיר פון דעם שלאָפציממער.)

גאאיל (ווערט בעשעפטיגט, הייבט אָן צונויפרוקען די שטולען און נעמט אַראָב אַ פּאָר אויסגעברענטע שוועבעלעך פון טיש).

גאברי (בלייבט שטעהן אין דער טיר און קוקט זי אָן מיט בעוואונדערונג און התפעלות. פּלוצלונג גיט ער זיך אַ לאָז צו איהר, פּאַלט פאר איהר אויף די קני און קושט דעם זוים פון איהר קלייד).

גאאיל (דערשרעקט זיך אין פלוג. באלד ליוטערט זיך איהר געזיכט אויף, און זי בויגט זיך צו איהם אראָב און גלעט איהם איבער'ן קאָפּ מיט אַ ריהרענדען שמייכעל אויף די ליפּען). מיין אלטינקער! מיין אלטינקער!

# מיט זיעגערפאָהנען

א שפיעל אין איין אקט.

(אוגוסט 1908)

## פערזאָנען:

מינט.
טאַניע.
גאָרדאָן, איהר פאָטער.
די באָבע.

גאָרדאָנס רייך וואוינצימער. רעכטס צוויי מיט גאַרדינען פערהאנגענע פענסטער, לינקס צוויי טירען, הינטען אַ גרויסע טיר, דראַפּירט מיט שווערע גאַרדינען. צווישען די ביידע פענסטער אַ גרויסע קאַנאַפּע מיט שיינע אויסגענעהטע קיסען. פון ביידע זייטען קאַנאַפּע און פענסטער צוויי ארמשטולען. גאַנץ פאָרנט, אַ ביסעל אָבגעטראָטען פון דעם פאָרנ־סטען ארמשטול, אַ גרויסע וואַזע מיט בלומען. אין ווינקעל, הינטער דעם הינטערסטען שטול, אַ גרויסער זייגער. דעם מיטען צימער פער־נעמט אַ גרויסער געשניצטער טיש, אויף וועלכען עס געפינען זיך ביכער מיט צייטונגען, אַ בלומען־טאָפּ און איינגעראָמטע פאַמיליען־בילדער. פערשיעדענע ארמשטולען אין אונאָרדנונג אַרום איהם. צווישען ביידע טירען לינקס שטעהט אַ פּיאנאָ, אין ווינקעל ביי דער הינטערסטער וואַנד אַ גאָטענטישעל. פון ביידע זייטען פון דער מיטעלסטער טיר שטעהען סטאטועטקעס אויף פּיעדעסטאַלען. איבער׳ן טיש הענגט אַ גרויסער לייכטער מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. אויף די וואַנד פערשיעדענע בילדער אין שיינע ראַמען.

טאַניע (אַ מיידעל פון אַ יאָהר זיעבצעהן, מיט צוויי צעפּ אין אַ ראָד אויף די מיט אַ טויל פערקעמטע קאַסטאַניען־האָר, אָנגעטאָן אין אַ בלוזקע, גאַסען־קליידעל און געלע שיך, זיצט אויף אַן ארמשטול ביים טיש, דעם קאָפּ צווישען ביידע הענד, וועלכע זי האַלט מיט די עלענ־בויגענס אויפ׳ן טיש, קוקט געשפּאַנט אין אַ בוך, וואָס ליעגט פאַר איהר, און בעגיסט זיך מיט טרערען).

די באָבע (אַן עלטערע פרוי אין די זעכציגער, אין אַ רייכען פּעניואַר, זיצט נישט וויט פון טאַניען ביים טיש און מאַכט אַ זאָק. פלוצלונג העבט זי אויף די אויגען אויף טאַניען און קוקט זיך אין איהר איין, ווי זי וואָלט עפּיס איהרע אויגען נישט געגלויבט). נאַ, נו, דו

וויינסט דאָך גאָר! טרערען גיסען ווי די באָב, די אויגען זיינען באלד אָנגעשוואָלען. ווידער עפּיס א העכסט אינטערעסאנטער ראָמאַן? א שוידערליכע דראַמע?

טאַניע (ווישט זיך די אויגען מיט'ן טאַשענטיכעל, נישט אָב־רייסענדיג זיי פון בוך).

די באָבע. עפּיס זעהר ריהרענד, וואָס? א טרויעריגע מעשה, וואָס פערכאַפּט דעם אָטעם?

טאַניע. אָי, באָבעלע, עס איז אזוי הארצברעכענד, עס רייסט מיר ארויס די נשמה. (פערשלוקט זיך מיט טרערען.)

די באָבע. נו, זאָג־זשע מיר, וואָס איז דאָרט אזוינס. אן אונגליקליכע ליעבע געווים? זי ליעבט איהם, און ער זי נישט, וויל זי זיך דאָס לעבען נעמען, שרייבט זי איהם דעם לעצטען בריעף...

טאַניע. ניין, באָבעלע. א יונג מיידעל... ליעבט א יונגען מאַן... וועלכען איהרע עלטערן ווילען נישט... ענטלויפט זי מיט איהר געליעבטען...

די באָבע. אהא, און ער לאָזט זי נאָכדעם זיצען און פינסטערן נאָך איהרע יאָהרען און טעג.

טאַניע. ניין, איך לייען ערסט, וואו זי ענטלויפט.

די באָבע. וואָס האָסטו דאָ אזוי צו וויינען? דאָס איז דאָך אין ראָמאַן דער פרעהליכסטער מאָמענט.

טאַניע. אָבער ווי זי רעדט דערביי. זי... צוזעגענט זיך מיט איהר צימער... קוסט יעדע זאַך... און בעט... איבערגעבען א גערוס... איהרע עלטערן... זאָגען זיי, אז זי האָט זיי שטארק ליעב...

די באָבע. שטארק ליעב און ענטלויפט פון זיי. פאר אזא שטארק־ליעב לאָז איך מיך בעדאנקען. פון אזא שטארק־ליעב האַלט איך זעהר ווענינ. שטארק ליעב און צורייסט דאָס הארץ זיי אָהן רחמנות.

טאַניע. וויל זי ליעבט דאָך דעם יונגען מאַן.

די באָבע. דאָס איז אַ שיינער תירוץ. מען ליעבט שטארק די עלטערן און מען טוט זיי אָן די גרעסטע עגמת נפש, מאכט זיי אַ טיעפע וואונד אין הארצען, ווייל מען איז פערליעבט דאָרט אין דעם ערסטען בעסטען. די עלטערן זיינען די לעצטע זאך. וואָס געהען וועמען זייערע ליידען אָן?

טאַניע. ביזט מסתמא קיינמאָל נישט פערליעבט געוועזען.

די באָבע. הלואי ווייטער. איך האָב געליעבט מיין מאַן, וועמען מיינע עלטערן האָבען אויסגעקליבען פאר מיר. און אזוי האָט אויך מיין גאָטזעליגע מאמע. און דו, וואָס ווייסטו פון פערליעבט-זיין? ביזט ערסט ארויס פון דיינע קורצע קליידלעך און רעדסט מיר, ווי דו וואָלסט עפּים שוין געוואוסט?

טאַניע (פערלעגען). איך? איך רעד דאָך בלויז טעאָרעטיש.

די באָבע. טעאָרעטיש, פון די אָנגעלייענטע ראָמאַנען. האָסטו גאָר קיינמאָל נישט געלייענט, ווי טעכטער, וועלכע האָבען ווירקליך שטארק געליעבט זייערע עלטערן, האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייערע געליעבטע און געבליבען מיט די, וועלכע האָבען זיי אויפגעצויגען, אין ליעבע און אין דאנקבארקייט?

טאַניע (פערעכטליך). דאָס זיינען געוויס געוועזען שוואכע נשמות, מיידלעך אָהן כאראקטער און זעלבסטשטענדיגקייטס-געפיהל, צוגעבונדענע צו דער מאמעס פארטוך. נפשות, וועלכע האָבען מורא געהאט פאר דאָס לעבען. איך גלויב גאָר נישט אין זייער ליעבע. אזעלכע קאָנען גאָר נישט ליעבען.

די באָבע. דאָס איז מיר אַ טייערע טעאָריע. עס מוז גאָר, הייסט עס, אַ פערליעבטע ענטלויפען פון איהרע עלטערן, אויב זיי ווילען איהר געליעבטען נישט.

טאַניע (ליידענשאַפטליך). יאָ, זי מוז. ליעבע איז די העכסטע זאך. און ליעבען זיך צוויי, מוזען זיי זיך געהערען. די עלטערן קאָנען פאָדערען אַלץ פון זייער טאָכטער, ביי איהר ליעבע מוזען זיי בלייבען שטעהן. די ליעבע איז דאָס הייליגסטע אין

זייער טאַטער, דאָס קדשי קדשים. אהינצו טאָרען זיי נישט אריין.

די באָבע. טע—טע—טע—טע—טע! הער נאָר דו, ווי לאַנג ערסט האָסטו ארומגעשפּיעלט אין קוקלעס? און ווי דו דרשנ׳סט דאָס מיר איצט! מיט שיינע געדאַנקען טראָגסטו דיך ארום אין קעפּעל! וואָלסטו, הייסט עס, ענטלאָפען פון דיין טאַ־טען, ווען ער וואָלט נישט געוואָלט דעם, אין וועלכען דו האָסט דיך „פערליאָפּעט״?

טאַניע. זיכער. איך וואָלט דערביי געליטען און געוויינט, ווי די דאָ אין דעם בוך. אָבער איך וואָלט עס געטאָן.

די באָבע. דאָס איז גוט צו וויסען. האַלטסטו אפשר שוין דערביי? לאָז דיך אָנקוקען גוט. האָסט שוין דאָרטין אפשר א ליעבע? העב נאָר דיינע אויגען אויף. א קשיה אויף א מעשה. אין וועמען האָסטו דיך דאָרטין שוין פערליעבט? אין קוימענ־קעהרער אפשר?

טאַניע. אָבער, באָבע, מיר רעדען דאָך בלויז טעאָרעטיש. (מיט א קאָקעטען שמייכעל.) אָט, צום ביישפּיעל, קאָן איך נעמען און פערליעבען זיך אין מינט׳ען...

די באָבע. האַ—אַ—אַ! יעצט אָבער ווייס איך, פון וואַנען די געדאַנקען קומען צו דיר. איך האָב גאָר פערגעסען, אז דער „פריינ־ליעבעניק״ איז ביי אונז אן אָפטער אריינגעהער.

טאַניע (מיט היץ). בעשולדיגסט מינט׳ען גאַנץ אומ־זיסט! איך לייען, איך לערן, איך טראַכט, איך האָב מיין אייגענעם קאָפּ און אייגענע געדאַנקען. איך האָב אָנגעכאַפּט מינט׳ען בלויז, ווייל איך ווייס, אז דו האָסט איהם פיינד און קאָנסט נישט ליידען, וואָס ער קומט אהער, כאָטש איך פערשטעה נישט, פאַר וואָס האָסטו איהם פיינד און פאַר ווען.

די באָבע. דו פערשטעהסט נישט, פאַר וואָס און פאַר ווען! ווייל וואָס מיר איז היילינ, איז איהם נישט היילינ, מיין גאָט איז נישט זיין גאָט. א סאָציאַליסט איז ער און א פריינ־

ליעבעניק. און הער איך איהם רעדען, ווינש איך מיר, איך זאָל בעסער טויב ווערען, און וואָס נאָך בעסער, ער זאָל שטום ווערען.

טאַניע. א דאנק דיר, דו ביזט זעהר מענשענפריינדליך און ליעבענסווירדיג צו איהם. איז יעצט שטעלען מיר אונז פֿאָר, אז דער טאטע קאָן איהם אויך נישט ליידען, אזוי ווי דו, איז וואָס, מיינסטו, וועל איך טאָן? איך וועל מיך אָבזאָגען פון מיין ליעבע? וועל אונטערדריקען מיינע געפיהלען אונטער אייערע?

די באָבע. דו ווייסט! דו ווייסט! אזוי, אזוי איז עס? דו ביזט שוין דאכט זיך ווייט אוועק. איך העב שוין אָן צו גלובען, אז צווישען אייך...

טאַניע (שרייט אויף). דו האָסט גאָרנישט וואָס צו גלויבען!

די באָבע. יעצט אָבער וועל איך זעהן, ער זאָל אויפ־הערען צו אונז צו קומען. דארף איהם דיין ברודער נויטיג האָבען, וועט ער איהם קאָנען טרעפען ערגיץ אנדערש־וואו. איך האָב שוין לאנג געזאָגט, מען טאָר איהם נישט אריינלאָזען אין א שטוב, וואו עס זיינען פאראן יונגע מיידלעך.

טאַניע (מיט כעס). דו האָסט קיין רעכט נישט וועגען איהם אזוי צו רעדען!

די באָבע. אזוי און נאָך ערגער, אזעלכע מענשען זיינען א סם, א סכנה זיינען זיי אין א שטוב...

טאַניע (ווילד). דו דארפסט וועגען איהם אזוי נישט רעדען! (אין קאָרידאָר קלינגט דאָס עלעקטרישע טיר־גלעקעל).

די באָבע. איך פרעג ביי דיר גלייך, ווי איך זאָל וועגען איהם רעדען! ווי דאָס נעמט זיך א ביסעל אָן פאר איהם! ווי פערפלאָמט דאָס איז און אויפגערעגט! דו טראָג דיך גלייך ארויס פון דאנען מיט אזא געזיכט — עמיצער איז געקומען.

טאַניע. איך וועל דיך נישט לאָזען וועגען איהם אזוי רעדען. דו ווייסט איהם נישט, דו... (זי כאַפּט איהר בוך און ענט־לויפט לינקס צו זיך אין צימער דורך דער פֿאָרנסטער טיר.)

די באַבע (פערנעמט איהר אַרבייט). אויב אַזוי, דאַרף מען גלייך געהן זאָגען עס דעם טאַטען. (געהט אַוועק דורך דער מיטעלסטער טיר.)

מינט (אַ יונגער מענש פון אַ יאָהר דרייאונצוואַנציג, רעזוירט, רייך און מיט געשמאַק אָנגעטאָן, עטוואָס פון אַ קינסטלער אין דער גאַנ־צער ערשיינונג, אַיילט אַריין דורך דער הינטערסטער טיר ליבקס. ער איז קענטיג שטאַרק אויפגערעגט, קוקט זיך אַרום אין צימער, ווי ער וואָלט עמיצען געזוכט. איילט דאַן צו טאַניע'ס צימער און קלאַפּט אָן אין טיר מיט אַ געוויסער נערוואַזיטעט).

טאַניע (קומט אַרויס מיט'ן בוך). אַ, העררר מינט!

מינט. איך, איך אליין. איך בין... זעהט, איהר האָט געוויינט!

טאַניע (דורך אַ שמייכעל). אַט פון דעם בוך.

מינט. נישט מעהר? דאַן אַרט מיך נישט. איהר גיט מיר אָהער דאָס בוך יעצט... (נעמט ביי איהר דאָס בוך.) איך לעג עס אַוועק אויפ'ן טיש... (טוט עס.) און איהר קומט נעהנטער אַהער...

טאַניע (אַבגעהענדיג פון טיר). זעהט, ווי מאָדנע איהר זייט עפּיס!

מינט. טאַניע, איך בין... איך וויל...

טאַניע (ווערט אויפגערעגט און לאָזט זיך אַראָב אויף אַן אַרמשטול ביים טיש און קוקט אָן מינט'ען מיט פערוואונדערטע אויגען).

מינט. טאַניע, איך בין געזעסען היינט דעם גאַנצען טאָג און געשריבען. איך האָב אָנגעהויבען אַ נייע זאַך, די אַרבייט איז מיר געגאַנגען גוט און מיט יעדעם נייעם בלעטעל האָב איך גע־פיהלט, אַז איך שאַף אַ זעהר גוטע זאַך. מיין האַרץ האָט מיר שטאַרק געשלאָגען, דער קאָפּ האָט געאַרבייט מיט אַן אונגעוועהנ־ליכער שנעלקייט, און אין יעדעם אבר האָט עס מיר געצוקט. מאַ־מענטען האָב איך אויפגעשריען פאַר פרייד, פאַר ענטציקונג, אויס בעוואוסטזיין פון גרויסער געלונגענהייט. פּלוצלונג האָב איך אַ

וואָרף געטאָן מיין פּען און נישט געקאָנט מעהר שרייבען. אַ גע־פיהל איז מיך בעפאַלען, אַ בייַנקענד און נאָגענד געפיהל, וואָס האָט אוועקגערויבט ביי מיר די גאַנצע שאַפענסלוסט און געטריבען מיך צו טאָן נאָך אַ גרעסערע זאַך. טאַניע, אין מיטען פון מיין גרויסער שאַפונגס־בעגייסטערונג איז מיך בעפאַלען אַ בייַנקענים נאָך אייך. איך בין אויפגעשפּרונגען פון מיין זיץ, האָב אויסגע־שפּרייט מיינע הענד, גלייך די גרויסע בייַנקענים וואָלט פער־נאַנדערגעשטופּט מיין ברוסט, און איך האָב געכאַפּט מיין הוט און געלאָזען זיך צו אייך. איך בין געלאָפען, ווי עמיצ וואָלט מיך גע־טראָגען. מיין גרויס גליק אין מיין געלונגענעם שאַפען וויל איך מיט אייך זיך טיילען און ענטפּלעקען אייך מיין גרויסע ליעבע. טאַניע!...

טאַניע (לאַכט אויף קורץ, דערשראָקען, און צוואַווייגט זיך, בעהאַלטענדיג דאָס געזיכט אין ביידע הענד).

מינט (לאָזט זיך אַראָב פאַר איהר אויף די קני און וויל אוועקנעמען איהרע הענד פון איהר געזיכט). ניין, ניין, דאָס האָב איך נישט געמיינט. נישט וויינען, נישט וויינען. נעמט אַראָב אייערע הענד, לאָזט מיך זעהן אייער געזיכט, אייערע אויגען, אייער שמייכעל. ליעבט איהר מיך, טאַניע? ליעבט איהר מיך?

טאַניע. יאָ... דאַכט זיך...

מינט (שפּרינגט אויף און שרייט אַרויס אין עקסטאַזע). האַ! טאַניע! טאַניע! דיינע הענד אהער! דיין געזיכט אהער! זאָג עס נאָך אַ מאָל! זאָג עס בעשטימט!

טאַניע. יאָ... איך...

די באָבע און גאַרדאָן (קומען אַריין פון דער פאָ־טעלסטער טיר. גאַרדאָן איז אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג מיט אַ ברייטען דונקעלען באָרד, אַנגעטאָן תוימיש, אין אַ טוזשורקע).

טאַניע (שפּרינגט־אויף און שטעלט זיך ביים אַרמשטול).

די באָבע. זעהסט, ער איז טאַקע דאָ. דאָס האָט ער זיך דאָ אַזוי צו׳דרשנ׳ט. (קוקט אָן ביידען מיט חשד־אויגען.)

גאָרדאָן. גוטען טאָג, הערר מינט. וואָס האָט איהר עפּיס אזוי געשריען?

מינט (אָנכאַפּענדיג טאַניען פאַר דער האַנד). הערר גאָרדאָן, באָבע, דאָס האָט פון מיר דאָס גרויסע גליק ארויסגעשריען. טאַניע ליעבט מיך! הוררא און יוכהיי! איך האָב עס ערסט פון איהר געהערט! זי האָט מיר דאָס ערסט געזאָגט!

די באָבע (בייז). שרייט נאָך נישט אזוי! שפּרינגט נאָך נישט אזוי! עס לעבט נאָך א טאטע, און ער האָט נאָך אויך א שטיקעל דעה.

מינט. ווי? אך, וואָס! דער עיקר, זי ליעבט מיך! און דאָס איז אלץ, וואָס איך האָב געוואָלט, דאָס איז אלץ, נאָך וואָס איך האָב געביינקט.

די באָבע. און אז איהר טאטע וועט אייך כדומה למשל זי נישט וועלען געבען?

מינט. וועט ער דאָס קאָנען?... הערר גאָרדאָן, וועט איהר דאָס קאָנען, ווען איהר זעהט אזא גרויסע פרייד? וועט איהר האָבען הארץ דערצו? דאָס גלויב איך נישט! דאָס גלויב איך נישט!

די באָבע. ער מאכט זיך גאָר פאר א תם! איהר וועט עס שוין מוזען גלויבען. און זי וועל איך באלד נעמען פאר'ן צאָפּ... די טעאָרעטישע!

טאַניע (שרייט אויף). באָבע!

מינט. באָבע!...

די באָבע. איך בין אייך קיין באָבע נישט! איך בין פרוי גאָרדאָן.

מינט. רעדט נישט אזוי, בעליידיגט זי נישט, זייט א גוטע באָבע. הערר גאָרדאָן, רעדט איהר דאָך, ליעבער, טייערער...

גאָרדאָן. איך קוק און בעוואונדער אייער העזה...

טאַניע (ארויסנעמענדיג איהר האַנד פון מינט'ס האַנד, לאָכט נערוועז אויף).

מ י נ ט. מיין העזה? מיין פרייד, ווילט איהר זאָגען.

ג אָ ר ד אָ ן. איהר ווילט אונז נעמען מיט איהר, ווי דער דייטש זאָגט, אויף נומער זיכער.

מ י נ ט. וויל איך עפּיס? וויים איך, וואָס איך טו? עס שטורמט אין מיר א גרויסע פרייד, א יובהיי־געשריי, אייערע בייזע אָנגערוקטע געזיכטער האָבען עס אין מיר נישט אָבגעשראָקען און נישט איינגעשטילט. ווי דען וואָלט איהר געוואָלט, זאָל איך שטעהן דאָ איצט פאר אייך? מיט אן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ? מיט צי־טערנדיגע קני? מיט א שטאמלענדיגער צונג? האָב איך געזאָלט בעוועלטיגען איצט אין מיר מיין גרויסע פרייד, וועלכע האָט זיך צולאָזען, ווי א ווילד געוואָרען פערד, און בלייך און אָבהענדיג בלייבען שטעהן אָהן לשון און אָהן ווערטער, און ווארטען פון אייך אונטערטעניג אויף מיין משפּט?

ג אָ ר ד אָ ן. ניין. אָבער איידער איהר האָט אייך אריינ־געלאָזען אין ערקלערעניסען מיט א קליינער מיידעל, האָט איהר געדארפט קומען צו מיר און פרעגען, צו וויל איך זי אייך גאָר געבען.

מ י נ ט. וואָס?! איידער איך האָב געוואוסט, צו זי ליעבט מיך, האָב איך געדארפט קומען צו אייך און אויסבעטען זי ביי אייך, ווי עפּיס א חפץ אָהן א נשמה? איידער איך האָב געוואוסט, ווי שלאָגט איהר הארץ פאר מיר, האָב איך געזאָלט קומען צו אייך, גאַנץ אָפיציעל געווים, אין פראַק און אין צילינדערהוט, אוועקזעצען זיך מיט הארצקלאַפּעניס אויף א ברעג שטול, און איהר וואָלט מיך געפרעגט: „וואָס וועט איהר זאָגען גוטס, העדר מינט?“ און איך וואָלט אויפגעטאָן מיין מויל און מיט שטאמלען ארויס־געבראכט: „איך קום צו אייך, זעהר געעהרטער העדר גאָרדאָן, צו בעטען די האַנד פון אייער טאָכטער“, אָדער: „איך האָב די עהרע, און אזוי ווייטער“, אָדער גאָט ווייס, וואָס איך וואָלט דאַר־טין ארויסגעשטאמעלט? אָט דאָס האָב איך געזאָלט טאָן?!

ד י ב אָ ב ע. יאָ, אָט דאָס האָט איהר געדארפט טאָן!

און אז איהר אליין ווייסט נישט, וואס צו רעדען, וואלט איהר גע־שיקט א שדכן, און מיר וואלטען איהם אראבגעוואָרפען פון אלע טרעפ, וואלט איהר יעמאלט געהאט א קלארע תשובה.

טאניע (לאכט ווידער קורץ און נערוועז אויף).

מינט. און מיינט איהר, באבוניו, אז איהר וועט מיט אייערע רעד מיין פרייד כאטש אויף א האר אבשוואכען? איהר מאגט מיר נאך הארבערעס וואס זאגען, אין מיר שרייט און רופט און יובעלט: טאניע ליעבט מיך! טאניע ליעבט מיך!

גארדאן. ווי עס ווייזט אויס, זייט איהר פעסט ענט־שלאסען נישט אויסצומאכען זיך פון דעם, וואס איך וועל זאגען.

מינט. ניין, וואס איהר וועט זאגען, איז מיר זעהר וויכ־טיג. נאר וואלט איך געקומען נאך אייער ווארט נישט ווי איהר וואלט ווען. מיט פרייד־געשריי און יובעל וואלט איך מיט איהר, מיט מיין ליעבער, ליעבער טאניען, ארייגעריסען זיך צו אייך אין קאבינעט, און ביידע וואלטען מיר אייך ארומגעכאפט ארום האלז, און מיט ליארעמדיגע קוסען ארויסגעקראגען פון אייער איבערראשטען הארץ אייערע פעטערליכע ברכות.

גארדאן. איבערפאלען, איבערראשען און מיט געוואלט ארויסקריגען די ערלויבניס. דיפלאמאטיש!

מינט. דיפלאמאטיש?! איז מיין פרייד געמאכט און געקינסטעלט? זיינען מיינע גליקגעשרייען, וועלכע האבען אייך ארייגעבראכט אהער, געוועזען אבגעקלערט און אויסגעטראכט אלס א דיפלאמאטישער שריט? ווייסט איהר דאן, וואס גרויסע פרייד איז? ווייסט איהר דאן דאס גליקגעשריי פון ליעבע? אט שטעה איך פאר אייך — קוקט אין מיינע אויגען אריין, זעהט, ווי עס אטעמט שטארק מיין הארץ, פיהלט, ווי מיינע מוסקולען שפאַ־נען זיך — וואס איז דאס אלץ? געמאכטס? געקינסטעלטס? און פאר וואס זאל איך פון אייך מיין פרייד בעהאלטען? פאר וואס זאל איך קומען צו אייך מיט אונטערדריקטע געפיהלען און אן איינגעהאלטענעם געשריי?

גאַרדאַן. ווייל איך וויל אייך גאָר מיין טאָכטער פאר א ווייב נישט געבען.

טאַניע (וועלכע איז געשטאַנען, איין האַנד אויף דער בעט, און אָנגעקוקט מינט'ען מיט א מין פערזאָרגטען און דערשראָקענעם בליק, עטעמט יעצט שטאַרק אויף).

מינט. אָבער מיין פרייד איז דאך, וואָס טאַניע ליעבט מיך!

טאַניע (מאַכט א בעוועגונג, ווי זי וואָלט זיך איינגעקאָרטשעט).

גאַרדאַן. אָבער וואָס וועט איהר יעצט זאָגען, ווען איך זאָג אייך, אז איהר געפעלט מיר גאָרנישט פאר אן איידעם און איהר וועט טאַניען פון מיר נישט קריגען?

מינט. דאָס קאָן אויף מיר קיין ווירקונג יעצט נישט האָ־בען. איך בין צו פול פון דעם גרויסען גליק, וואָס טאַניע ליעבט מיך, אין מיין הארץ איז קיין פלאַץ נישטאָ פאר אנדערע געפיהלען, און מיין קאָפּ קאָן גאָרנישט יעצט בענעמען.

גאַרדאַן. איהר מאַכט אייך נישט צום נאַר. איך זאָג אייך שוין...

מינט. אין מיטען פון באַגייסטערטען שאַפען האָט עס מיך אויפגעהויבען פון אָרט און געטריבען שנעל צו טאַניען, ארויסצושטורמען פאר איהר מיינע געפיהלען צו איהר. דורך איהר קורצען יאָ זיינען מיינע געפיהלען אונענדליך נאָך געכפּלט געוואָרען. עס רוישט און קאָכט און זידט אין מיר, און אייער קאַלט ניין ווערט פאַרלויפיג אין מיר ווי אייז צושמאָלצען...

גאַרדאַן. נאַ, אויב אַזוי...

די באָבע. פערשטאָכענע אויגען עפּים!

גאַרדאַן (צו טאַניען). דו געה גלייך צו דיר אין צימער!

טאַניע (ריהרט זיך, לאַנגזאַם, רויט און בלייך ווערענדיג).

מינט (אָננעמענדיג זי פאר דער האַנד). דו געה יעצט נישט אוועק. עס האַנדעלט זיך אום דיר ווי אום מיר. דו וועסט נאָך אויך דאַרפען זאָגען א וואָרט. איך ווייס, דיין קלוגער, גוטער,

עדעלער טאַטע וועט דיך דאָך נישט וועלען בעהאנדלען ווי א חפץ.

גאַרדאַן (געהט־צו, נעמט אַן טאַניען און פיהרט זי ארויס אין איהר צימער).

טאַניע (פערבייסט די ליפען, אטעמט שווער, ווי צום פערנאַנ־דערוויינען זיך).

די באָבע. אזוי איז רעכט. שוין לאַנג געדאַרפט. פער־שליס זי אויך.

מינט. יעצט קום איך צו מיר, מיין קאָפּ העבט אָן צו בענעמען.

די באָבע. אהא!

מינט. מיין ליעבער, טייערער הערר גאַרדאַן, איך וויים, דאָס געזעץ איז אויף אייער זייט, אייער זיעבצעהניעהריגע טאָכטער איז גאַנץ אין אייער רשות, אָבער אלס עדעלער מענש, וועט איהר דאָך האנדלען נאָך דעם ווילען פון אייער קינד. און איך מוז אייך זאָגען אָפען: צו וואָס דער קאמפף? איהר וועט דאָך סיי ווי סיי גאָרנישט אויספיהרען.

די באָבע. דו הערסט ווערטער! דו הערסט?

גאַרדאַן. וואָס איז דאָס? איהר סטראַשעט מיר? איהר ווילט נאָך, הייסט עס, אריינברייגגען מיך אין בעס?

מינט. ניין, דאָס וויל איך נישט. איך וויל אייך פערהיטען פון אומזיסטע יסורים.

די באָבע. איך וואָלט געשיקט נאָך פאָליציי, אויף מיינע נאמנות.

מינט (וואַרם). ליעבער, טייערער הערר גאַרדאַן, איהר קאָנט רוהיג פערטרויען אייער טאָכטער מיינע קרעפטיגע אָרעמס. איך ליעב זי, איך קאָן אייך גאָרנישט זאָגען, ווי. גענוג, אַ לעבען גאַנץ אויסצופילען. איך בין אויך ביכולת, אייער טאָכטער אין יעדער הינזיכט גליקליך צו מאַכען. איך בין דאָך גאַנץ איבערראַשט און

ערשטוינט, אַז איהר זאָלט זיין געגען מיר. ווי איהר פּלעגט מיך שטענדיג אַזוי פריינדליך אויפנעמען...

גאַרדאָן. טאַניע איז איבערהויפּט נאָך צו יונג.

מינט. דאָס איז ביי אייך בלויז אַן אויסרעד. איהר זייט דאָך געגען מיר.

גאַרדאָן. און איהר זייט מיר אויך צו יונג.

מינט. בין איך נישט צו יונג וועלטען אויפצובויען אין מיינע ווערק — וועלכע האָבען אַרויסגערופען אייער איי־גענע בעוואונדערונג און אייער וואַרימע בעגריסונג — פאַר וואָס זאָל איך זיין צו יונג מיין אייגענע וועלט אויפצובויען? ניין, אייך דריקט עפּיס אַנדערס וואָס. זאָגט אָפען מיר, וואָס האָט איהר געגען מיר. איך בין אונאַבהייננגיג, בעמיטעלט, פון גוטער פאַמיליע, אַנשטענדיג און עהרליך, בעריהמט אפילו... איהר האָט זיך אַ קנייטש געטאָן ביי דעם וואָרט עהרליך — האָט איהר עפּיס וואָס אויסצוזעצען אין מיר בנוגע צו דעם פּונקט?

גאַרדאָן. איך האָב.

מינט (האַלט זיך קוים איין פון אויפצושרייען). הערר גאַרדאָן!.. דאָס איז נישט ריכטיג! איהר ווילט מיך בלויז בעליי־דיגען און גרייפט מיך אָן דוקא אין מיין שטאַרקסטען פּונקט.

גאַרדאָן. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אייער שטאַרקסטער פּונקט. קיין בייגעל אויפ'ן מאַרק האָט איהר נישט געגנב'עט און קיין פאַלשע וועקסלען נישט געמאַכט. אָבער ווער ווייס אייך אין הלכות נשים, אייך מיט אייער פרייער ליעבע!

מינט. אויב דאָס איז אַלץ, וואָס דריקט אייך, איז ווער איך גלייך געהאָלפען. איהר דאַרפט מיך נאָר פערשטעהן, און יעדע מורא, און יעדער ספק וועט גלייך פון אייער האַרץ פערשווינדען.

די באָבע. דו גלויב איהם נאָר. ער וויל די ציינער בלויז פּערדרעדען.

מינט. איך בין פאַר ליעבע נאָר, און יעדע ליעבע מוז פריי זיין.

די באבע. דאס איז דער סם, וואס האט ארויסגערעדט פון טאניען.

מינט. וואו ליעבע איז, איז גליק, און פריע ליעבע איז דאס העכסטע גליק. ווען איהר וואלט טאן, ווי די באבע וויל, ארייגרופען פאליציי און ארויסזעצען מיך פון אייער שטוב, איך און טאניע, מיר וועלען אונז דאך גליקליך פיהלען אין דעם בע־וואוסטזיין פון אונזער ליעבע. דאס גרעסטע גליק וועט דאס נישט זיין, ביז מיר וועלען נישט בעפרייען אונזער ליעבע פון די שטע־רונגען אויפ'ן וועג, וועלכע איהר וועט איהר שטעלען. ליעבע, ליעבע, ווי איך פיהל זי יעצט, ליעבע, וועלכע פילט אויס מיין גאנצע נשמה, וועלכע זינגט און רוישט אין אלע מיינע גליעדער, זי מוז פריי זיין, זי טאר נישט געשטערט ווערען.

גארדאן. ווייסט איהר, וואוהין אזעלכע לעהרען פיהרען?

מינט. צו גליק! צו פרייד! צו פריעדען! פערשטעהט מיך בלויז! אייך שרעקט דאס ווארט פריע, און איך זאג אייך: אין ליעבע ליעגט דער קערן. און ווען איך ליעב אייער טאכטער אזוי פול און מעכטיג מיט א ליעבע, וועלכער איך זעה קיין סוף נישט, וואס ווילט איהר אבשטעלען אייך אויף ווערטער, געגען וועלכע איהר פיהלט א מורא?

גארדאן. דאס זיינען נישט קיין ווערטער, דאס איז א לעבענסאויפפאסונג, וועלכע שרעקט מיך אב פון אייך. מארגען פערליעבט איהר אייך אין אן אנדער מיידעל, און ווידער מוז אייער ליעבע פריי זיין, ווייל איהר טארט נישט געשטערט ווערען אויף דעם וועג צום העכסטען גליק. מיין טאכטער ווערט א שטע־רונג אויפ'ן וועג, און איהר מאכט זיך פון שטערונגען נישט אויס.

מינט. איך קאן די האר אויף מיר רייסען, ווען איהר רעדט אזוי וועגען מיין ליעבע! און ווען איך פרעדיג פריע ליעבע, דאס העכסטע גליק, הייסט עס דאך נישט, אז איך מוז און אז איך בין גאר פעהיג צו פערליעבען זיך יעדען טאג אין אן אנדער מיי־דעל. דאס שליסט דאך נישט אויס ליעבע אויפ'ן גאנצען לעבען.

און געזעצט דער פאל, מיין ליעבע צו טאניען וועט אויסגעלאָשען ווערען — איך קאָן עס קוים ארויסברייננגען איבער מיינע ליפּען! — און איך פערליעב מיך — — פוי, ווי קאָן איך דאָס גאָר רעדען!

די באָבע. וואָס פאר אן אָנשטעל ער מאכט עס.

מינט. אן אָנשטעל! איך! ווען איהר וואָלט מיר א פּאטש געגעבען אין געזיכט, וואָלט דאָס מיר אזוי נישט געשמארצט, ווי דער חשד און די בעליידיגונג פון מיין אינערן מענשען. איך פערשטעל מיך נישט און מאך קיין אָנשטעל נישט. איך רעד, ווי איך פיהל, און וואָס איך וויל זאָגען, איז: איהר קוקט נאָר צו זיך גוט, ווי לעבען אלע זווגים ארום אייך און ווי האָבען זיי געלעבט פון דור און דורות. וואָס בעדייטען די אונצעהליגע גט׳ן? קאָנט איהר איבערצעהלען די אלע נארערייען הינטער׳ן רוקען פון מאן און ווייב? אין וואָס איז דען ווען געלעגען די ערבות, די פעסטע גאראנטיע פון א טרייען צוזאמענלעבען ביז׳ן טאָג פון טויט? און וועט איהר אויסגעבען אייער טאָכטער אפילו פאר א הייסען שונא פון פרייער ליעבע, וואו ליעגט די זיכערהייט, איהר זאָלט אין גיכען נישט חרטה האָבען? אין דעם ליעבען, אין דעם ליעבען־קאָנען, היים און ווארם, טריי און הייליג, ליעגט די גרעסערע ערבות, און די קאָן איך אייך ברייננגען. ענדליך קומט עס דאָך בלויז אָן אויף דעם מענשען. מיין ליעבער, טייערער הערר גאָרדאָן...

גאָרדאָן. איהר העבט מיך באלד אָן איבערצורערען.

מינט (שרייט אויף). הא!

די באָבע. וואָס! וועל איך עס נישט דערלאָזען! דו ביזט דאָך באלד נישט בעסער פאר איהם.

גאָרדאָן. ששש, מאמע, אין ערנסט בין איך דאָך קיינמאָל נישט געוועזען געגען איהם.

מינט. ווי?!

גאָרדאָן. איך אכט דעם יונגען מאן און האָב מיר קיין

בעסערען איידעם נישט געוואונשען. איך האב איהם בלויז גע־וואלט א ביסעל עקזאמינירען.

מינט (לאזט זיך צו טאניע'ס צימער, לויפענדיג און שפרינ־גענדיג). טאניע! טאניע! דער טאטע איז מיט אונז! הורראַ! קום שנעל ארויס! (ער רייסט זיך אריין צו איהר אין צימער.)

די באבע. טפו! איך וועל שוין בעסער דאַ נישט זיין. (איילט ארויס.)

מינט (אין טאניע'ס צימער). דו ליעגסט! דו וויינסט! טריקען די אויגען שנעל און קום צו דיין טאטען. וועסט הערען פון זיין מויל... וויין דאך נישט, קום, קום. (ער בעוויזט זיך אין טיר, פיהרענדיג פאר דער האנד די וויינענדיגע טאניע, וועלכע האלט דאס געזיכט פערדעקט מיט איהר טאשענטוך.) זי וויינט, די גאלדיג מיידעל, זי קאן צו זיך נישט קומען. דאס האט איהר פון אייער עקזאמען! אזוי נעשמאקלאז צו זיין! (ער זעצט זי אוועק אויף איהר פריערדיגען ארט.)

טאניע (לעגט אוועק דעם קאפ אויפ'ן טיש).

מינט (שטעלט זיך פאר איהר אויף די קני). הער־אויף דאך, גאלדיג. עפען דיינע אויגען אויף. לאז מיך זעהן דיין נעזיכט. דו זאלסט דאך יעצט גאר לאכען.

גארדאן (געהט צו צו טאניע'ן, לעגט ארויף זיין האנד אויף איהר קאפ, בויגט זיך אן און קוסט זי אויף די האר). זי וועט זיך שוין בערוהיגען. דאס וועט באלד ביי איהר אריבער. (קוסענדיג מינט'ען אויפ'ן קאפ און אויפהעבענדיג איהם פאר די אקסלען.) זייַ דו נישט אזוי אויפגערעגט. זי וועט שוין קומען צו זיך, זי וועט שוין לאכען. (קלאפט איהם אויפ'ן רוקען.) נו, נו, קוק נישט אזוי צו איהר. דו קום אהער און זאג מיר בעסער, ווי קומט עס, דו זאלסט דיך אזוי פערליעבען, דו וועלטפערבעסערער, דו ליעבסט דאך גאר די מענשהייט.

מינט. איז עס עקזאמען ווידער?

גארדאן. ניין, איך מיין, אזוי.

מינט. איך ליעב די מענשהייט און — מיין טייער מיידעל. דיביידע ליעבעס שליסען זיך נישט אויס, זיי זיינען ביידע טיילען פון מיין גאנצען איך. אָבער געווג יעצט פילאָזאָפירען. איך וואָלט אייך געבעטען בעסער, צו לאָזען מיך אליין מיט טאניען. איך האָב איהר נאָך דעם ערסטען קוס אפילו נישט געגעבען, און ער וויל געגעבען ווערען אונטער פיער אויגען.

גאַרדאָן. דו ביזט מיר אָבער...

מינט. איהר וועט שוין מיט מיר צופריעדען זיין.

גאַרדאָן. יאָ, יאָ. (קלאַפּט איהם אויפ'ן רוקען. דאַן בויגט ער צו צו זיך זיין קאָפּ און קוסט איהם אויפ'ן שטערן.)

מינט (כאַפּט אָן זיינע הענד און טרייסעלט זיי וואַרם, האַרציג, געריהרט).

גאַרדאָן (ווישט זיך אַ טרער און געהט אַרויס דורך דער מיטעלסטער טיר).

מינט (בעגלייט איהם מיט די אויגען, דאַן לאָזט ער זיך לויידענשאַפטליך צו טאַניען מיט פערנאַנדערגעשפּרייטע אָרמס). טאניע! דו גרויסע ליעבע מיינע!

טאניע (שפּרינגט אויף). ניין!

מינט (בלייבט שטעהן ווי פון דונער געטראָפען און פון האַלז רייסט זיך ביי איהם אַרויס מיט אַ מאָדנער פערשטיקטער שטימע). ניין?! — טאניע?! — וואָס זאָל דאָס הייסען?

טאניע. הערר מינט...

מינט. הערר מינט?!

טאניע (שטיקענדיג זיך דורך טרערען). איך האָב אַ טעות געהאט...

מינט (גיט זיך אַ שאָקעל ווי אַ שיכור, כאַפּט זיך אָן אַ שטול און ווישט זיך לאַנגזאַם דעם קאַלטען שווייס פון שטערן). אַ טעות געהאט?!

טאניע. איהר הערט מיך אויס... נאָר... רוהיג.

מינט (מיד). דאָס וועל איך שוין.

טאניע. איך האב אנגענומען מיינע געפיהלען צו אייך פאר ליעבע... אבער דאס זיינען געוועזען בוך־געפיהלען, ארויס־געלייענטע פון ראמאנען.

מינט (לעגט ארויף די האנד אויפ'ן שטערן איבער די ברעמען, צומאכענדיג די אויגען, און שטעהט ווי פערגליווערט, גאנץ אויפמערק־זאמקייט).

טאניע. וואס לייענט אזא נאריש מיידעל, ווי איך בין געוועזען? דאך נאר ראמאנען און ראמאנען. איך האב זיך זיי אזויפיעל אנגעלייענט, אז מיר האט זיך אויך געוואלט שפיעלען א ליעבע, ווערען א העלדין פון א ראמאן. אז איך בין נאך געוועזען פופצעהן יאהר, האב איך עס מיר שוין אריינגענומען אין קאפ. איך האב מיר גענומען פאר א העלד יעדען יונגען מאן, וואס איז אריינגעקומען צו אונז אין שטוב. אויף יעדען פלעג איך מיר זאגען, דאס איז ע ר, און אויסגעמאלט מיר אין מיין פאנטאזיע דעם ווייטערדיגען ראמאן, אן אומגליקליכען געוועהנליך, און פלעג וויינען ביטער איבער מיין אייגענער פאנטאזיע. מיט א פערכאפ־טען אטעם פלעג איך בעגעגנען יעדען העלד פון מיינע ראמאנען, אריינקוקען איהם אין די אויגען און ווארטען, ער זאל זיך מיר דערקענען אין ליעבע. איך וואלט מיך זיבער ארויפגעווארפען איהם אויפ'ן האלז און געווארט אויף דער פארטזעצונג פון מיין אבגעטראכטען ראמאן. אזוי האב איך פאנטאזירט יאהר־אויס יאהר־איין. באלד זייט איהר געווארען אויף אלע צינגער און פון אלע זייטען האט עס געקלונגען מיט אייער נאמען, און איידער איך האב אייך געזעהן, האב איך מיך שוין אין אייך פערליעבט.

מינט (אטעמט ארויס ווי ער וואלט אבגעקרעכצט). הם!

טאניע. איך האב געפאנטאזירט נאר וועגען אייך. איך האב מיר אויסגעמאלט, ווי איהר זעהט אויס, ווי איך האב זיך מיט אייך געטראפען, ווי איהר האט זיך אין מיר פערליעבט... גאנץ נאריש און גאנץ קינדיש... און אז מיין ברודער האט אייך אריינגעבראכט צו אונז אין שטוב, האב איך פאר פרייד געפאטשט

אין מיינע הענד און יענע נאכט מיט קיין אויג נישט צוגעמאכט. און מעהר און מעהר זייט איהר געווארען דער העלד פון מיין פאנ־טאזיע. איך האב געטראכט פון אייך ביי טאג און נאכט, אייער קומען פלעגט זיין פאר מיר א גרויסע שמחה. איך האב מיט חשק וועגען אייך געהערט און מיט א קלאפענדיגען הארצען געהערט רעדען וועגען אייך. איך האב שוין ווירקליך אנגעהויבען צו בייג־קען נאך אייער דערקענען־זיך מיר אין ליעבע.

מינט. און אז דאס איז געקומען?

טאניע. האב איך מיך פלוצלונג אויסגעניכטערט, אייער גרויסע ליעבע האט מיך געבראכט צו זיך.

מינט (עפענט פערגאנדער די אויגען). זי?!

טאניע. יא, זי. איך האב ערסט פערשטאנען, וואס ליעבע איז, און בעגריפען, אז מיין ליעבע איז קיין ליעבע נישט. אייער גרויסע פרייד האט אויפגעדעקט פאר מיר מיין פוסטקייט. איך האב מיך דערשפירט ווי אויסגעלעדיגט, אן אויסגעבלאזען איי. וואס מעהר איהר האט געשטורמט, אלץ שטארקער האב איך דאס געשפירט.

מינט (קרעכצט וויעדער ארויס). הם!

טאניע. איך האב מיך דערפיהלט אזוי עלענד און אזוי ביטער. א שרעק איז אויף מיר אנגעפאלען, און ווען איהר האט אזוי געיובעלט, בין איך געשטאנען און שטיל אין זיך געקרעכצט און רעכענשאפט זיך אבגעגעבען. אייער יעדער בעגייסטערטער זאץ איז געוועזען מיר א פאטש אין פנים, און דעם טאטענס אבזאג האט אויסגעזעהן מיר ווי א רעטונג. איך האב יעצט געוויינט אויף מיין גרויסען טעות און פאר בושה געגען אייך.

מינט (עטעמט ארויס). יא. (קוקט זיך ארום מיט מבולבלע אויגען, ווי ער וואלט עפיס געזוכט, רייסט זיך אב פון טיש, ווי א שיכור, און מאכט א פאר טריט צו דער ארויסגאנגס־טיר.)

טאניע (לאזט זיך וויעדער אראב אויפ'ן שטול און לאזט אראב איהר קאפ אויף די הענד).

מינט (בלייבט שטעהן, קעהרט זיך באלד צוריק אום, געהט צו צום טיש, שפארט זיך אן מיט ביידע הענד און שעפטשעט ארויס). טאניע, יעצט ווייסט איהר אבער, ווי איך ליעב אייך.

טאניע. ווען איהר וואלט מיך אזוי שטארק נישט גע־ליעבט, וואלט איך אפשר מיין פוסטקייט נישט אזוי שנעל אנט־דעקט. ערסט מיט אייער ליעבע געמאסטען, האב איך דערוואוסט, אז מיין ליעבע איז בלויז א קינדערשפיעל.

מינט. דאס ווייס איך שוין, אבער איך האב אויף מיין גרויסער ליעבע נישט חרטה. איך ליעב, ווי איך קאן.

טאניע. און ווי פערדראסיג איז עס, וואס איהר האט מיט אייער ליעבען־קאנען אנגעטראפען אויף מיר, אויף א פוסטער מיידעל, נאך גאנץ א קינד מיט קינדישע פאנטאזיעס.

מינט. איך האב דאס קינד געליעבט און די פרוי, וועלכע איז געלעגען אין איהם בעהאלטען. יעצט זעה איך פאר מיר די פרוי. זי האט זיך ארויסגעוויקעלט גאנץ פלוצלונג אזוי פאר מיר און צייגט מיר, אז איך האב מיך אין מיינע ערוואַרטונגען נישט גענארט. פון דעם, וואס איך האב פון דיר געהערט, טאניע, איז מיין ליעבע צו דיר נישט פערפלויגען געווארען. דו ווייסט, ווי איך האב דיך געליעבט, יעצט ווייס, אז איך וועל דיך ווייטער אזוי ליעבען. איך האב א צייט געטראגען די בענקשאפט צו דיר, יעצט וועל איך זי ווייטער טראגען, א גרעסערע נאך ווי פריער. איך וויל דאך אבער האפען, אז מיין גרויסע בענקשאפט נאך דיר וועט פון היינט אן פערפאלגען דיך, אויספילען דיין בעוואוסטזיין, ארייננדרינגען דיר אין דיין נשמה...

טאניע. דאס דארף נישט זיין. זאל איך מיך אין אייך אויך אן אמת פערליעבען, זאל עס קיינמאל נישט זיין אוים רחמנות. אוים רחמנות וואלט איך דאך נישט געדארפט אייך מיין טעות אויפדעקען.

מינט. איהר—זייט—גערעכט.

טאניע. די ליעבע מוז אריין אין מיין הארץ דורך ענטר־

זיאזם, מיט פערנאנדערגעלאזענע זיעגער־פאהנען. יעצט ווייס איך דאך, וואס ליעבע הייסט. איך וויל אויך אויסגעפילט ווערען פון איהר און אלץ אין מיר זאל קאנען יובלען. נישט אין קאפ זאל מיר די ליעבע זיצען, און אויך נישט בלויז אין הארצען. נאר אלץ אין מיר זאל שפרינגען, זינגען, רופען. איך וויל די אמת גרויסע בייזקענים אין מיר דערפיהלען און אלץ אין מיר זאל לעבּ־צען ווילד נאך אייך.

מינט. דאס מאכט מיין בייזקענים נאך גרעסער און וועקט אין מיר מיין גאנצע קראפט. איך ווייס, יעצט מוז איך דיך בעזיעגען.

טאניע. איך פיהל, איהר האט געברויכט יעצט דאס ריכּ־טיגע ווארט.

מינט. און איך וועל דיך בעזיעגען. עס האט אין קראפט מיר קיינמאל נישט געפעהלט, און דער קאמפף אום דיר, דאס פער־לאנגען נאך דיין ליעבע וועט מיין קראפט פערדאפלען. איך קעהר מיך יעצט אום צו מיין אנגעהויבענער ארבייט און וועל מיר זאגען: דער אנהעב איז זעהר גוט, ער איז דיר שטארק געלונגען, צוריים איהם און מאך איהם בעסער נאך. דו שרייבסט דיין ווערק, אום טאניען צו בעזיעגען, איהר ליעבע צו געווינען: דו מוזט וואס גרויסעס שאפען.

טאניע. ניין, טוט עס נישט. אן עבירה דאס, וואס איהר האט שוין אנגעשריבען.

מינט. דאס טויג נישט. דאס מוז צוריסען ווערען. איך בין געקומען צו דיר גאנץ פול פון דעם, וואס איך האב אנגעשרי־בען, און האב דיך דאך נישט בעזיעגט. דאס איז געוועזען נישט שטארק גענוג. איך וועל מיינע כחות יעצט פערדאפלען און — וועל זיעגען. טאניע, איך וועל זיעגען! איך וועל אויספילען דיין גאנץ וועזען, ווי איך בין פול פון דיר, און קאפ און הארץ און אלע גליעדער וועלען יובלען פאר ליעבע צו מיר.

טאַניע. הלואי. וואָס ווייס איך? ווער און וואָס קאָן מיך בעזיעגען — ווייס איך עס?

מינט. איך ווייס עס. איך! נאָר איך! די נשמה, וועלכע איך, מינט, קאָן ליעבען, קאָן קיין אנדערן נישט ליעבען, ווי מיך נאָר, מינט'ען.

טאַניע. דו... איהר זייט אָבער זעלבסטבעוואוסט.

מינט. דאָס בין איך אויך! מיט פרעהליכען געמיט געה איך יעצט צו מיין ארבייט און ווייז ארויס א קראפט, וואָס זאָל דיך ווי שיכור מאכען. (שטרעקט אויס צו איהר זיין האַנד.)

טאַניע (אַריינלעגענדיג איהר האַנד אין זיינע). וואָס מאכט מען אָבער דערוויילע?

מינט. וואָס מיינסטו?

טאַניע. וואָס זאָגט מען דעם טאַטען?

מינט. דאָס? הם... איך נעם דאָס אויף מיר. איך געה גלייך צו איהם און זאָג איהם: מיין ליעבער, טייערער הערר גאָרדאָן, מיר האָבען א טעות געהאט. איך האָב אין אייער טאָכ־טער בלויז דאָס קינד בעזיעגט און געוואונען. יעצט מוז איך געהן און פאַרבעריימען זיך און שטארק ארבייטען, אום אין איהר די פרוי צו בעזיעגען און געווינען. איך געה צו איהם. (פרייסעלט איהר שטאַרק די האַנד.) גרייט דיך פאָר, איך וועל דיך בעזיעגען.

טאַניע. ווי דיינע אויגען גלאַנצען! און שטארק ביזטו.

מינט (עטעמט אַרוים שטאַרק). אדיע, טאַניע! (וויל א קוס טאָן איהר האַנד, האַלט זיך אָבער אָב.) ניין, נישט אזוי וויל איך מיין טאַניען קוסען. (לאָזט אָב איהר האַנד.) אדיע! (לאָזט זיך שנעל צו דער מיטעלסטער טיר.)

טאַניע. וואַרט! (זי ווערט רויט און העבט אָן שווער צו אָטמען.)

מינט (דרעהט זיך שאַרף אום און קוקט זי אָן מיט לויכטענ־דיגע אויגען).

טאניע (שטאמעלט). נארנישט. איך האב דיך נאך א מאל געוואלט זעהן.

מינט. טיק זעה מיך. טיק קוק מיך גוט אן. אט שטעה איך דא פאר דיר מיט אלץ, וואס איך האב אויפגעטאן ביז אהער, און מיט אלע ווייטערע מעגליכקייטען אין מיר. קוק מיך גוט אן, דעם זיעגער איבער דעם קינד אין דיר, דעם בעפרייער, וואס האט דיין נשמה בעפרייט פון די לעצטע קינדערייען. קוק מיך אן גוט. קוק מיך אן מיט דיין נייער, דיין בעפרייטער נשמה. (ער בלייבט רוהיג שטעהן, דורכדרינגענדיג זי מיט זיינע אויגען.)

טאניע (עפט זיך איין אין איהם מיט די אויגען, ווי זי וואלט עפיס אריבערגענומען פון איהם צו זיך, און אטעמט שווער, וועד־ליג אויף איהרע ליפען בעוויזט זיך ביסלעכווייז א גליקזעליגער שמייכעל. א לייכגערע ווילע קוקען ווי זיך ביידע אזוי אן).

מינט (מאכט ענדליך א טריט צו איהר און שעפטשעט ארויס). יעצט זאג מיר, וואס זאל איך געהן זאגען דעם טאטען.

טאניע (קוקט איהם נאך אלץ אן ווי פריער און ענדליך שעפטשעט זי ארויס). ווי שיין דו ביזט. — און דיינע אויגען, ווי זיי שטראלען. — עס שטראמט קראפט פון דיר ארויס.

מינט. דאס זאל איך זאגען דיין טאטען?

טאניע. ניין, דאס זאג איך מיר. ערסט יעצט, דאכט זיך, זעה איך דיך. און יעצט ערסט ערלעב איך דיך.

מינט (שרייט אויף מיט גרויסער פרייד). טאניע!

טאניע. איך פיהל, ווי דו דרינגסט אריין אין מיין נשמה, צולעגסט דיך ברייט אין קאפ און הארצען. דאכט זיך, איך קאן יעצט אויך יובלען! איך קאן יעצט אויך יובלען!

מינט. טאניע! (זיי קוקען זיך א ווילע אן געזיכט צו געזיכט, מיט פערכאפטען אטעם, דאן כאפט ער זי ארום און זיי גיסען זיך צונויף אין א לאנגען קוש.)

# ליעבּעם קרומע װעגען

דראמע אין פיער אקטען.

(3—9 אויגוסט, 1918.)

## פערזאנען:

נחום קאפלאן.
מרס. קאפלאן, זיין מוטער.
רייטשעל קאפלאן, זיין קוזינע.
חנה ניסין.
לינא לעסער.
בענעדיקט לעסער, איהר פאטער.
זעלצער.
אלבערט פארמאן.

אין ניו יארק, אין דער מלחמה־צייט.

# ערסטער אַקט.

דאָס עסצימער ביי די קאַפּלאַנס אין אַ בעסערען בעל־הביתישען אַפּאַרטמענטהויז. אין הינטערגרונד אַ ברייטע טיר, פון וועלכער מען זעהט דאָס פּאַרצימער מיט דער אַריינגאַנגסטיר. רעכטס הינטען אַ גרויסע טיר, וועלכע פיהרט אין פּאַרלאָר און אַנדערע צימער, אנטקעגען איהר ליננקס די טיר, וועלכע פיהרט אין קיך. אין מיטען צימער אַ גרויסער טיש, איבער וועלכען עס הייגגט די יעצט ברענענדיגע עלעקטרישע לאַמפּ. זעקס שטולען מיט הויכע ווענטלעך ארום דעם טיש. רעכטס אַ גרויסער בופעט, לינקס אַ סאָפאַ. נישט ווייט פון איהר אַ גרויסער פאַטערשטול; נישט ווייט פון דעם בופעט אַ שאָקעלשטול.

ריטשעל (זיצט אויף דעם שאָקעלשטול, די הענד פערוואָרפען אויף הינטען איבער די פּלייצעס אויף די ווענטלעך פון דעם שטול, שאָקעלט זיך און זינגט שטיל אונטער דער נאָז די מעלאָדיע פון איינעם פון די ערסטע פּאָפּולער געוואָרענע מלחמה־ליעדער. — עס קלינגעלט. זי הערט זיך אויף פּויל און געהט עפענען די טיר).

זעלצער (קומט אריין). שאַלאָם!

ריטשעל. העללאָ!

זעלצער. נחום אין דער היים?

ריטשעל. ער דארף באַלד קומען.

זעלצער. אָה, ער דארף באַלד קומען! זיין „באַלד“! — מסתמא וועל איך דאָ דערווייליגע קאָנען איבערלייענען אָדער אָבּשפּיעלען א ראָמאַן פון פינפאונצוואנציג טויזענד ווערטער.

ריטשעל (אפּאַטיש). וואָס וואָלט איהר געוואָלט בעסער?

זעלצער. ווי מיינט איהר? קומט, לאָמיר קיין צייט נישט פארלירען.

רייטשעל. ווער וועט צעהלען די ווערטער?

זעלצער. מיר וועלען אָנגעהן אויף שטום־לשון. איהר ווילט?

רייטשעל. איהר זייט דאכט זיך אַן ערנסטער מענש?

זעלצער. העבט זיך אָן. איינער מאָג זיין אַן ערנסטער מענש, אָבער א שיינע מיידעל איז א שיינע מיידעל.

רייטשעל. א דאנק פאר דעם קאָמפּלימענט. איהר קאָנט איהם מאכען מיסס גיסין.

זעלצער. אָה, ווי בייז!

שווייגען.

רייטשעל (שאָקלענדיג זיך אויף דעם שאָקעלשטול). פאר וואָס האָט איהר נישט געקאָנט פערליעבען אין זיך מיסס גיסין?

זעלצער (זעצענדיג זיך אויף דעם פאטערשטול). פאר וואָס האָט איהר נישט געקאָנט פערליעבען אין זיך נחום'ען?

רייטשעל (נאָך א קליינער פּאוזע). איך ווינש נאָר, ער זאָל אָנטרעפען א דריטע און פערליעבען זיך אין איהר און לאָזען מיסס גיסין שטעהן.

זעלצער. וואָס וועט אייך ארויסקומען דערפון?

רייטשעל. און מיר דוכט, אז עפּעס קומט פאר...

זעלצער. וואָס? ביי וועמען?

רייטשעל. ביי איהם. און דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט. זי מאָג זיך ריכטען.

זעלצער. אז איך וועל אייך גוט בעטען, וועט איהר מיר זאָגען, וואָס איהר ווייסט?

רייטשעל. איך ווייס גאָרנישט.

זעלצער. איהר ווייסט.

רייטשעל. איך קען איהם בלויז צו גוט. איך דאַרף נאָר א קוק טאָן אויף איהם.

זעלצער. איהר זייט א שלעכטע, מיסס קאפלאן.

רייטשעל. זאָל זיין! ראַבע איז זיס. זאָל זי וויסען, זי מיט איהר שטילקייט און גוטסקייט. אָבער איהר, דער גוטער, האָט זיך יעצט אויך אָנגעכאַפּט. איך האָב אייך גאָר א נייע נשמה אריינגעזועצט.

זעלצער. נישט אמת. איך מאַך מיר קיין געדאַנקען נישט. איך ווייס, וואו איך האַלט אין דער וועלט. איך בין גע־באָרען געוואָרען א הונד צו זיין. א טרייער הונד. זיין צו עמיצען צוגעבונדען און פאַרטיג. איך ווייס גאָר אפילו נישט, צו בין איך פערליעבט. איך בין בלויז צוגעבונדען. פארגעסט נישט, אז איך האָב א שוואַך האַרץ, א האַרצפעהלער, לא עליכם. האָב איך אָב־געמאכט מיט'ן לעבען: דו טשעפּע מיך נישט, איך טשעפּע דיך נישט. איך בין א זייטיגער. אָבער פאַר איהר... פאַר איהר וועט מיר שטאַרק וועה טאָן, אויב איהר האָט געטראָפען. עס האָט מיר עפּעס א שטאָך געטאָן אין האַרצען. ניין, ניין... ניין! דאָס טאָר נישט געשעהן.

רייטשעל. האַהאַ! און איך בעט יעדען טאָג און יעדע שעה, דאָס זאָל געשעהן. איך וואַרט שטענדיג מיט דער גרעסטער אונגעדולד, ביז ער קומט א היים, איך זאָל קאָנען א קוק טאָן אין זיינע אויגען... (עס קלינגעלט. רייטשעל געהט עפענען די טיר.) איך וועל מיך נישט וואונדערן; אז דאָס קומט זי יעצט. (עפענט די טיר.)

חנה גיסין (קומט אַריין). גוט אָוועגט, מיסס קאפלאן! שאלאָם, זעלצער!

זעלצער. שאלאָם, חנה!

חנה (אַרומקוקענדיג זיך). איז נחום אין דער היים נימאַ?

זעלצער. ליידער בין איך בלויז דאָ.

חנה. וואו איז מרס. קאפלאן?

רייטשעל. די מומע איז אויבען ביי מרס. ווינאָדסקי. מרס. ווינאָדסקי איז עפּעס נישט געזונט.

חנה. וואָס קוקט איהר מיך עפּעס אזוי אָן, זעלצער?

זעלצער. ווי קוק איך אייך דען עפּעס אָן?

חנה. ווי ווען איך וואָלט מיין שאָטען פארלאָרען.

זעלצער. אָדער ווי ווען אייער שאָטען וואָלט זיך אויפ־געהויבען הינטער אייך א גרויסער, גרויסער...

חנה. לאָמיך א קוק טאָן. (דרעהט זיך, ווי זי וואָלט וועלען כאַפּען דעם אייגענעם שאָטען.) גאָרנישט מיט גאָרנישט.

רייטשעל. איך וועל ארויסגעהן א קוק טאָן, פאר וואָס די מומע האָט זיך דאָרטין אזוי פארזעסען. איהר וועט דאָך נישט אוועקגעהן, ביז נחום וועט קומען. ער וועט באלד קומען. ער האָט טעלעפאָנירט. (געהט ארויס.)

חנה. זי האָט מיך פיינט. פאר וואָס האָט זי מיך פיינט, זעלצער?

זעלצער. פאר דאָס, פאר וואָס איך האָב געוואָלט פיינט האָבען נחומען, און אפשר מיט מעהר רעכט.

חנה (זעצט זיך אויף דעם שאָקעלשטול). אָבער איהר האָט דאָך נחומען נישט פיינט. איהר זייט איהם דערזעלבער גוטער פריינד. פאר וואָס זאָל עס אנדערש זיין? און זי האָט נישט מעהר רעכט. ער האָט זי קיינמאָל נישט געליעבט, און איך האָב אפילו נישט געוואוסט, אז איך שטעל זיך איהר אין וועג. אָבער ווייסט איהר, זעלצער, איך וואָלט מיך אין נחומען פערליעבט, אפילו ווען ער וואָלט געווען פערהייראט. איך וואָלט איהם אָבער נישט צוגענומען פון זיין ווייב — ניין, זאָל גאָט היטען! — וואָלט גאָרנישט געטאָן אוועקצונעמען איהם. ער וואָלט גאָר ביי מיר קיינמאָל נישט געוואוסט, אז איך ליעב איהם. איך וואָלט מיך ארומגעטראָגען שטילערהייט מיט מיין וואונד אין הארצען..

זעלצער. ווי — איך.

חנה. מירביידע זיינען טאַקע גלייכע נאַטורען.

זעלצער. הונד־נאַטורען.

חנה. ווי? — יע. טאַקע... אָדער ניין — נישט אזא

פערנלייך. קלינגט מיר שלעכט. איך ליעב אזוי שטארק, מיט מיין גאנצער נשמה...

זעלצער. און אז ער זאל נעמען און פערליעבען זיך אין אן אנדערער, וועט איהר די אנדערע נישט פיינט האבען?

חנה (שוידערט אויף). איך וויל עס גאר נישט דענקען. אבער איך ווייס געוויס, איך וועל די אנדערע נישט פיינט האבען. איך וועל איהר ווינשען אל דאס גוטס. שוין דערפאר אליין... שוין דערפאר אליין, וואס... אך, איך וויל עס גאר נישט דענקען!

זעלצער. איך ווייס, אז איהר וועט אזוי טאן. — מיר זיינען גלייכע נאטורען. — פאר וואס־זשע האט איהר זיך אין מיר נישט פערליעבט?

חנה. נו, פאר וואס?

זעלצער. א מענשענס הארץ איז א רעטעניש.

חנה. עס האט מיר דאס הארץ וועה געטאן פאר אייך, אבער...

זעלצער. עס האט זיך נישט געליעבט. פשוט. אט דאס שטיק מענש האט נישט אנגעריהרט, נישט פארטשעפעט, כאטש מיין מאמע האט מיך געהאלטען פאר דעם שענסטען בחור פון ווילנא ביז סאן פראנציסקא, און כאטש מיר זיינען געוועזען אזוי אפט צוזאמען, געהערט צו איין פעראיין, קיינמאל נישט פער־נאנדערגעגאנגען זיך אין די מיינונגען....

חנה (צוגעהענדיג צו איהם. מיט געבעט). נישט אזוי טרויעריג.

זעלצער. טרויעריג? איהר האט א טעות, דאס קאן איך נישט, אפילו איך זאל וועלען. איך בין שטענדיג לוסטיג. איבערהויפט זינט מיין הארצפעהלער, גיט עס נישט קיין פרעהד־ליכערען מענש פאר מיר. מיין גאנץ לעבען איז געווארען א וויץ, און איך בענעם מיך ווי א וויץ, פיהר מיך אויף ווי א וויץ...

חנה. אה, הערט'אך אויף! — זאגט מיר בעסער... זאגט

מיר, פאר וואס האט איהר מיך פלוצלונג נעפרעגט, וואס איך וואלט געטאן, ווען נחום וואלט זיך פערליעבט אין אן אנדערער?

זעלצער. נו, איך האב געוואלט וויסען, צו איהר ווערט נישט — —

חנה. איז דא עפעס... האט איהר עפעס נישט... וויסט איהר עפעס...

זעלצער. איך וויים אבסאלוט גארנישט.

חנה. ווען האט איהר געזעהן נחומען?

זעלצער. א דריי־פיער וואכען. פאר וואס פרעגט איהר דאס?

חנה. גארנישט.

זעלצער. האט איהר עפעס בעמערקט? (די פרויס־גאנגטיר ווערט אויפגעעפענט.)

נחום (קומט אריין). העללא, חנה! העללא, זעלצער! (זיי ענטפערען. זיי געבען זיך די הענד. ער קוקט זיך ארום מיט א געוויסער אונגעדולדיגקייט.) איהר זייט דא נאר אליין? וואו איז די מאמע?

חנה. אויבען ביי מרס. ווינאדסקי.

נחום. ביזט שוין לאנג דא? (צו זעלצערן.) ביזט דו שוין לאנג דא?

זעלצער. וואס מאכט עס אוים? אבי איך האב דער־לעבט צו זעהן זיך מיט דיר.

נחום. דארפסט עפעס האבען צו מיר?

זעלצער. אז נישט האב איך נישט געטארט צו דיר קומען? איך האב דיך שוין לאנג נישט געזעהן. האסטו נישט געביינקט נאך מיר? איך האב מיך שוין שטארק פערבייגקט נאך דיר.

נחום. א דאנק דיר פאר דער פריינדליכקיים. אבער איך וועט זיך מיט דיר, אז דו האסט צו מיר א „זעהר וויכטיגע" אנ־געלעגענהייט. קום ארוים מיט דער שפראך. בילעטען?

ז ע ל צ ע ר. מילא, האָסט געטראָפען. איך האָב טאקע בילעטען צו פערקויפען. מיר מאכען א גרויסע אונטערנעמונג. אין מאנהעטען אָפּעראַ־הויז. די בעסטע קרעפטען. זינגער, שפּיעלער, רעדנער, פאָרלעזער. איין בערימטהייט גרעסער פאר דער אנדערער.

נ ח ו ם. וויפיעל בילעטען און וואָס איז דער פּרייז ?

ז ע ל צ ע ר. דו ווילסט, ווי איך זעה, פּטור ווערען פון מיר. איך וועל אויסנוצען די געלעגענהייט און מאכען געשעפט. קויפּ־סטו צוויי בילעטען, וועל איך זיצען נאָך א שעה. קויפסטו צעהן, וועל איך גלייך אוועקגעהן. קויפסטו גאָרנישט, געה איך גאָרנישט אוועק.

נ ח ו ם. גיב מיר צעהן.

ז ע ל צ ע ר (קוקט איהם אָן . פּאוזע). איך פאַרקויף נאָר די טייערע.

נ ח ו ם. גיב מיר צעהן בילעטען.

ז ע ל צ ע ר. צוויי־דאָלארדיגע.

נ ח ו ם. דאָס וועט זיין אַן איינפאַכער רויבער־איבערפאַל. אָבער דו קריגסט א טשעק.

ז ע ל צ ע ר. רויבער נעמען נישט קיין טשעקס. באַר געלד.

נ ח ו ם. האָב איך נישט. איך שווער דיר, אז איך וועל איהם נישט סטאָפּען. (זעצט זיך ביים טיש און שרייבט דעם טשעק.)

ז ע ל צ ע ר. חנה, וואו קריג איך נאָך אזעלכע פּלעצער, וואו מען וויל מיך נישט האָבען און מען זאָל מיר גוט בעצאָהלען פאר מיין אוועקגעהן ? — נו, וואָס זייט איהר עפּעס אזוי, חנה ? איהר ווייסט, מיר האָבען פערגעסען צו רעדען וועגען דער מלחמה.

נ ח ו ם. אָט האָסטו דיר דעם טשעק.

ז ע ל צ ע ר. דו פרעגסט אפילו נישט אויף וואָס פאר א צוועק. איך האָב מיך צוגעקליבען צו דעבאַטירען מיט דיר. אפשר וואָלסטו גאָר...

נ ח ו ם. איך וויל נישט וויסען. דו האָסט'אָך שוין דעם טשעק.

זעלצער. פערשטעהסט, מיר געהען אונטערנעמען —

נחום. דאס איז שוין נישט עהרליך.

זעלצער. האסט מיך זעהר נייגיריג געמאכט. פאר מיין שוואך הארץ פאסט טאקע אזוי נייגיריג געמאכט צו ווערען. איך וועל אויסגעהן פון די כחות, איך בין א בעלן אומקערען דיר צוריק דעם משעק.

נחום. נודניק!

זעלצער. שאלאם! — פאר וואס האב איך ניט ארויס־גערעדט הונדערט בילעטען?

נחום. וואלט איך דיך ארויסגעווארפען. שאלאם! און „סטעפ לייוולי"!

זעלצער. שאלאם, חנה! זייט איהר צוגעגרייט עפעס וויכטיגעס אויסצוהערען און אויפצונעמען?

חנה. שאלאם, זעלצער. איך בין צוגעגרייט.

זעלצער. רבונו של עולם, זאל ד א נאר קיין מלחמה נישט דערקלערט ווערען — אין מחשבות'ען, וואס דענקסטו עפעס וועגען קאנסקריפשאן?

נחום (אויפעפענענדיג די ארויסגאנגסטיר). די טיר איז אפען. ארויס מיט דיר!

זעלצער. ווארט, איך האב דיר געוואלט עפעס זאגען וויכטיגעס, זעהר וויכטיגעס. איין מאמענט. ווארט. אה, יא. איך האב דיר געוואלט זאגען, אז איך האב דיך ליעב, אז דו ביזט א גוטער, עהרליכער מענש, אז...

נחום. געה צום — — ! (שטופט איהם ארויס און מאכט צו די טיר.) נודניק! (נעמט ארויס א פאפיראס און פערראויכערט, לאנגזאם, בעקלערענדיג עפעס.)

חנה (קוקט נאך אלע זייבע בעוועגונגען. פאוזע). האסט מיר עפעס וויכטיגעס צו זאגען, וואס דו האסט איהם משלח געווען? — דארפסט נישט לאנג טראכטען, קאנסט עס מיר זאגען. — אבער צוערסט וויל איך אויפמאהנען פון דיר א חוב.

נחום. אַ חוב?

חנה. ווייסט אפילו נישט, וואָס דו ביזט מיר שולדיג.

נחום. אַ קוש.

חנה. אוהום. אָבער ווי דו האָסט עס ארויסגערעדט.

נחום (אַננעמענדיג זי פאר דער מאָרדע). איך וועל דיר געבען צעהן קוסען, איך וועל דיך אויסקוסען ווי גרויס דו ביזט...

חנה. נאר?..

נחום. דו זאָלסט איצטער אוועקגעהן.

חנה. איך זאָל...? דו ערוואַרטסט דאָ עמיצען?

נחום. יאָ.

חנה. און איך דארף איהם אָדער זי נישט זעהן?

נחום. דו דארפסט איהם און זי נישט זעהן.

חנה. אַ מאַן און אַ פרוי וועלען קומען צו דיר?

נחום. ניין, אַ האָן און אַ הון!... דו ביזט'אָך אַ קלוגע — צו וואָס דארפסטו פרעגען איבעריגע קשיות?

חנה. ענטשולדיג. איך בין נאָר אַ ביסעל אויפגערעגט און צושטרויט געוואָרען.

נחום. וועסטו אוועקגעהן?

חנה. איך וועל מיט געוואלט נישט בלייבען. מוז איך אָבער גלייך אוועקגעהן?

נחום. גלייך.

חנה. און דו קאָנסט מיך אפילו נישט געהן בעגלייטען?

נחום. ניין. איך קאָן יעצט פון שטוב נישט אוועק. גיב איך וועל דיך גוט אָנקוסען...

חנה. ניין, די קוסען וויל איך נישט. זיי וועלען זיין ווי די צוואַנציג דאָלאַר פאר זעלצער'ס צעהן בילעטען. קויף־קוסען. צאָהל קוסען... (שווידערט.) ניין!

נחום. קינדיש.

חנה (נעמט איהם פלוצלונג אַרום). מיין ליעבער! זיסער!

הארציגער! (קוסט איהם שטערן, באקען, נאז, מארדע.) דארף איך וויסען, ווער דער מאן און די פרוי זיינען?

נחום. דאס איז א גאנץ געמיינע נייגיריגקייט.

חנה (פראגט צו איהרע ליפען צו זיינע און פרעסט אויף זיי ארויף א לאנגען קוס, פון וועלכען ער האט זיך עטליכע מאל געוואלט בעפרייען, אבער זי האט איהם נישט אבגעלאזען. — עס קלינגעלט).

נחום (שטופט זי אב פון זיך כמעט ברוטאל, איז א ביסעל פערלארען, ביז צוגרייפבייסענדיג די ציינער, און געהט ענדליך צו דער טיר, ארויסשעפטשענדיג). האסט דא יעצט נישט געדארפט זיין. איך האב דיין רוה פאר דיינע עקזאמענס נישט געוואלט צושטערען.

חנה (וועלכע האט איהם די גאנצע צייט אנגעקוקט מיט גרויסע שרעק־אויגען, שרייט כמעט אויף ביי זיינע לעצטע ווערטער).

נחום (עפענט אויף די טיר).

לינא לעסער (קומט אריין).

חנה (ציטערט אויף).

נחום (ארויסקוקענדיג אין האל). וואו איז פאפא?

לינא. ער האט דא עפעס א פריינד אין נעכסטען הויז, איז ער אויף א ווייל אריין.

נחום. לאזט מיך אייך פארשטעלען: מיסס גיסין — מיסס לעסער.

לינא. זעהר אנגענעם.

חנה (שמעהט גאנץ פערגליווערט).

נחום (צו חנה'ן). וועסט אזוי פריינדליך זיין...

חנה (עמעמט דערשראקען אויף).

נחום. אזוי פריינדליך זיין און אראבשיקען מיר די מוטער. מרס. ווינארסקי וואוינט איבער אונז פוירסט פלאר פראנט רעכטס. ווילסטו?

חנה (קוים ארויסרעדענדיג). איך וועל אזוי פריינדליך זיין. (שטערצפול, מיט צוזאמענגעביסענע ציינער, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ א „גוד בייי" צו לינא'ן, געהט צו דער טיר).

נחום (וויל זי אננעמען ביים אָרם און אַרויסבאַגלייטען).
חנה (וווייכט איהם אויס מיט א ליידענסבליק און געהט ארויס).
לינא (לאכט אויף).
נחום. ווילסטו זיך נישט זעצען?
לינא (זעצט זיך אויף דער סאפא). איך פארשטעה.
נחום. און איך וועל גארנישט בעהאלטען.
לינא. וועט זי נישט אַנקלאָגען פאר „בריטש אָף פּראָמיס"? אך, דאָס וואָלט געוועזען שיין! א גרויסע סענסאציע!
נחום. ליידער וועט זי דיר דאָס פערגניגען נישט פאר־שאפען. זי איז א גרויסארטיג מיידעל. איז די אנשטענדיגקייט אליין. די בעשיידענהייט אליין.
לינא. און די ווילסט זי פארלאָזען?
נחום. צוליעב דער ערליכקייט, וועלכע איך האָב אָנגע־טראָפען אויף מיין וועג.
לינא. און צוליעב אריינגענומען ווערען אלס מיטגליעד אין מיין טאטענס פירמע.
נחום. דאָס זאָלסטו נישט זאָגען. איך בין נישט שולדיג, וואָס דיין טאטע איז רייך און איך בין זיין פעהיגער געשעפטס־פיהרער, און ער וויל מיך אין זיין פירמע. און דו ביזט אזוי שיין און ערליך, און איך האָב אויגען און א הארץ, וואָס קאן ריעזיג פיעל ליעבען —
לינא. דאָס איז שרעקליך!
נחום. מיר פארשטעהען זיך איינס דאָס אנדערע, לינא.
לינא. אָה, יא. מיר פארשטעהען זיך גוט. מיר געהען מיט אָפענע אויגען.
נחום. אָבער דאָס וויל איך, זאָלסטו איינמאָל פאר אַלעמאָל וויסען: מיין אריינטרעטען אין דיין טאטענס פירמע שפּיעלט א גאנץ קנאפּע ראָליע אין מיינע בעציהונגען, אין מיינע געפיהלען צו דיר.
לינא. א קנאפּע ראָליע, אָבער דאָך א ראָליע.

נחום. לינא!

לינא. אז מיך ארט נישט. אבי מיר קאָנען אזוי גוט ליעבען.

נחום. אָבער איך פיהל מיך בעליידיגט. ווען איך האָב מיך אין דיר פערליעבט, האָב איך נישט גע׳חלומ׳ט, אז דער טאטע וועט מיך וועלען אין געשעפט, און נישט געטראכט, אז ער וועט מיך וועלען פאר אן איידים, און נישט געטראכט, אז דו וועסט זיך נאָר פארליעבען אין מיר. דארפסטו האָבען דיין טאטענס רייכטום, אז מען זאל זיך פארליעבען אין דיר? דו! (דריקט זי צו זיך צו.)

לינא. איך ווייס אָבער ווירקליך נישט, פארוואס איך האָב מיך פארליעבט אין דיר.

נחום. ווייסט עס ווירקליך נישט?

לינא. אלבערט פארמאן איז דאכט זיך נישט מיאוסער פאר דיר. פיליכט נאָך שענער. און שטיינרייך איז ער.

נחום. איך בין אָבער אזויפיעל אינגער.

לינא. ער זעהט זעהר יונג אויס.

נחום. איז פאר וואָס האָסטו זיך טאקע פארליעבט אין מיר?

לינא. דאָס איז, וואָס איך וואָלט געוואָלט וויסען. פיליכט איז מיר בעשערט געווען צו פערליעבען זיך אין דעם טאטענ׳ס שאָופער, האָב איך מיך פערליעבט אין דיר. פיליכט ווייל דו ביזט א ברונעט, און איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען פערליעבט אין א ברונעט.

נחום. צו דענקען, אז איך וועל זיצען אזוי לעבען דיר און האלטען דיך ארומגענומען און קוסען דיך און ווערען פון דיר גע־קוסט — דו הערליכע! עס איז באלד ווי א חלום.

לינא. און איך קאָן מיר עס אויך עפעס נישט פאָרשטעל־לען. איך האָב שטענדיג נאטירליך פאנטאזירט פון גרויסען רייכטום, און זאָל גאָר נעמען און פערליעבען זיך אין מיין טא־טענ׳ס געשעפטספיהרער...

נחום. זאָג מיר עפּעס גוטעס, וואַרמעס, האַרציגס...

לינא. זאָג מיר, וואָס פלעגט יענע דיר זאָגען.

נחום (אונאנגענעם בעריהרט). דאָס דאַרפסטו נישט אָנ־ריהרען. זאָג מיר עפּעס אייגענעס. פון דיין האַרצען אַרויס, פון דיין אייגענער ליעבע אַרויס.

לינא. דו ווערסט פּאַטעטיש.

נחום (מיט געבעט). לינא!

לינא. איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט. מי האָט נאָר צו מיר גערעדט. איך האָב ליעב געקוקט צו ווערען, בעדריקט צו ווערען. נאַ, דאָ איז מיין באַק — נעם מיך אַרום —

נחום (כאַפּט זי ליידענשאַפטליך אַרום).

לינא. דריק מיך, ברענענדיג, ליידענשאַפטליך, מיט דיין גאַנצער, גאַנצער ליידענשאַפט — — דו שוואַרצער — — דו פייערדיגער — — דו טייפעל, דו! — — אַט אזוי א — — דאָס האָב איך ליעב! און נישט גערעדט. ווערטער זיינען נאַרנישט. זיי האַלטען נאָר אָפּ די ליפּען פון עטוואָס אַנדערס... האַהאַ! אַט אזוי א — — נאָהנט, נאָהנט, דער הייסער אָטעם, דער קלאַפּענ־דיגער פּולס, דער ליפּען־ברען — ד אָ ס איז שטאַרק, ד אָ ס איז הערליך, ד אָ ס איז מיין ליעבע. און דו טוסט עס אזוי גוט. איך האָב עס געפיהלט אין דיר. אין דיינע אויגען, דו טייפעל דו, אין דיינע ברענענדיגע אויגען, אין דיינע שוואַרצע האָר, אין די ווינקלעך פון דיין מויל...

נחום. און דאָס איז די קראַפט, וועלכע האָט מיך צונע־צויגען צו דיר — — אָט די ליידענשאַפט אין דיר. זי האָב איך ביז דיר נישט געפונען.

לינא. אָבער ווייסטו, ביי מיר אין צימער איז עס בעסער. מעהר אַטמאָספערע. עס איז אָבער גאַנץ גרויסאַרטיג, וואָס דיין מאַמע איז ניטאָ אין דער היים און וואָס פּאַפּא האָט דאָ אַ פריינד — — וואו איז דיין צימער? (עס קלינגעלט.) טררררר... האָב איך געדאַרפט דערמאַנען פּאַפּאַ? דאָס איז ער גאַנץ געוויס.

נחום (מאכט שנעל צורעכט זיינע האר און עפענט אויף די טיר).

בענעדיקט לעסער (א מאן פון א יאהר עטליכע און פופציג, דיק און אסטמאטיש, קומט אריין). אט בין איך דא. געזאגט גאר: „האו דו יו דו, ווי געהט׳ס, העללא און גוד ביי״ — — און אוועק, העהעהע — — וואו איז די מיסים, די מאמע?

נחום. זי איז אויבען ביי א קראנקער שכנה. איך וועל זי גלייך אראברופען. זעצט זיך. איך וועל מאכען ליכט אין פארלאר. ווי? (געהט אהין.)

לעסער (זעצט זיך אין שאקעלשטול). מאכט ליכט אין פארלאר. מאכט ליכט אין בעדרום. מאכט ליכט אין אלע צימער. איך האב ליעב ליכטיג. אומעדום מוז ליכטיג זיין. איך האב פיינט פינסטער. פינסטער איז גוט פאר גנבים. און איך האב מורא פאר גנבים, העהע... איז דערפאר מוז שטענדיג ליכטיג זיין. אומעדום. אין אלע צימער. איך זאל נישט דארפען ליכטיג מאכען, ווען איך קום אריין. די ליכטיגקייט מוז מיך בעגעגענען, העהעהע...

נחום (קומט ארויס פון פראנטרום). ווילט איהר אריין...

לעסער. צו וואס? עס זיצט זיך דא אויך גוט. אבער ליכטיג דארף זיין אומעדום. וואס דארף איך, אז פון פארלאר זאל ארויסקוקען אויף מיר פינסטערניס? איך האב פיינט פינסטערניס. איך האב פיינט פארמאכטע טירען. ליכטיג זאל זיין. העל און אפען. ווייט אפען, העהע... וויפיעל צימער האט איהר דא? מסתמא האט איהר מיר עס שוין א מאל געזאגט.

נחום. זעקס.

לעסער. זאלבאוויפיעלט זייט איהר? דאס מסתמא האב איך אויך שוין א מאל געהערט.

נחום. די מאמע, א קוזינע און איך.

לעסער. אה, יע. אה, יע. — — טאקע גאנץ גענוג.

לינא. א יונגע קוזינע?

ל ע ס ע ר. העהעהע... אָט וואָס איהר איז נוגע.

נ ח ו ם. און א שיינע אויך.

ל י נ א. און פערליעבט?

נ ח ו ם. ווי געוועהנליך.

ל ע ס ע ר. ווי געוועהנליך... העהעהע... ווי געוועהנליך... ווער אין וועמען? העהעהע... נא, געהט רופט די מאמען. וועל זאָגען האו דו יו דו, שייקען הענדס, העלאָ און גוד ביי. געהט רופט זי.

נ ח ו ם. איהר וועט מיר ענטשולדיגען. איך וועל נאָר ארויפשפרינגען.

ל ע ס ע ר. שור... שור... שפרינגט, פליהט, העהעהע... איהר מאָגט אונז דאָ לאָזען אליין. נישקשה. עס איז ליכטיג אין די צימער, איז גוט. און איך פערזיכער אייך, מיר וועלען גאָרנישט אוועקשלעפען, העהעהע...

נ ח ו ם. א מינוט נאָר. (אָב.)

ל ע ס ע ר. א וואוילער יונג... א וואוילער יונג...

ל י נ א. צו וואָס אָבער האָבען מיר געדארפט קומען אהער? איך פיהל מיך דאָ נישט גוט. וואָלטסט'אָך געקאָנט שיקען דאָס אויטאָמאָביל נאָך איהר. וואָלסטו בעקאנט געוואָרען...

ל ע ס ע ר. און איך דארף די בעקאנטשאפט מיט זיין מאַמען? שוטה, העהעהע... דו פערשטעהסט נישט מיין כונה. איך האָב געוואָלט זעהן, ווי ער וואוינט. איך נעם איהם אריין אין געשעפט, מאך איהם פאר א פארטנער און אן איידים, האָב איך געוואָלט וויסען, אויף ווי ווייט איז ער געוועזען א גנב אלס מיין געשעפטפיהרער, העהעהע...

ל י נ א (לאַכענדיג). אָה, פאפא, ווי קאָנסטו!...

ל ע ס ע ר. דאָס מאכט נישט, העהע... איצטער וועל איך מיך דורכגעהן א ביסעל איבער די צימער, מאכען אן אינספּעקציע, מי קאָן לייכט דערקענען... (געהט אין פארלאָר.) אָט קוק איך ארום דעם פארלאָר... אויב דאָס איז א פארלאָר, האָב איך מורא

אריינצוגעהן אין בעדרום. מע מוז מסתמא שפרינגען אין בעט איבער'ן ווענטעל, העהעהע.... (זיין שטימע דערווייטערט זיך. מען הערט זי, אָבער מען פערנעמט נישט קיין ווערטער.)

לינא (ציהט זיך אויף איהר זיץ, צושפרייט די הענד מיט צוגעמאַכטע אויגען, איבערלעבענדיג א געוויסע זיסיגקייט).

לעסער (ווערט נעהנטער. מען הערט שוין ווידער, וואָס ער רעדט). אָט אזוי האָב איך געזעהן, געמאכט אן אינספעקציע. (ארוינקומענדיג.) ווייסט, ער איז זעהר אן עהרליבער מענש. ער איז א סך עהרליבער, ווי איך האָב געדענקט. (זעצט זיך צוריק אין שאָקעלשטול.) דאָס הייסט, געדענקט האָב איך, אז ער איז א שטיקעל גנב, העהעהע... ווארום ווער איז נישט קיין גנב?... און פאר וואָס טאקע נישט א ביסעל צו'גנב'ענען? העהעהע... עס איז ביזנעס, פערשטעהסט, העהעהע... אָבער ער איז א גרונד עהרלי-בער מענש. אההה, איך האָב זיך אויף דעם גאַרנישט געריכט! ווען איך וואָלט איהם נישט געקענט, וואָלט איך געזאָגט, אז ער איז א גרויסער טיפוש. דו ביזט דאָך נישט געוועזען אין די אנדערע צימער? די איינפאַכקייט אליין... גראַד אזוי דארף לעבען א מענש מיט זיין אינקאָם, אויב ער וויל נאָך אָבשפּאָרען א פּאָר דאָלער... איך זאָג דיר... איך בין פשוט געריהרט... קום גיב מיר א קוס....

לינא (ציהט צו איהם די ליפּען און „קוסט" איהם פון דער-ווייטענס).

לעסער. און צוגעהן ביזטו חולה? העהעהע... (מרס. קאפלאן און נחום קומען אריין. לעסער און לינא שטעהען אויף.)

נחום. אָט דאָס איז מיין מאַמע. און אייך האָב איך איהר שוין פאָרגעשטעלט אונטער די אויגען אויף די טרעפּ. (זיי געבען זיך די הענד.)

לעסער. האו דו יו דו, מרס. קאפלאן, האו דו יו דו. עס פרעהט מיך זעהר.

לינא. גוד איוונינג, מרס. קאפלאן.

מרס. קאפלאן. זעצט זיך. ווענט איהר אפשר וועלען מיט מיר טיי טרינקען?

לעסער. ניין. איך האב געזאגט: נאר קומען, בעקאנט ווערען, שייקען הענדס, האו דו יו דו, העללא און גוד ביי.

לינא. איהר זעהט מיך אוים, מרס. קאפלאן.

מרס. קאפלאן. ביי א קראנקער פריינדין געוועזען. כמעט דעם גאנצען טאג. וואוינט איבער אונז.

לעסער. עס האט מיך זעהר געפרעהט, מיסיס קאפלאן, עס האט מיך זעהר געפרעהט. מיר וועלען זיך שוין זעהן עפטערס, העהעהע... מיר וועלען זיך שוים זעהן א סך. אייער זוהן וועט ווערען ביי מיר שני למלך, העהעהע... און א האלבער בן מלך... אן אנגעהייראטעטער בן מלך, העהעהע... וועט איהר האבען אן אויטאמאביל... וועט איהר פאהרען צו מיר, וועל איך פאהרען צו אייך... און דער עיקר וועלען מיר זיך טרעפען ביי זיי, ביי די דא אויף שמחות, העהעהע...

לינא (כאפט אן נחום׳ען פאר א האנד און ענטלויפט מיט איהם אין פארלאר).

לעסער. האבען זיך פערשעמט, זיינען פערשוואונדען... זאלען זיי... מיר זיינען אויך א מאל יונג געוועזען, העהעהע... העי, איהר דארטין, נאר נישט צו לאנג, העהעהע... מיר איז שווער צו שטעהן, העהעהע... (צו מרס. קאפלאן.) מיר איז טאקע שווער צו שטעהן. אסטמא. שוים איבער פינף יאהר. קיין דאקטאר קאן נישט העלפען. בין געוועזען א געזונטער מענש, ווי אן אקס. און איצט... נאר עפעס... מע—ע—ע, ניטא קיין אטעם!

מרס. קאפלאן. זעצט זיך דא צו נאך א ווײלע.

לעסער (זעצענדיג זיך). יא. יא... די חתונה... איהר ווילט עס דאך מסתמא וויסען... חתונה וועלען מיר פראווען — — אט מיר וועלען זעהן, ווי וועט זיין מיט דער קאנסקריפשאן. מי׳ט שוים מוזען מסתמא איבערווארטען די מלחמה. יעמאלט קומט ער אויך אריין אין מיין פירמע. יעמאלט אי בן מלך אי שני למלך,

העהעהע... אי, די מלחמה! ווער'ט זיך געקאָנט ריכטען? שוין באלד דריי יאָהר.... אָה!... אָבער וואָס זאָגט איהר צו ניקאָליי־קען, הא?... הערט איהר, איך האָב מיין גאנצע אסטמא פארגע־סען און האָב זיך געלאָזען טאנצען, העהעהע. עס איז ביי מיר דער גרעסטער יום טוב געוועזען, העהע... העי, העי, איהר דאָר־טין, דאָס איז שוים אָבער צו לאנג! לאָזט עפּעס אויף אַן אנדער טאָג אויך, העהעהע....

ליננא (קומט שנעל ארויס פון פארלאָר, שטארק פערפלאָמט, גיט די האַנד מרס. קאפלאן). גוד ביי, טייערע מרס. קאפלאן! (כאפּט לעסערן.) קום!

לעסער. ווארט! ווארט! מיך העבסטו נישט אויף אזוי שנעל. צו מיר דארפסטו האָבען א „דעריק", העהע... א העבּ־מאשינע... גוד ביי, מרס. קאפלאן. מיר וועלען זיך שוים זעהן און זעהן, אבי נאָר יאָהרען. (צו נחומ'ען, וועלכער שטעהט אין פארלאָר־טיר.) א גוטע נאכט, „ען"!

ליננא. ער וועט אונז בעגלייטען צום אויטאָמאָביל.

לעסער. נאָך ווייניג געוועזען, עה? העהעהע.... אָבער נאָר צום אויטאָמאָביל. העהעהע... (אַלע דריי אָב.)

מרס. קאפלאן (בעגלייט זיי ביז צו דער טיר, וואו זי בלייבט שטעהן און קוקט ארויס. מיט א מאָל גיט זי זיך א כאפּ, גיט א פיהר מיט די הענד איבער די אויגען און געזיכט, און רעדט ארויס). קומט אריין, חנה. זיי זיינען אוועק. ער איז זיי געגאנגען בע־גלייטען צום אויטאָמאָביל. מסתמא וועט עס זיין א ביסעל וויימער.

חנה (קומט אריין טרויעריג, פערצאָגט, קוקט זיך ארום אין צימער, ווי זי וואָלט זיך מיט איהם צושיידט. דאן רעדט זי שוואך ארויס). נו?

מרס. קאפלאן. עס איז שוין אן אבגעמאכטע זאך, מיין טאָכטער.

חנה. ווען? ווי?

מרס. קאפלאן. איך ווייס נאך אליין גארנישט. אויף די טרעפ האט ער מיר ארייננעכאפט צו דערצעהלען, אז ער ווערט א שותף אין געשעפט. מר. לעסער האט מיר עפעס דא אויך א זאג געטאן וועגען דעם.

חנה. איז וועגען געלט!

מרס. קאפלאן. איך העב איהם נישט אן צו בעגרייפען.

חנה. פערקויפען זיך און פערראטען מיך!

מרס. קאפלאן. איך האב נאך מיט איהם נישט גערעדט. איך וועל נאך מיט איהם מוזען רעדען.

חנה. אהההה! (פערוואוּרפט די לינקע האנד אויפ'ן קאפ און בעהאלט דאס געזיכט אין דער בויגונג פון דעם ארם.)

מרס. קאפלאן. איך וועל איהם זאגען, וואס איך דענק פון דעם. איך וועל איהם זאגען, אז זיין טאטע וואלט דאס נישט געטאן, אז די קאפלאנס האבען עס קיינמאל נישט געטאן. געלט האט נאך קיינמאל ביי אונז קיין ראלע נישט געשפיעלט. איך וועל איהם זאגען, אז מען טאר זיך אזוי לייכט נישט שפיעלען מיט א מענשענס הארץ.

חנה. אה, ניין! זאגט איהם גארנישט וועגען מיר. איך לייד יעצט נישט פאר מיר. איך טראכט נאר, ווי האב איך געקאנט אין איהם אזוי גענארט זיין. פערקויפען זיך... אהההה... פערקויפען זיך...

מרס. קאפלאן. אה, יע, יע, יע... עס איז מיר געוועזען, ווי ער וואלט מיר געגעבען מט א דובינע איבערן קאפ. איך ווייס נישט, צו האב איך דא צעהן ווערטער ארויסגערעדט. איך ווייס נאר אפילו נישט, צו האב איך זיי א גוטע נאכט געזאגט. איך האב עפעס געקוקט אויף נחומ'ען און האב איהם נישט דערקאנט. ווי ער'ט זיך עפעס געהאלטען. גאר נישט ער. אן אנדערער גאר, אן אויסגעביטענער. און זי...

חנה (עטעמט שווער אויף, היסטעריש).

מרס. קאפלאן. א פרעמדע. עפעס א ווייט פרעמדע...

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.) ניין... איך האָב געמוזט טראַכטען וועגען איך... נישט טראַכטען, נאָר איך האָב די גאַנצע צייט געפיהלט... אוי!... טאָכטער מיינע, פאַר וואָס? פאַר וואָס? אזא טייער קינד, אזא וואוילע און אזא שיינע...

חנה (היסטעריש, אויגהאַלטענדיג דאָס וויינען, וויל אַרויס־לויפען, אָבער אין דערזעלבער צייט ווערט די טיר אויפגעעפענט, און זי ענטלויפט שנעל אין פּאַרלאָר).

נחום (קומט אריין גוט אויפגעלעגט, בלייבט אָבער שטעהן פערוואונדערט, בעמערקענדיג די פערשווינדענדיגע פיגור). ווער איז דאָס געוועזען? חנה? (וויל געהן אין פּאַרלאָר.)

מרס קאַפּלאַן (האַלט איהם אָפּ). געה נישט אריין, מיין זוהן. קום אהער. איך האָב נאָך מיט דיר נישט גערעדט.

נחום. מאמעלע, איך ווייס, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגען.

מרס. קאַפּלאַן. דו האָסט עס געמוזט דערפיהלען אויף די טרעפּ, ווען דו האָסט מיר אָנגעזאָגט די בשורה. איך בין שיער נישט אומגעפאַלען.

נחום. איך האָב שטענדיג געוואוסט, וואָס דיינע געפיה־לען וועלען זיין און וואָס דו וועסט מיר זאָגען. דערפאַר האָב איך דיך געשטעלט פאַר אַן אָבגעמאַכטע זאַך. פאַרטיג. באַסטאַ. נישטאָ וואָס צו רעדען.

מרס. קאַפּלאַן. ווי דו האָסט די זאַך ביי דיר אזוי לייכט אָבגעמאַכט! זוהן מיינער, זאָג מיר, ווי זאָל איך צוקומען צו דיין הארץ, צו דיין געוויסען.

נחום (מיט געבעט). אָה, מאמא!

מרס. קאַפּלאַן. זוהן מיינער, ווייסטו, אז דו ביזט ביי מיר אַן איינאונאיינציגער?

נחום (פערדריסען, געהט צו און לעגט אַרויף דעם אָרם אָרום דער מוטער). אלזאָ?

מרס. קאַפּלאַן. איך האָב קיינעם נישט אויף דער

וועלט אויסער דיר. דו ביזט מיין גאנץ לעבען, מיין גאנצע ליעבע, מיין אלץ. ווי זאל איך דיך קאָנען ווייטער ליעבען אזוי שטארק, אזוי מיט'ן גאנצען הארצען, מיט מיין גאנצער נשמה, אזוי עהר־ליך און אזוי טריי, נאָכדעם ווי דו טוסט אָב אזא זאך? ווי זאל איך דיר קאָנען קוקען גלייך אין די אויגען? ווי וועל איך דיך קאָנען צודריקען צו מיין הארץ, אז אין הארצען וועל איך גאָר טראכטען פון דיר, ווי פון א פערברעכער?

נחום. מאמע, דאָס וואָרט איז נישט שיין.

מרס. קאפלאן. ווי דאָס, וואָס דו האָסט אָבגעטאָן. זוהן מיינער, צוברעכסט נישט נאָר זי, צוברעכסט אויך מיך. און צוליעב וואָס? צוליעב געלט!

נחום. צוליעב געלט?!

מרס. צוליעב וואָס דען אנדערש? זוהן מיינער! (עס קלינגעלט.)

נחום (געהט עפענען די טיר).

אלבערט פארמאן (קומט אריין). האו דו יו דו, מר. קאפלאן.

נחום (פערוואונדערט). האו דו יו דו.

פארמאן. ערשטוינט, וואָס? — איז דאָס אייער מוטער? איך האָב די עהרע — מר. פארמאן.

מרס. קאפלאן. זעהר אנגענעם.

פארמאן. איך האָב געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדען, מר. קאפלאן.

מרס. קאפלאן (מאכט א שריט צו דער פארלאָר־טיר).

פארמאן. אָבער איך גלויב, אז איהר קאָנט דאָ בלייבען, מרס. קאפלאן. וועט איהר ערלויבען צו בעטען אייך, מיר זאָלען אלע זיך צוזעצען?

נחום. ביטע.

פארמאן. איהר וועט מיר ענטשולדיגען מיין צו־היימיש־קייט. איך בענעם מיך ערגיץ נישט בעסער. קאָן איך רויכערן?

נחום (טראָגט איהם אונטער זיינע פאפּיראָסען).

פּאָרמאן. א דאנק. (נעמט א פּאפּיראָס.) מיט אייער ערלויבניס, מאדאם. (פערראיכערט אָן דער שוועבעלע, וועלכע נחום טראָגט איהם אונטער, די אויגען נישט אָבווענדענדיג פון נחום'ען. נאָך די ערסטע פּאָר ציג, צודריקט ער די פּאפּיראָס אין דעם אשבעכער.) דאָס איז געוועזען מיין פּאָרדערע. יעצט וועל איך אריבערגעהן צום פּונקט. מר. קאפּלאן, איך וויל צו אייך רעדען ווי א מאן צו א מאן. אָבער דער קאָפּ און דאָס הארץ פון דער עלטערער פרוי, אייער מוטער, קאָנען דאָ אויך א סך העלפען. איך וויים, אז דאָ זיינען ביי אייך יעצט געוועזען מר. און מיסס לעסער. איך וויים, אום וואָס עס האנדעלט זיך. האָב איך בעשלאָסען נישט אָבצולעגען לאנג און מאכען די אטאקע אויף אייך גלייך, אזוי שנעל ווי מעגליך. אפשר ווייסט איהר: איך ליעב מיסס לעסער. איך ליעב זי שוין א צייט מיט יאָהרען. לעצטענס האָב איך שוין געהאט יעדען גרונד צו ריכטען זיך אויף ערפאָלג. האָט איהר זיך אריינגעמישט. איהר זייט געוועזען דער גליקליכערער. איהר מוזט א סך מזל האָבען ביי פרויען. איך האָב מיך אויך נישט גע־קאָנט בעקלאָגען — (צו מרס. קאפּלאן.) איהר וועט ענטשולדיגען די אָפענהייט, מאדאם! (צו נחום'ען.) אָבער דאָס מאָל האָב איך פערלאָרען. איהר זייט דער גליקליכערער, דער שטארקערער. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך געה אייך ווייטער זאָגען. ווי איך פערשטעה, איז ביי אייך די גאנצע אנגעלעגענהייט נאָר א געשעפטזאך —

נחום (שפּרינגט אויף). וואָס?!

מרס. קאפּלאן (שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ).

פּאָרמאן. אזוי פערשטעה איך עס, אזוי פערשטעהען עס אלע. איהר ווערט אריינגענומען אין מר. לעסער'ס געשעפט. דאָס מיינט גרויסער רייכטום, א שיינע שטעלע אין דער ביזנעס־וועלט...

נחום. איהר'ט מיר ערלויבען צו שליסען דאָס געשפּרעך.

פאַרמאַן. איך וועל אייך בעטען נאָר אַ ביסעל געדולד. איך פערשטעהע, עס איז אונאנגענעם צו הערען אזעלכע זאכען. אָבער איהר האָט זיך דאָך געדאַרפט ריכטען אויף דאָס. די וועלט וויים, אַז איהר האָט געהאַט אַ זעהר שיינע כלה, אַ זעהר וואוילע מיידעל, אָבער אַן אָרמע...

נחום. איהר געהט צו ווייט, מיין הערר!

מרס. קאַפּלאַן. מר. פּאַרמאַן געהט נישט צו ווייט. דו מוזט זיצען רוהיג און הערען, וואָס די וועלט האָט דיר צו זאָגען. עס איז לייכט אַ מאַמען נישט צו פאָלגען, אָבער עס איז זעהר שווער אויפצונעמען מיט דער גאנצער וועלט.

נחום. די וועלט וויים גאָרנישט.

פּאַרמאַן. איז אייער כלה אַן אויסגעטראַכטע זאַך?

נחום. דאָס געשפרעך איז געשלאָסען.

פּאַרמאַן. געדולד. — — איך וויל אייך מאַכען אַן אָנ־באָט. איהר ווייסט, אַך בין זעהר רייך — —

נחום (מיט געשלאָסענע אויגען און געשלאָסענע פויסטען). מאַמע!

פּאַרמאַן. וויל איך ביי אייך אָבקויפען אייער צוקינפ־טיגען טייל אין לעסער'ס געשעפט. נאָך מעהר, איך וועל אייך אויפעפענען פּונקט אַזאַ געשעפט און אייך איבערגעבען די מאַיאָ־ריטעט שערס...

נחום (ווילד). איהר זייט ביי מיר אין שטוב, איז די איינציגע זאַך, וואָס איך קאָן טאָן, איז נאָר אויפעפענען די טיר ווייט און ברייט און בעטען אייך, איהר זאָלט גלייך ארוים!

מרס. קאַפּלאַן (מיט אַן אויפגעלויכטענעם געזיכט שפּריזט אוים די הענד, ווי אין אונערוואַרטעטער, אונגלויבליכער האָפנונג און טיעפען דאַנק).

פּאַרמאַן (נאָך אַ לייגערען שווייגען, שטעהט אויף). איהר'ט מיר ערלויבען צו בעטען אייער ענטשולדיגונג פאַר מיר און דער וועלט. מיר האָבען אַלע אַ טעות געהאַט.

מרס. קאפלאן (טראָגט אונטער איהר טאַשענטוך צו די אויגען, ווישט זיך די אַנגעלאָפענע טרערען, שטעהט אויף און געהט אַרויס אין פארלאָר).

פאָרמאן. איך בין געקומען נישט צו בעליידיגען אייך. א טעות, ווי איהר זעהט, האָט מיך געבראַכט אהער, און מיין אונ־אויסלעשליכע ליעבע צו מיסס לינא. איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט נישט געטאָן, אבי זי נישט פערלירען. דאָס איז א קאטאַ־סטראָפע אין מיין גאנצען לעבען. זייט איהר א מאָל פערלאָזען געוואָרען? אויב נישט, פרעגט ביי אייער כלה, ווי איהר איז צו מוט. די ערד שאָקעלט זיך אונטער די פיס, מען פערלירט דאָס גלייכגעוויכט. איהר וועט מיר ענטשולדיגען — — (לעגט ארויף די הענד אויפ'ן געזיכט.) איך קאָן עס דאָך גוט בעגרייפען, אז מען זאָל זיך אין לינא'ן פערליעבען, נישט טראכטענדיג וועגען די קאַ־פיטאלען פון איהר פאָטער. (אראָבנעמענדיג די הענד.) איז עס ביי אייך דער פאל?

נחום. איהר ווייסט מיין ענטפער.

פאָרמאן. דאָס איז געקומען אזוי שטארק איבער אייך, אז איהר האָט פערגעסען אייער כלה...

נחום. און איך האָב מיין כלה שטארק געליעבט. און אלץ, וואָס איך האָב ווען געערעדט צו מיין כלה פון מיין גרויסער ליעבע צו איהר, איז געוועזען אמת. אָבער מיין געפיהל צו מיסס לעסער איז אָנגעקומען ווי א שטורם אין מיר, און וואקסט און וואקסט אין מיר, האָט דאָס פריערדיגע גאנץ ארויסגעריסען, אויס־געוואָרצעלט... (האקט אָב.)

שווייגען.

פאָרמאן. מר. קאפלאן, איהר ווייסט, אז מיר וועלען דאָ האָבען קאָנסקריפשאָן?

נחום (קוקט צו איהם אויף אין פערוואונדערונג).

פאָרמאן. מי'ט נעמען ביז איינאונדרייסיג יאָהר. איך

בין ווייט איבער איינאונדרייסיג, איהר זייט אונטער איינאונ־דרייסיג.

נחום. וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?

פאַרמאַן. אז איהר וועט אוועק אין סאָלדאַטען און אוועקגעשיקט ווערען אין דער מלחמה.

נחום. דאָס וואָלט איך אפשר אָהן קאָנסקריפּשאָן.

פאַרמאַן. מיינט איהר, אז מיסס לעסער וועט — אויסהאַלטען?

נחום. דאָס איז אינסינואַציע!

פאַרמאַן. אָה, איך קען לינא'ן צו גוט. פּרובירט א טראַכטען, אפשר וועט זיך אייך לוינען...

נחום. איהר זעהט אַלץ פון דעם שטאַנדפּונקט פון אייער געלטזאַק, און דאָס איז זעהר שמוציג. אויב מיסס לעסער וועט נישט אויסהאַלטען, וועט איהר זי האָבען גאַנץ אומ־זיסט. איך וועל אָבער זאָרגען דערפאַר, אז זי זאָל יאָ אויס־האַלטען. אפשר ווייסט איהר נאָך נישט, וואָס הייסט שטאַרק געליעבט צו ווערען. דאָס ליעגט אין מיר, מר. פאַרמאַן.

פאַרמאַן. וועל איך מיך מוזען טרייסטען מיט לינא'ס גליק. גיט איבער אייער מוטער מיין גוד ביי. (פערבויגט זיך און געהט אַוועק.)

נחום (קוקט אַ ווייַלע אויף דער טיר, נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס, קלאַפּט איתם אויפ'ן פּאַרטסיגאַר).

חנה (קומט אַרויס פון פּאַרלאָר מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ. פאַרבייגעהענדיג פאַרביי נחומ'ען, פאַלט זי צו צו זיין האַנד מיט אַ לאַנ־גען קוש, און געהט דאַן לאַנגזאַם אַרויס).

נחום (קוקט איהר נאָך מיט גרויסע אויגען).

## צווייטער אַקט

דאָס זעלביגע צימער. מרס. קאַפּלאַן, חנה און רייטשעל זיצען און שטריקען.

מרס. קאַפּלאַן. ווער האָט זיך דאָס גאָר געקאָנט ריכ־טען? אין אַמעריקא זאָל מען דאַרפען געהן דיענען! וואָס זאָל איך ווינשען דעם דייטש? — — וואָס פאַר אַ פייער ער האָט אָנגעמאַכט אויף דער וועלט. איך האָב זיך נאָך קיינמאָל נישט געשאָלטען, אָבער פאַר ווילהעלמען וואָלט איך עפּעס אויסגעזוכט די שווערסטע קללה. געוועזען אַ רוהיגע וועלט, מענשען האָבען געלעבט אין שלום און אין שלוה, דאַרף זיך איהם פאַרוועלען איינ־נעמען די גאַנצע וועלט, און ברייגגט אום אַזויפיעל מענשען, איוי־געגע און פרעמדע, מיליאָנען מענשען, מאַכט חרוב גאַנצע לענדער, ברייגגט אָן אַזויפיעל צרות און עלענד, שלעפּט אויך אַריין אַזאַ רוהיג לאַנד ווי אַמעריקא און אַזאַ רוהיג הויז ווי די קאַפּלאַנס.

רייטשעל. די גאַנצע מלחמה האָט זיך דאָך מסתמא אָנגעהויבען צוליעב די קאַפּלאַנס.

מרס. קאַפּלאַן. דו לאַך נאָר. איך ווייס, אַז די מלחמה איז אַלעמענס צרה, אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ טרייסט פאַר אַ מאַמעס האַרץ? און איך ווייס דאָך, אַז דער דייטש מוז גוט אָנ־געלערנט ווערען און אויף דאַרויף מוז מען האָבען סאָלדאַטען. אָבער ווען איך גיב אַ טראַכט וועגען נחומ׳ען, פיהל איך, אַז איך ענדיג זיך. זאָל גאָר נישט צוגעקומען ווערען, וואָס איך טראַכט אַלץ איבער. צייטענווייז דאַכט זיך מיר טאַקע, אַז אָט מיר דאָ זיינען דער מיטעלפּונקט פון דער וועלט, און אַז די גאַנצע מלחמה האָט אויסגעבראָכען טאַקע נאָר פון אונזערטוועגען. אָט נעכטען

ליעג איך אין בעט און זעה שוים נחומען אין דער מלחמה, און ער פאלט און ווערט געהרגעט, און יעמאלט האט די מלחמה אויפ־געהערט. מיר איז אויסגעקומען, אז די גאנצע מלחמה האט זיך אנגעהויבען און געצויגען, כדי נחום זאל געהרגעט ווערען. און אז זי האט דאס דערגרייכט, האט זי אויפגעהערט. איך ווייס נישט: אפשר דוכט זיך עס אזוי יעדער מאמע. פאר יעדער מאמע איז איהר קינד דער מיטעלפונקט פון דער וועלט.

ר י י ט ש ע ל. איך האב עס שוין ערגעץ־וואו געלייענט.

מ ר ס. ק א פ ל א ן. איך זאג עס נישט פון בוך. איך זאג עס פון הארץ. אבער דו ביזט מיר היינט אויפגעלעגט צו שטעכען זיך.

ר י י ט ש ע ל. איך בין היינט נישט אנדערש ווי אלעמאל.

מ ר ס. ק א פ ל א ן. דאס איז אויך אמת. אפשטמאל ווייס איך נישט, אין וועמען דו האסט זיך איינגעגעבען. דיין טאטע און דיין מאמע זיינען נישט געוועזען אזעלכע בייזע און פאר־ביסענע.

ר י י ט ש ע ל. פון וואנען קומט־זשע עס צו מיר? אה. איך ווייס. איך האב עס איבערגענומען פון נחומען.

מ ר ס. ק א פ ל א ן. דאס איז שוין זעהר נישט אמת. פוי, רייטשעל! ווי קאנסטו אזוינס זאגען? און ווען דאס וואלט אפילו געוועזען אמת, פון היינט אן און ווייטער טארסטו אזוי וועגען נחומען נישט רעדען.

ר י י ט ש ע ל. ווען ער ווערט א סאלדאט, ווערט ער גע־הייליגט?

מ ר ס. ק א פ ל א ן. עס איז מלחמה־צייט. עס איז טויט־צייט. פוי, רייטשעל! ווען דו לייענסט זיך אן פון אלע גע־הרגעטע און פערוואונדעטע, פון אזא שרעקליך גרויסער צאהל גע־הרגעטע און פערוואונדעטע — — און דו טראכסט פון די אלע סאלדאטען, פון די אלע יונגע מענשען אין אוניפארם — — — — ניין, ניין.... (ווישט זיך די אויגען.)

ריטשעל. איהר וואלט זיך שוים גלייבער צוגעלעגט א ביסעל, ביז נחום וועט קומען, איידער ארומצוקריגען זיך דא מיט מיר.

מרס. קאפלאן. דא האסטו ענדליך געזאגט אן אמת און פריינדליך ווארט. האסט מיך דערמאנט. דאס האט שוים מיר געפעהלט. איך וויים, אז איך וועל נישט קאנען איינשלאפען. אבער איידער צו קריגען זיך דא מיט דיר... אך, יא... איך וועל נאר א ביסעל אריינלעגען זיך אין בעט. אך, יא! אך, יא! (אב דורך דער פארלאר־טיר, וועלכע זי מאכט צו הינטער זיך.)

ריטשעל. איהר וויינט זעהר לייכט, מיסס גיסין.

חנה (העבט אויף איהר אויף די אויגען). ניין, איך וויין נישט זעהר לייכט. אבער איהר זייט הארט.

ריטשעל. מיינט איהר?

חנה. מען שלאגט זיך אן אייך אפ, ווי אן א הארטען שטיין.

ריטשעל. אפשר זייט איהר גערעכט. איך בין בעליי־דיגט געווארען, מיסס גיסין, און איך האב ליעב נקמה צו נעמען, און נקמה מאכט הארט.

חנה (שטיל). איך בין אויך בעליידיגט געווארען, מיסס קאפלאן, און מעהר פאר אייך.

ריטשעל. האב איך מיך געפרעהט. און איהר וועט זיך פרעהען, ווען ער וועט אוועקוואהרפען מיסס לעסער.

חנה. ניין. וואס וועט מיר דערפון ארויסקומען?

ריטשעל. אבער אז אייך וואלט עפעס דערפון ארויס־געקומען, וואלט איהר זיך יא געפרעהט? און מיר קומט עפעס דערפון ארויס. מיר קומט דערפון ארויס אט וואס איך קאן מיך פרעהען, וואס איך קאן נקמה נעמען. עס קומט מיר צו דערפון א שטיק געזונט. און עס פרעהט מיך, וואס ער געהט אוועק אין סאלהאטען, וואס ער וועט אוועקגעשיקט ווערען אין פראנקרייך. מיך פערדריסט בלויז, וואס ער געהט פרייוויליג, וואס ער וויל

אוועקגעשיקט ווערען אין פראנקרייך, וואס ער מאכט דערפון א גאנצען יום טוב. ער האט עפעס געדארפט געשלעפט ווערען, גע־נומען ווערען מיט געוואלט. אבער גארנישט. ער וועט שוין זיינס האבען.

חנה. מיסס קאפלאן!

רייטשעל. ער פערדיענט! ער פערדיענט א סך!

חנה (שפרינגט אויף). איהר ווייסט נישט, וואס איהר רעדט! איהר זייט היסטעריש! שווייגט!

רייטשעל (מיט פערביסענע ציינער). האהאהא!...

חנה (בערוהיגט, געהט צו איהר צו, לעגט ארויף די האנד אויף איהר קאפ, גלעט איהר די האר). זאגט אליין, ווי האט איהר געקאנט אזוינס זאגען? ווי...

רייטשעל (ווארפט אראב איהר האנד). אה, איך האס אייך מיט אייער ווייכקייט און גוטסקייט! איך קאן אייך נישט אויס־שטעהן! (שפרינגט אויף און ענטלויפט דורך דער דרויסענטיר, שיער נישט אומווארפענדיג דעם הינטער דער טיר שטעהענדיגען זעלצער.)

זעלצער. פארזיכטיג! פארזיכטיג! טפררררו! (קומט אריין.) וואס איז דא געשעהן? פאר וואס איז מיסס קאפלאן אזוי ארויסגעלאפען?

חנה. דאס האט זי דער האס אזוי ארויסגעטראגען.

זעלצער. פון אייך איז זי ענטלאפען. הלואי וואלט איך עס געקאנט.

חנה (אונאנגענעם בעריהרט). זעלצער!

זעלצער. אנשטאט דעם זוך איך אייך גאר. איך קאן אייך אבגעבען א גרוס פון אייער צימער. איך האב געקלונגען און קיינער האט נישט אויפגעעפענט. האב איך דערפון ריכטיג גע־דרונגען, אז איהר מוזט זיין דא.

חנה. נחום וויל פון דער מאמען וועגען מאכען א שטיקעל יום טוב.

זעלצער. איך ווייס. איך בין אויך איינגעלאדען גע־וואָרען.

חנה. אה, איהר זייט דאָך היינט גערופען געוואָרען.

זעלצער. אבי איהר האָט זיך דערמאָנט. איך האָב שוין געוואָלט זעהן, צו איהר וועט זיך דערמאָנען.

חנה. אָה, זעלצער! דערצעהלט בעסער...

זעלצער. וואָס האָב איך צו דערצעהלען? איהר האָט דען געצווייפעלט אין דעם רעזולטאַט? זיי האָבען מיך ארומ־געטאַפּט און ארומגעקלאַפּט, זיינען געוואָרען בייז און האָבען דער־קלערט, אז איך בין א מענש אָהן א הארץ, און האָבען געהייסען, איך זאָל מיך מיט גוטען אָבטראָגען, און אָנגעזאָגט, איך זאָל מיך קיינמאָל נישט בעווייזען זיי אויף די אויגען. איך האָב זיך גע־וואָלט מיט זיי צוקריגען. ווי הייסט, א י ך בין א מענש אָהן א הארץ? דאָס האָט נאָך קיינער קיינמאָל נישט דערוועגט זיך אויף מיר צו זאָגען. אדרבא, זאָלען זיי פרעגען ביי אייך.

חנה. צו וואָס דער שטאָך, זעלצער? פאר וואָס רעדט איהר צו מיר אזוי?

זעלצער. דער נאר שטופּט מיך. דער נאר שלעפּט מיך פאר דער צונג. חנה, עס איז מיר זעהר שווער. איך האָב געהאַט אויפגעגעבען יעדע האָפנונג, ווען נחום האָט אייך געליעבט. יע־מאָלט האָב איך מיך געצוואונגען צו פערגעסען און שטיל צו זיין. איצטער איז עס ווידער געקומען איבער מיר, נאָגענדיג, נאַיענדיג, אויפעסענדיג מיר דאָס ביסעל הארץ, וואָס מיר איז געבליבען. פערטראָגט עס געדולדיג, ווען איך שטיל מיר א מאָל דאָס געמיט מיט א קיבעץ.

חנה. דאָס איז אונערטרעגליך, זעלצער.

זעלצער. זייט כאָטש א ביסעל גוט צו מיר. און מיט א ביסעלע מעהר האָפנונג, וועל איך פערמיידען יעדע ביטערקייט, און וועל ריידען אזוי ווייך און אזוי ליעב...

חנה. איך קאָן אייך קיין שום האָפנונג ניט געבען, זעלצער. איך זוך זי אליין — פאר מיר.

זעלצער. האָפנונג? איהר? אויף וואָס קאָנט איהר נאָך האָפען? אויף וואָס קאָנט איהר זיך נאָך ריכטען? איהר האָט נאָך האָפנונג!

חנה. יאָ. זי ליעגט אין מיר. איך בין מיין אייגענע האָפנונג.

זעלצער. טיעפזיניג.

חנה. מיסס לעסער האָט אָנגעמאכט אין איהם א שטורם, וואָס האָט ארויסגעריסען אין איהם דאָס געפיהל צו מיר. ווער זאָגט עס, אז איך קאָן נישט צוריק אָנמאכען אין איהם א שטורם, וואָס זאָל ארויסרייסען אין איהם דאָס געפיהל צו איהר?

זעלצער. אזוי איז עס? איז הייסט עס נחום געוועזען דער שטורם, וועלכער... און איצטער דארף איך זעהן ווערען א שטורם, וועלכער... אה, דאָס איז לייכט געטאָן... (העבט אָן ארומצולויפען און ארומצושפרינגען, ווילד ארומוואַרפענדיג מיט די הענד.) אזזזזססססס! אזזזזזזססססס! איך בין א שטורם!...

חנה. שטילער! מרס. קאפלאן האָט זיך צוגעלעגט א ווייל'ע.

זעלצער (שטילער א ביסעל). אזזזזססססס! אזזזזססססס! איך שטורם ארוים דעם פריערדיגען שטורם!... אזזזססססס! אזזזזססססס!.... נו, האָט עס עפּעס געהאָלפען? ווי א טויטען באנקעס. א רחמנות בלויז אויף מיין ביסעל אָטעם.

חנה (מאַכט צו די אויגען מיט איהר שמערצפולען אויסדרוק).

זעלצער. איך האָב אייך וועה געטאָן? ענטשולדיגט.

חנה. איהר האָט בעליידיגט אין מיר א קראפט, וועלכע האַלט אין מיר אין וואקסען, עטוואָס, אָן וואָס איך האַלט מיך אָן מיטביידע הענד און מיט אלע מיינע ציינער. איהר אליין זוכט האָפנונג און צושטערט די האָפנונג אין אן אנדערן.

זעלצער. אך, דאָס ביסעל שפּאס! אָט זעהט איהר, אָט

שטעה איך שוין ווידער פאר אייך ווי א געשלאָגענער הונד, ווי־דער אין מיין אלטער פעל און אין מיין אלטער היגטישער ראָלע. שטיל, טריי, צוגעבונדען. טוט מיט מיר, וואָס איהר ווילט, נאָר טרייבט מיך נישט אוועק, לאָזט מיך זיין לעבען אייך. (בילט יאָ־מערליך.) האו, האו, האו, האו.... און אז דער חלום פון דעם שטורם וועט ביי אייך אריבער — איך וויל איהם יעצט חס ושלום נישט בעליידיגען — וועט איהר אויך אריין אין אייער אלטער פעל און אין אייער אלטער ראָלע, און יעמאָלט וועלען מיר ביידע האווקען — האו, האו, האו, האו.... (עס קלינגעלט. ער עפענט די טיר.)

פאַרמאַן (פאַר דער טיר). ענטשולדיגט — — וואוינט דאָ נישט מר. קאַפלאַן?

זעלצער. יעס.

פאַרמאַן (קומט אריין). איז ער אין דער היים?

זעלצער. ניין.

פאַרמאַן. ער וועט מסתמא באלד קומען. מר. און מיסס לעסער זיינען נאָך אויך ניטאָ? מר. פאַרמאַן איז מיין נאָמען.

זעלצער (צו חנה'ן). דאָ איז א דריטער — — האו, האו, האו...

פאַרמאַן. שטער איך? מיט וועמען האָב איך די עהרע?

זעלצער. מר. זעלצער.

חנה. מיסס גיסין.

פאַרמאַן. ווי? מיסס גיסין? אָה, פרעהט מיך זעהר. (גיט איהר די האַנד.) דאָס זייט איהר דאָך די... צום טייפעל, איך האָט ער עס אויסגעביטען אויף מיסס לעסער! דער מענש מוז פערדרעהט זיין! דאָס איז דאָך גאַנץ אונגלויבליך.

חנה (מיט א קניקס). זעהר ליעבענסווירדיג! אָבער איהר אליין האָלט דאָך מיסס לעסער פאַר דאָס שיינע וואונדער.

פאַרמאַן. קינד, איך האָב דאָך אייך נישט געקאַנט!

חנה. אדהה, איך זעה.

פאַרמאַן. און איהר קומט נאָך אלץ אהערצו?

חנה. און איהר קומט נאָך אלץ צו טרעפען מיסס לעסער?

זעלצער. האו, האו, האו...

פארמאן. ווי?

חנה. דאָס בעצייכענט מר. זעלצער די שפּראַך און די נאַטור פון אונזער טרייהייט און אָנהייגנעניס.

פארמאן. אָה, אזוי! זעהר גייסטרייך. אָבער נישט גאנץ ריכטיג. מיר טראָגען זיך מסתמא ביידע ארום מיט האָפנונגען. כל זמן זיי האָבען נאָך נישט חתונה געהאט, קאָן זיך עפּעס טרעפען. און אז זיי וועלען חתונה האָבען, קאָן זיך אויך עפּעס טרעפען. נישט אזוי, מיסס גיסין? אָבער איך בעגרייף אלץ נישט, ווי אזוי האָט איהר איהם געקאָנט פערלירען. און איך זאָג אייך, איהר דארפט איהם קאָנען צוריק ערשָבערן. מיט אזא געזיכט און מיט דער ליעבע, וועלכע ער האָט צו אייך געהאט, דארף עס אייך זיין די לייכטסטע זאך. אויב איהר האָט עס נאָך נישט דערגרייכט, ווייסט איהר נישט מסתמא, וואָס איהר האָט צו טאָן.

זעלצער. אָה, דאָס ווערט דאָך גאָר אינטערעסאנט. אז איהר וועט איהר זאָגען, וואָס זי האָט וואָס צו טאָן, וועט עס אפשר מיר אויך צוניץ קומען.

חנה (מיט צירליכקייט). איך וועל אייך זעהר דאנקבאר זיין, ווען איהר וועט מיר זאָגען, וואָס איך האָב צו טאָן. דערפאר אָבער וועל איך קעמפּפען אונזערביידענס קאַמפּף...

פארמאן. איך מיין עס גאנץ ערנסט. אזא איינע ווי איהר דארף קאָנען איינהאלטען דעם מאן, וועלכער איז אין איהר פערליעבט, ווי מיט צוואנגען. איהר דארפט נאָר האָבען מעהר לייכטזיניגקייט, בעוועגליכקייט, לופטיגקייט. (מאכט לייכטע, לופטיגע טאנץ־באוועגונגען מיט די הענד.)

חנה און זעלצער (מאכען איהם נאָך).

פארמאן. איהר האָט געדארפט נעמען טאנץ־שטונדען ביי דאָנקאן. זי וואָלט ארויסגעבראכט פון אייער קערפּער די

גאנצע וואונדערבארע גראציע, וועלכע ליעגט אין יעדעם קנייטשעלע פון אייער פיגור. און יעמאָלט וואָלט איהר געוואָרען די געפעהרליכסטע ערּאָבערין.

זעלצער. וואָס זאָגט איהר צו דעם פּלאַן, חנה?

פּאַרמאַן. איך בין בערייט צו בעצאָהלען פאַר אייערע טאַנץ-שטונדען.

זעלצער. ער מיינט עס דאָך ערנסט!

פּאַרמאַן. און איך קומט עס אויס אזוי נאריש פאַר? איהר פערשטעהט וועלט און לעבען פון אייער איסט סיידער שטאַנדפּונקט. אָבער לעבען איז א קונסט און מוז געלערנט ווערען.

חנה. פאר וואָס האָט איהר פערלאָרען מיסס לעסער, אויב איהר ווייסט די קונסט?

זעלצער. א הארבע קשיא.

פּאַרמאַן. איך רעד דער עיקר פון א יונגער מיידעל מיט אזא געזיכט ווי איהר האָט.

חנה. אלזא לייכטיגקייט, בעוועגליכקייט, לופטיגקייט, גראציעזע בעוועגונגען, דאַנקאַנשער טאַנץ. (העבט אָן צו טאַנצען דאַנקאַניש.)

פּאַרמאַן. זעה, איהר קאָנט עס דאָך! ביי גאָט, די מיידעל וועט נאָך די זיעגערין זיין!

חנה (טאַנצט אַלץ זיכערער און זיכערער. פּלוצלונג בלייבט זי שטעהן, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, שטעלט אָן די אויגען אין דער ווייטקייט און רעדט געבראָכען אַרויס). און דערווייל ווערט ער א סאָלדאַט... און א שרעקליכע מלחמה געהט אָן... און אונצעהליגע ווערען געהרגעט און צוקאַליעטשעט... און ער וועט דאָרטען זיין...

זעלצער. האו, האו, האו... דער טאַנץ איז אויס. די לייכטיגקייט האָט זיך אויסגעוועבט. די נשמה איז אריין אין די פּיס. באַץ! שווער געוואָרען. געהט טוט עפּעס מיט מענשען, וועלכע האָבען א נשמה.

פ א ר מ א ן. די מיידעל וועט נאך די זיעגעריין זיין! דאס מוז געשעהן.

ח נ ה. זאל ער נאר גאנץ בלייבען!

ז ע ל צ ע ר. איהר זעהט — — אן עבירה אייער טרחה. זי גיט זיך שוים אונטער און קריכט אריין אין איהר פעל. (עס קלינגעלט. ער עפענט אויף די טיר.)

ל ע ס ע ר און ל י נ א (בעווייזען זיך אין דער טיר).

פ א ר מ א ן (איילט זיי ענטקעגען).

ח נ ה (נעמט זיך פאר דער שטריקעריי).

פ א ר מ א ן. העללא, לינא! ווי געהט'ס, לעסער? (גער בען זיך די הענד, בעגריסען זיך.)

ל י נ א. העללא, טייערער! — — ווי געהט'ס, מיסס גיסין! (שאקעלט איהר צו מיט'ן קאפ.) פאפא, דאס איז מיסס גיסין.

ל ע ס ע ר. מיסס גיסין? ווי געהט'ס, מיסס גיסין. ווער איז דאס עפעס? א קרובה?

ל י נ א. האט געקאנט ווערען א נ א ה נ ט ע קרובה.

ל ע ס ע ר. האט געקאנט ווערען...? אזוי הייסט עס, העהעהע... און ווער איז דאס עפעס דער יונגערמאן?

פ א ר מ א ן (אבווענדענדיג זיך פון לינא'ן). ענטשולדיגט, איך האב גאר פערגעסען. מר. זעלצער.

ז ע ל צ ע ר. ווייל איך בין נישט קיין מיידעל, האב איך נישט געקאנט ווערען קיין נאהנטע קרובה.

ל ע ס ע ר. העהעהע... און קאפלאן איז נאך ניטא אין דער היים?

ח נ ה. נאך ניטא.

ל ע ס ע ר. האט איהר הייסט עס געקאנט ווערען? און איהר קומט נאך אלץ אהערצו?

ל י נ א. אה, פאפא, איך בין נישט אייפערזיכטיג.

ל ע ס ע ר. א שיין מיידעל. דער חברה־מאן פערשטעהט זיך.

חנה. מר. לעסער... איהר וועט אזוי גוט זיין...

לעסער. איך וועל אזוי גוט זיין. געווים, וועל איך אזוי גוט זיין, העהעהע... וואס זאל איך אזוי גוט זיין?

חנה. און רעדען וועגען עפּעס אנדערש.

לעסער. האב איך חס ושלום שלעכטס גערעדט? אז מען זאגט אייך אין די אויגען, אז איהר זייט א שיין מיידעל, איז עס שלעכט? הלואי זאגט מען מיר, אז איך בין א שיינער יונגער־מאן, הע־ע! (צו זעלצער'ן.) און וואס זייט איהר דא אין הויז?

זעלצער. א זעקסטע ראד צום וואגען, העהעהע...

לעסער. העהעהע... איהר'ט געהערט אן ענטפער? א זעקסטע ראד צום וואגען! און ווער איז די פינפטע? (מיט א בליק צו חנה'ן.) אה, יא... איך פערשטעה... העהעהע... נא, און וואו איז עפּעס די אלד ליידי?

פארמאן. אה, ענטשולדיגט, איך האב גאר פערגעסען צו פרעגען.

חנה. זי איז ביי זיך אין צימער. זי האט זיך צוגעלעגט א ווײלע.

לעסער. אה, און מיר מאכען דא אזא גערויש. — — ווייסט איהר גאר וואס? לאמיר גאר פאהרען ברייגנגען „ען“ א־היים. איז עס ווייט פון דאנען?

זעלצער. ניין.

לעסער. איהר ווייסט, וואו דאס איז?

זעלצער. איך ווייס.

לעסער. איז ווען מיר פאהרען?

פארמאן. זעהר גערן.

לינא. איך בין מיד פון דער רייזע. איך וועל דא בלייבען.

פארמאן (צו זעלצער'ן). ווילט איהר מיטפאהרען?

זעלצער. איך קאן מיטפאהרען, העהע!..

לעסער. און ווי וועגען דער יונגער ליידי?

ל י נ א. זי וועט מיר האלטען געזעלשאפט. יע, מיסס גיסין?

ח נ ה. איך בלייב דאָ.

ל ע ס ע ר. איז נישט געפעהרליך צו לאָזען זיי דאָביידען? העהעהע...

פ אַ ר מ אַ ן. איך גאראנטיר אייך, אז מיסס גיסין האָט ביי זיך ניט קיין רעוואָלווער און ניט קיין קינזשאל.

ז ע ל צ ע ר. אָבער לייכט־גקייט, בעוועגליכקייט...

פ אַ ר מ אַ ן. אָה, יע! (אַלע דריי אָב.)

ל י נ א (אויף דער סאָפאַ). און מיר זיינען געבליבען אליין.ביידע קאָנקורענטקעס. איהר מוזט מיך גוט האסען, מיסס גיסין.

ח נ ה. א י ה ר האָט מיר גאָרנישט געטאָן. און איך קען אייך נישט, אום צו האסען אייך.

ל י נ א. וואָס שטריקט איהר האָרטין?

ח נ ה. א סוועטער.

ל י נ א. איך האָב געוואָלט עפּעס שטריקען, אָבער איך האָב פיינד יעדע ארבייט. איך בין אפילו א מיטגליעד פון א ניי־טינג־קלאָב, איז זיי שטריקען, און איך רעד. — — איהר זייט אן ארבייטערין, מיסס גיסין?

ח נ ה. געווים האָט אייך מר. קאפּלאן געזאָגט. איך בין א שול־לעהרערין.

ל י נ א. און איהר מיינט, אז מר. קאפּלאן און איך רעדען וועגען אייך?

ח נ ה. ניין — — איז בעסער.

ל י נ א. איהר זייט א שטאָלצע.

ח נ ה. איהר פרעגט עס?

ל י נ א. ניין, איך זאָג עס. איך וואונדער מיך אָבער, פאר וואָס איהר קומט אהער.

ח נ ה. און איהר וואָלט נישט געקומען?

ל י נ א. ווען ער פערליעבט זיך אין אן אנדערער? האָ!

ער וואלט א זכיה געהאט, ווען איך וואלט א קוק געטאן אין זיין זייט. איך הער עס צום ערשטען מאל, אז א פערלאזענע כלה זאל קומען מיט בעזוכען צו איהר געוועזענעם חתן.

חנה. מיר האבען זיך דורכגערעדט, האבען זיך פערשטאנען, און זיינען געבליבען פריינד — — גוטע, טרייע פריינד. פונקט אזעלכע בעציהונגען ווי צווישען אייך און מר. פארמאן.

לינא. און פונקט אזוי טראכט איהר, אז עמיצער פון אונז קאן נאך חרטה האבען.

חנה. איך אזעלכע געדאנקען זיינען פאלשטענדיג ערלויבט. כל זמן איהר האט נאך נישט חתונה געהאט, אלערדינגס.

לינא. אה, אזא קאץ זייט איהר!

חנה. דענקט נישט, אז איהר זייט א טיגערין. אבער מיר ווילען זיך דאך נישט קריגען, ווי?

לינא. אבער איהר ווילט האבען דאס לעצטע ווארט?

חנה. מיר וועלען אויסרעכענען. אויב איך האב געהאט דאס ערשטע, וועל איך אייך אבלאזען דאס לעצטע. איך וועל זיין עהרליך. (קוקט ארויף צום באלקען, ווי זי וואלט עפעס איבערגעלעגט.) ניין, איך האב נישט אנגעהויבען.

שווייגען.

לינא (ווענדט זיך אב פון חנה'ן, ווענדט זיך באלד ווידער צו צו איהר, קוקט זי אן, שמייכעלט אב פערעכטליך. א פאר מאל וויל זי עפעס זאגען און האלט זיך צוריק. ענדליך האלט זי נישט אוים). אייגענטליך, האב איך דאך איהם ביי אייך נישט אבגענומען. איהר'ט'אך אליין געזאגט: איך האב אייך גארנישט געטאן. מיר האבען קיין קאמפף נישט געפיהרט.

חנה. ניין.

לינא. ער האט מיך דערזעהן און האט זיך אין מיר פערליעבט.

חנה. איך ווייס.

לינא. איך בין איהם מעהר געפעלען געווארען.

חנה. געוויס.

לינא. הערט, ווי איז אייך צו מוט, ווען איך רעד מיט אייך אזוי?

חנה (הערבטהאויף איהרע אויגען און שטעלט זיי אַן אויף לינא'ן — — א רוהיגער, גוטמוטיגער בליק, מיט רחמנות צו לינא'ן).

לינא (נאָך אַ ווײַלע קוקענדיג אויף חנה'ן). איהר זייט ווירקליך א שיינע. — — און איהר מיינט, אז „ען" קאָן נאָך הארטה האָבען? — — מיינט איהר, אז דאָס איז עהרליך פון אייער זייט?

חנה. איך דענק, אז איך וואָלט געוועזען א בעסערע ווייב פאר איהם, ווי איהר. און א טרייערע.

לינא. אָרמער „ען", וועלכער ווייס זיין אייגען גליק נישט! זאָל איך איהם אייך אפשר אָבלאָזען? — — זאָל איך?

חנה. אויב איהר זייט איהם א גוטער פריינד....

לינא (נאָך אַ קליינער פויזע). איהר זייט א קלוגע אויך. א שיינע און א קלוגע. איהר ווייסט, דאָס העבט מיך אויף אין מיינע אויגען. — — איהר האָט בלויז איין גרויסען פעהלער. איהר זייט א שטילע, א רוהיגע, ווענִיג טעמפעראמענט, ווענִיג ברען.

חנה. מיינט איהר?

לינא. „מיינט איהר?" ווי קאָן מען אזוי רעדען אײנ־צעלנע געצעהלטע ווערטער? — — און אפשר זייט איהר גע־רעכט. אז עס קומען זיך צונויף צוויי אזעלכע קאָנקורענטקעס, איז גלייכער, אז זיי רעדען נישט. — — אָבער איך קאָן נישט שווייגען. — — ווייסט איהר, ווען איך בין אין אייער לאגע, וואָלט איך אייך די אויגען אויסגעקראצט. איהם וואָלט איך פיינט גע־קראָגען, אבער אייך וואָלט איך פון דעסטוועגען די אויגען אויס־געקראצט.

חנה. אזויפיעל טעמפעראמענט האָב איך נישט. אָבער איך האָב אזויפיעל טעמפעראמענט, איך זאָל אויפהעבען מיינע

הענט אין געבעט צו אייך און זאָגען: איהר זייט די גליקליכע. איך איז בעשערט צו האָבען איהם פאר א מאן, איהר זייט די געבענשטע — — זייט איהם א טרייע ווייב, זייט איהם א גוטער, ליעבענדער חבר, מאכט איהם גליקליך.

ליּנא. ווי ריהרענד! — — אָבער איך וואָלט עס אייך נישט געקאָנט פערשפּרעכען. איך ווייס ווירקליך נישט, וואָס פאר א ווייב איך וועל זיין. איך האָב ליעב א סך געזעלשאפט, א סך מענער ארום מיר, א סך פערגעניגענס, א „גוד טיים". איהר ווייסט, איך בין זעהר א צולאָזענע, א נאָכגעגעבענע. אָבער איך האָב אייך יעצט ליעב. און עס קאָן זיין, אז ווען איך זאָל א מאָל זיין שלעכט און נישט טריי, וועל איך מיך דערמאָנען אויף אייערע ווערטער און אויף דעם אויסדרוק פון אייער געזיכט — דער עיקר, אויף דעם אויסדרוק פון אייער געזיכט — און וועל בעסער ווערען.

חנה. דאן האָב איך וואָס דערגרייכט.

ליּנא. גאָט, ווי קאָן מען אזוי גוט זיין! עס קומט מיר פאָר אזוי נאריש. ווילד דארף מען זיין, און לייכטזיניג, און מען מוז קאָנען פלירטען, אז ביי איינעם זאָל פערבאפען דער אָטעם. — — גוטסקייט און פרומקייט פערשטעה איך נישט. אָבער איך וועל אייך מעהר נישט קאָנען האסען. — — אייגענטליך האָב איך אייך קיינמאָל נישט געהאסט, אָבער איהר זייט מיר געווען פערעכטליך. איך ווייס דאָרטין און אָרם מיידעל! און בעזיעגטע זיינען איבער־הויפּט פערעכטליך. יעצט ווערט איהר מיר נישט זיין פערעכטליך, יעצט וועל איך פיליכט א מאָל טראכטען מיט רחמנות וועגען אייך.

חנה. האהא!

ליּנא (ציהענדיג זיך אויף דער סאָפא). אָה, איז עס שיין אין די בערג! און א געזעלשאפט האָבען מיר דאָרטין! — — זאָגט, איהר קאָנט עפּעס דערצעהלען אנעקדאָטען?

חנה. וועלכע?

ליּנא. אָט אזעלכע, וועלכע מענער דערצעהלען זיך...

חנה (א העב טוענדיג די אויגען צום באלקען, שאקלענדיג טרויעריג מיט'ן קאפ, רעדט ארויס ווי פאר זיך). גאט זאל איהם בע־היטען און בעשיצען!...

לינא. מיר האבען דארטין איינע... אה, גראד קומט מען יעצט! (זעצט זיך אויף.)

חנה (איילט אוועק אין פארלאר).

נחום (קומט אריין, לויפט צו צו לינא'ן, כאפט זי לוידענ־שאפטליך ארום און קוסט זי לאנג). מיין טייער מיידעל!

לינא. מיין ליעבער יונג! יעצט ביזטו שוין א „קריעגס־מאן"!

נחום. ביי גאט, איך וועל עס זיין! און א גוטער אויך.

לינא. אין דעם צווייפעל איך נישט. — — מיין העלד! — — און איך וועל זיין א „וואר־ברייד".

נחום (פול לאסקע). ווילסטו עס?

לינא (פיהרט אום איהר האנד און זיינע האר, ווי זי וואלט עפעס בעטראכט).

נחום. ווילסטו עס? ווילסטו, מיר זאלען חתונה האבען, איידער איך פאהר אפ נאך פראנקרייך?

לינא. איך וועל עס מיר נאך איבערלעגען.

נחום (ליידענשאפטליך). טו עס.

לינא. איך וויים נישט. עס איז נישט אין מיין נאטור ארומצוגעהן צוגעבונדען און גארנישט האבען דערפאר. פער־שטעהסט? איך וועל דיך מעהר ליעבען און מעהר נאך דיר בענקען, ווען איך וועל זיין פריי. פערשטעהסט דאך מיך, יא?

נחום. איך פערשטעה דיך נישט. איך וויים נאר איין זאך: איך וויל דיך, איך פערלאנג נאר דיך.

לינא. ששש.. רוהיג!... זי איז דא!... (ציינגט אויף דעם פארלאר.)

נחום (קוקט זיך אום). זי?

ליגא. דיין געוועזענע. מיסס גיסין. ענטלאפען אין פארלאר.

נחום (אומגעדולדיג). איך וויל יעצט מיט דיר אליין זיין.

ליגא. און די מאמע שלאפט ביי זיך אין צימער. מוזט שוין רוהיג זיין. האסטו אנגעטראפען פאפא און מר. פארמאן און א דריטען, ווי הייסט ער דארטין?

נחום. יא. איך האב זיי ארויסגעשמיסען פון דעם אויטאמאביל און געהייסען געהן אהער צו פוס. כאטש א ווייל‏ע זיין מיט דיר אליין!

ליגא. ששש... האסטו דען נישט געוואוסט, אז זי איז דא?

נחום. איך האב זי איינגעלאדען, אבער פערגעסען וועגען איהר צו טראכטען. איך האב דיך אליין נאר געזעהן. (קוסט זי לוידענשאפטליך.) דו! (געהט־צו צו דער פארלאר־טיר, עפענט זי.) העללא, חנה, קאנסט מיר אבגעבען מזל טוב. בין שוין א סאלדאט פון דער יונייטעד סטייטס ארמיי.

חנה (בעווייזט זיך אין טיר, גיט איהם די האנד). פיעל גליק!

נחום. ווי האט איהר דא עפעס ביידע פערבראכט צוזאמען?

ליגא. צואווערטעלט זיך און שלום געמאכט. מען קאן זיך מיט איהר נישט קריגען. זי מוז זיין א פאסיפיסטין. איך בין איהר דאכט זיך גוט געקראכען אין די ביינער, און זי גארנישט. — הערסט, האסט געטאן א נארישקייט, וואס דו האסט אויסגעביטען זי אויף מיר. זי וואלט דיר זיכער געוועזען א טרייערע ווייב. פיינסט, אויף מיר קאן מען זיך פערלאזען? אט זאל מען דיך אוועקשיקען אין פראנקרייך, קאן איך דיך גאר פערגעסען. איך, אז איך זעה נישט א מענשען א קורצע צייט, פערגעס איך איהם. איך האב שוין אזא טבע. איך האב שטארק געליעבט מיין מאמען, איך בין געווען פערליעבט אין איהר, האב מיר גאר נישט געקאנט

פאַרשטעלען, ווי וועל איך זיין א טאָג אָהן איהר. און אין א פּאָר הרושים נאָך איהר טויט, האָט זי שוים מיר נישט געפעהלט. דער מאמע קאָן נאָך יעצט נישט רעדען פון איהר אָהן טרערען, אָבער איך — — גאָרנישט.

נחום. מוז איך זעהן מאכען, אז דו זאָלסט מיך נישט פערגעסען.

לינא. גוט, מאך עס. זאָג איהר אָן, זי זאָל מיך דער־מאנען.

חנה. מיר ווילען האָפען, אז די מלחמה וועט באלד אויפ־הערען. כאָטש פון זייגעטוועגען. ער זאָל נישט דארפען אוועק פון אייך אויף לאנג, און איך זאָל נישט דארפען אייך דערמאנען. יאָ, מיסס לעסער?

לינא. דאָס איז געוועזען א פיינער שטאָך. יע, טייע־רער? אָט אזוי איז זי. שטיל, שטיל און שטעכט זיך. — — וואָס שטעהסטו און קוקסט פון איינער אויף דער אנדערער און ווענסט און מעסט? אויף איין זייט שטעהט א גוטער מלאך, אויף דער אנדער זייט א שלעכטער מלאך. אויף איין זייט א הונד, וועלכער געדענקט — —

חנה (שוידערט אויף).

לינא. — — אויף דער אנדער זייט א קאץ, וועלכע פער־געסט... (צו חנה'ן.) איהר ווייסט, איך אויף אייער אָרט וואָלט יעצט אוועקגעגאנגען פון דאנען.

נחום. לינא!

חנא (שמערצפול). איך וואָלט, ווען איך וואָלט איינ־געזעהן, אז איך דארף עס טאָן. און אויסערדעם — — חם!

לינא. אה, אויף דעם אויסערדעם בין איך זעהר געשפאנט!

חנה. האָט ער יעצט די בעסטע געלעגענהייט צו דערקענען אייך, אריינצוקוקען טיעף אין אייך, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אריינגעקוקט —

נחום. חנה!

לינא. און נאטירליך אויך אין אייך.

חנה. און פיליכט אויך אין מיר.

נחום. גענוג! מיידלעך, שלום! איך וויל עם — — (עס קלינגעלט.) דא קומט מען, און מיר ווילען פרעהליך זיין. (עפענט אויף די טיר, לעסער, פארמאן און זעלצער קומען אריין.)

לעסער. עה, דאס איז נישט געווען עהרליך פון אייך. איך האב געמיינט, איהר האט ביי אונז צוגענומען דעם אויטאָמאָביל, כדי איהר זאלט קומען פריער א היים און צוגרייטען דעם טיש... העהעהע... און איהר'ט זיך דא מסתמא גאר פערפלעדערט מיט די מיידלעך. לאזט ארומקוקען, זעהט מען אויף אייך נישט קיין סמנים פון א געשלעג... אויסגעקראצטע אויגען, אויסגעריסענע האר, א צודראפעט געזיכט... העהעהע...

נחום. איך וועל יעצט אויפוועקען מיין אלט מוטערל און יעמאלט וועלען מיר זיך נעמען...

מרס. קאפלאן (אין פארלאָר־טיר). דארפסט מיך שוים נישט אויפוועקען. דער גלעקעל האט.

נחום (איילט צו איהר, קושט זי). אלזא — — — (שטעלט אוים די ברושט) — — א סאלוט. די דאקטוירים האבען מיר געהייסען איבערגעבען דיר די בעסטע קאמפלימענטען. האסט ארויסגעבראכט אן אויסגעצייכענטען סאלדאט אויף דער וועלט. מאנסט שטאלץ זיין.

מרס. קאפלאן (בעהאלט איהר געזיכט אויף זיין ברושט).

נחום (קלאפט איהר פול צערטליכקייט אויפ'ן רוקען). נו, גוט זיין, גוט זיין, מאמעלע. זעהסט, די געסט מאכען שוים אליין דעם טיש. (חנה, פארמאן און זעלצער שטעלען אן אויפ'ן טיש וויינגלעזער, עוסק'ען זיך אין קיך ארום דעם אייזבאקס, האקען אייז פאר דעם שאמפאניער.)

לינא (איילט־צו צו מרס. קאפלאן). העללא, טייערע! (צוקושט זיך מיט איהר.)

נחום (שטעהט צו צו די סארוועד).

ליבא. איהר פיהלט דאך גוט, ווי?

לעסער (צו מרס. קאפלאן). העללא, מרס. קאפלאן! (דריקט איהר די האנד.) נאר נישט קיין זויער געזיכט מאכען. מי טאר נישט. אונזער ארמיי האט צוגעקראָגען אזא גרויסען העלד, מוזען מיר זיך פרעהען, העהעהע...

פארמאן (פון קיך). העללא, מרס. קאפלאן! ענטשולדיגט, וואָס איך גיב אייך די האנד נישט. זי איז ביי מיר אָבגעפראָרען.

זעלציער. שאלאָם, מרס. קאפלאן! איך בין דאָ ארייגגעקראָכען מיט דער האנד אין א טעלער זשעלע, מוז איך זי אָבלעקען. איך זשאלעווע זי אָבצואוואשען.

ליבא (זעצט אוועק מרס. קאפלאן אויף דעם פאטערשטול און לאָזט זיך אראָב לעבען איהר).

לעסער (זעצט זיך צו פון דער אנדער זייט פון מרס. קאפלאן). נאר פרעהען זיך, העהעהע...

מרס. קאפלאן. איך זעה טאקע, אז איהר אלע קאָנט זיך נאך פרעהען. בעוואונדער איך אייך טאקע. אפשר איז דאָס דערפאר, וואָס איך בין קיינמאָל קיין זעהר פרעהליכע נישט געווען.

ליבא. ען, לאָז זיי אליין ארבייטען. קום־צו צו מיר.

נחום. מיר זיינען שוים פארטיג.

פארמאן (בעקוקענדיג דעם טיש, צו איז אלץ אין אָרדנונג). איהר וועט דאָך מיטטרינקען, מיסס גיסין?

חנה. איך וועל, און א סך.

פארמאן. קאָנט איהר א סך טרינקען?

חנה. א מענש וויים קיינמאָל נישט, וואָס ער קאָן, ביז ער פרובירט אוים.

פארמאן. אה, איך זעה!... וועלען מיר נאר מאכען א טרינק־געוועט צווישען אייך און מיסס לעסער.

חנה. איך נעם עס אָן.

זעלצער (זינגט פרויס). שטורם, וואורם, פורים...

פארמאן. נעמט איהר עס אן, לינא? א טרינקדיש צווישען אייך און מיסס גיסין.

לינא. איך געה איין אויף יעדע רייס. איך בין א רייך פיידעל, ווייסט איהר דאך.

פארמאן (פאטשט אין די הענד). בוללי, ביי גאד! גרויס-ארטיג!

נחום (אנגיסענדיג די גלעזער). צו די פלעצער! א גוטען, הארציגען טרונק פאר א גרויסען באלדיגען זיעג! — — קום, מאמע, דו טרינקסט מיט. טרינק מיר צו לחיים. — — רוהיג, מאמע, רוהיג! בעהאלט דיינע טרערען פאר גרויסע שמחות. פריידענטרערען וועל איך דיר ערלויבען. מיר שלאגען אן. פאר א גרויסען באלדיגען זיעג! (זיי שלאגען אן און טרינקען.)

חנה און לינא (טרינקען אויס די גלעזער ביז'ן דעק).

מרס. קאפלאן (צואווייגט זיך).

לעסער (וועלכער זיצט לעבען איהר). נע-נע-נע-נע! ניט, ניט, ניט!... דאס געהט נישט! נישט וויינען! איך קאן נישט זעהן, אז מע וויינט. איך וויים נישט, אז איך זעה, אז מע וויינט, קאן איך מיך אויך צואווייגען. עס ווערט מיר עפעס אזוי ווייך. העהעהע... העהעהע... העהע.. הע... (נעמט ארויס זיין שנופ-טיכעל.)

נחום (בערוהיגענדיג די מוטער). נישט, נישט, מאמעלע. קוק אויף דעם מיט מיינע אויגען. דו ביזט דאך עפעס איינע, וועלכע קאן זעהן ווייטער פון איהר נאז. איך זאג דיר, עס פיהלט זיך אזוי גוט צו זיין אין א גרויסען איידעלען קאמפף. וואס בין איך איינער אין די מיליאנען מיליאנען סאלדאטען און די אונ-צעהליגע מאשין-גאנס און האוויצערס און פערשידענסטע געוועה-רען און באמבען? וואס פאר א בעדייטונג אין דער אונמאסע פון טויט? און דאך פיהל איך, ווי איך וואלט עפעס געפעהלט, און יעצט ווען איך וועל אויך שטעהן אין די רייהען, צוגעבען מיין

ענערגיע און ווילען צו די אלע איבריגע מיליאנען ענערגיען און ווילענס, וועט קומען די גרויסע וואנדלונג. איך וועל זיין דאס שטרויעלע, וואס וועט איבערברעכען דעם קעמעלס רוקען.

זעלצער. גוט געדרשנט! גוט!

פארמאן. טרינקען מיר ווייטער.

חנה. פאר א באלדיגען שלום! (זיי שלאגען אן און טרינקען ביז'ן דעק.) אהה, עס איז יעצט אין מיר אזא זיבערהיים, אז מיר וועלען באלד האבען שלום און אלץ וועט זיין גוט.

פארמאן. וואלט איהר אונז געגעבען א טאנץ צוליעב דעם באלדיגען שלום?

חנה. אויך דאס קאנט איהר ביי מיר פועלן.

פארמאן (צו לינא'ן). וועט איהר אויפנעמען א טאנץ־רייס?

לינא. אלע רייסעס.

פארמאן. בוללי! בוללי! מיר רוקען אוועק דעם טיש. (ער און זעלצער רוקען אוועק דעם טיש, נחום און לעסער נעמען אוועק די שטולען.)

מרס. קאפלאן. אי, קינדערלעך! קינדערלעך!

לעסער. גוט אזוי, אזוי דארף זיין. מען טאר נישט וויינען. העהעהע... א מענש דארף לאכען, כל זמן עס לאכט זיך. דארף שטענדיג לאכען. דארף טאנצען, כל זמן עס טאנצט זיך, דארף שטענדיג טאנצען. הלואי וואלט איך עס געקאנט... העהעהע...

לינא (שטעהט שוין אין צימער טאנץ־בערייט).

לעסער. זעהט איהר, אז מען דערמאנט איהר טאנצען.

לינא (טאנצעלט אנטער אויף איין ארט, און דערנאך צו־טאנצט זי זיך לויזענשאפטליך אין א ווינטער־גארדען בויכטאנץ, אליין זיך צוזינגענדיג. צום סוף בעוועגט זי זיך צום פארלאר, אונטערוויג־קענדיג נחום'ען מיט אן אויג, רופענדיג איהם מיט'ן גאנצען קערפער, און פערשווינדט אין פארלאר. פארמאן און לעסער פאטשען בראווא.)

נחום (פערשווינדעט נאך איהר).

פארמאן. העי, דאס איז ניט ריכטיג — יעצט — — מיסס גיסין!

חנה (האלט איהם אב און רעדט לאנגזאם ארויס). איך וועל נישט טאנצען.

פארמאן. ניין, איהר מוזט! דאס איז נישט ריכטיג. עס אז אן אבמאך...

חנה. איך וועל נישט טאנצען. איך וועל ווידער אריינקריכען אין מיין האלע, אין מיין אלטער היגטישער פעל. אוים רייסעם...

זעלצער. האו, האו, האו....

# דריטער אַקט

פריהלינג 1918. אַ נאָכמיטאָג. דאָסזעלביגע צימער.

מרים. קאפלאן (לייענט אַ צייטונג, זיפצט. עס קלינגעלט. זי עפענט אויף די טיר).

נחום (קומט אַריין אין אוניפאָרם, צוקוקט זיך מיט דער מוטער).

מרים. קאפלאן. אי, אזוי אונגעריכט! ווי וואויל איז מיר! וועסט בלייבען איבער נאכט?

נחום. ניין, איך האָב נאָר א קנאפע שטונדע צייט. איך מוז באלד צוריק.

מרים. קאפלאן. וועסטו גלייך אוועקגעהן צו מיסס לעסער?

נחום. איך בין שוים ביי לינאן געוועזן. זי איז נישט געוועזן אין דער היים. האָב איך געלאָזען וואָרט, זי זאָל קומען אהער. איך וועל אויפרופען, צו זעהן, צו איז זי שוים געוועזען אין דער היים. (געהט אין פאָרצימער צום טעלעפאָן.) העללאָ! ריווער־סייד...

מרים. קאפלאן. וואָס הערט זיך ביי דיר?

נחום (מאַכט איהר מיט דער האַנד, זי זאָל שווייגען). העללאָ! יעס... איז מיסס לינא... נאָך נישט געוועזן. האָט איהר זי אויפ־גערופען ביי... נישטאָ... איז אז זי וועט קומען, וועט איהר... יאָ. בעסטען דאנק. גוד ביי. (הייננגט אויף דעם הערער.)

מרים. קאפלאן (בעאונרוהיגט). וואָס איז עפּעס?

נחום. און דו ביזט גאנץ אליין?

מרים. קאפלאן. מיט וועמען זאָל איך זיין? ריי־

פשעל איז ביי זיך אין צימער. איך וועל זי טאקע אריינרופען.

נחום. יא. רוף זי אריין.

מרס. קאפלאן. ביזט עפעס — — איז עפעס — —

נחום (רופט). רייטשעל!

מרס. קאפלאן. וואס איז עפעס?

רייטשעל (קומט אריין).

נחום (גיט איהר די האנד). איך בין נאר אויף א קורצער ווייל'ע.

רייטשעל. ווי קומט עס, דו זאלסט מיך אריינרופען? ווי קומט עס, דו זאלסט זיך גאר דערמאנען אויף מיר?

נחום. איך וויל — איך וויל מיך צוזעגענען.

מרס. קאפלאן. וואס?!

רייטשעל (גלייכגילטיג). ווערסט אוועקגעשיקט נאך פראנקרייך?

נחום. יא. די טעג.

מרס. קאפלאן (פאלט שיער נישט אום).

נחום (כאפט זי אונטער). מאמע! — — נו, נו, בערוהיג דיך... פאר וואס אזוי שוואך זיין? שטארק זיך. מוזט זיך שטארקען. ווי זאגט מר. לעסער? פאר וואס זאל מען פארקלע־רען אויף שלעכטס?

מרס. קאפלאן (צואווייינט זיך).

נחום. טו עס נישט, מאמע. וויין נישט. דאס זיינען נישט קיין שיינע טרערען. עס איז דאך אן אלגעמיינע זאך. מי־ליאנען מאמעס־קינדער.

מרס. קאפלאן. דו רעדסט אומזין, מיין קינד. מי־ליאנען מאמעס־קינדער, און מיליאנען מאמעס וויינען. וועסט מיך נישט איינרעדען, אז עס איז פאראן איין מאמע, וועלכע האט נישט געוויינט. אן אומגליק! אן אומגליק! אן אומגליק! עס איז ווי אין א מגפה: וועלכע מאמע עס ווערט געטראפען, יענע וויינט. אי וועה! אי וועה! אי וועה!

נחום. אָבער איך וועל דאָך קומען צוריק אַ לעבעדיגער, אַ געזונטער, אַ גאַנצער. דו וועסט נאָך טאַנצען אויף מיין חתונה. בערוהיג זיך. איך וועל זיך מיט דיר יעצט צוזעגענען, וועל אָפּ־רופען נאָך אַמאָל ליגאַן, און אויב זי איז נאָך נישט געוועזן אין דער היים, וועל איך אריבערפאָהרען צו איהר און וועל זי דאָרטען אָבוואַרטען.

מרס. קאַפּלאַן. זוהן מיינער, אַ קנאַפּע שטונדע איז אונז געבליבען, זיי זי מיט מיר. דו ווייסט דאָך נישט, ווען זי וועט קומען אַ היים. דו קאָנסט דאָרט אָבזיצען די צייט, און זי וועט נישט קומען.

נחום. ווייסטו? פאָהר מיט מיר מיט.

מרס. קאַפּלאַן. דאָס וועט מיר צו שווער זיין. פאַר־שטעהסט דאָך אליין. דאָס פאָהרען נאָכדעם אַ היים אָהן דיר...

נחום. איך בין אָבער אַזוי אונגעדולדיג.

מרס. קאַפּלאַן. דאָרטין וועסטו עס דאָך אויך זיין.

נחום. אָה! — — געוועהנליך איז זי אין דער היים אין דער שטונדע, און היינט גראָד...

רייטשעל. האָסט דאָך אָבגערופען מסתמא מר. פאַרמאַן אויך.

נחום. איך — — איך — — יאָ, מי האָט. די דיענסט האָט אָבגערופען עטליכע פּלעצער, וואָס עפּעס דוקא מר. פאַרמאַן?

רייטשעל (שמייכעלט קוים אָב).

נחום. עס איז נישט שיין פון דיר, רייטשעל.

רייטשעל. וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? איך האָב דיר געוואָלט העלפען אין דיין אונגעדולד.

נחום. איך האָב בעמערקט דיין שמייכעל. עס איז מיין לעצטע שטונדע דאָ, און איך וויל דיר נישט זאָגען, וואָס איך דענק פון דעם.

רייטשעל. אויב דו הערסט ארויס זאַכען, בין איך נישט

שולדיג. מסתמא איז דיין געהער שטארק פערשארפט געוואָרען, זינט דו ביזט געוואָרען מיסס לעסערס חתן.

מ ר ס. ק א פ ל א ן. רייטשעל, איך וועל דיך בעטען, דו זאָלסט שווייגען.

ר י י ט ש ע ל. איך קאָן ווידער אוועקגעהן אין מיין צימער.

נ ח ו ם. דו וועסט דאָ בלייבען. מיט דער מאמען.

ר י י ט ש ע ל. דערפאר האָסטו מיך דאָך אריינגערופען.

נ ח ו ם. אה, קום, זיי גוט. גיב מיר דיין האנד. זיי מיר מוחל, אויב דו דענקסט, אז איך האָב זיך געגען דיר מיט עפּעס פערשולדיגט.

ר י י ט ש ע ל (שמייכעלט איראָנישביז, נישט געבענדיג די האַנד). איך פערשפּרעך דיר, אז איך וועל אָבהיטען די מאמען.

מ ר ס. ק א פ ל א ן. איך וויל איהר הילף נישט. איך וויל איהר גוטסקייט נישט.

ר י י ט ש ע ל (ברעכט פּלוצלונג אויס אין געוויין). מיך וועט קיינער קיינמאָל נישט פערשטעהן. (ענטלויפט אין פּארלאָר.)

מ ר ס. ק א פ ל א ן. משוגע! משוגע! משוגע!

נ ח ו ם (נאָך אַ שריט צום פּארלאָר, מאַכט אַוועק מיט דער האַנד און געהט צום טעלעפאָן). ריווערסייד... העללאָ! ערנא? נו? נאָך נישט געוועזען. מר. לעסער?... ערנא, איך וויל אייך עפּעס בעטען: אויב זי וועט קומען אָדער אָברופען דאָס הויז, זאָלט איהר מיך גלייך אָברופען. יאָ? דאנק. (הייגגט אויף דעם רעסיווער.) נאָך נישט. מר. לעסער איז ארויסגעפאָהרען אהער.

מ ר ס. ק א פ ל א ן. איך וועל דיך עפּעס בעטען. רוף אויף חנה'ן. צוזעגען זיך מיט איהר. אין טעלעפאָן, אויב דו ווילסט נישט, זי זאָל קומען אהער.

נ ח ו ם. וואס איז איהר טעלעפאָן? אָה, יע, איך געדענק. (ביים טעלעפאָן.) מארנינגסייד... העללאָ! חנה? — יעס, דאָס בין איך. — אין דער היים — ביי דער מאמען. — איך וויל מיך צוזעגענען. די טעג... העללאָ! העללאָ! העללאָ!... (קלינגט

שטאַרק.) העללאָ! העללאָ! — — סענטראל, יו קאט מי אָף! — — מאָרנינגסייד... פּליעז!...

מרס. קאַפּלאַן. אך, גאָט! אבי אויב נאָר סענטראל האָט אָבגעשניטען.

נחום (קוקט אָן די מוטער, שטעמט שטאַרק אויף און לאָזט זיך צום טעלעפאָן). העללאָ! מאָרנינגסייד... — — ודהיי דאָנ'ט ענסער? !

מרס. קאַפּלאַן. אי, וועה! זי איז דאָרטין א ודאי געפאלען אין חלשות.

נחום. וואָס טוט מען? אויב זי איז טאקע — — —

מרס. קאַפּלאַן. וואָס פאר א טייער, גאָלדען קינד, סאר א וואונדערבארער מענש. ווען איך וואלט עפּעס געקאָנט, וואָלט איך אריבערגעפלויגען צו איהר. זי האָט גע'חלש'ט, און איך גאָרנישט.

נחום (ביים טעלעפאָן). מאָרנינגסייד... (עס קלינגעלט. ער עפענט די טיר.)

מר. לעסער (קומט אריין). העללאָ, „ען"! העללאָ, מרס. קאַפלאַן! וואָאט'ס דהי מעטער?

מרס. קאַפּלאַן (קעמפּפט מיט וויינען).

לעסער. וואָס איז געשעהן? ער ווערט אוועקגעשיקט? שוים? — — נו, מי'ט זיך דאָס געקאָנט ריכטען. — — וואָס שטעהט איהר דאָרטין ביים טעלעפאָן די גאנצע צייט?

נחום (געהט אָב פון טעלעפאָן). קיין ענטפער.

לעסער. ווען מען האָט איהר אָבגערופען? לינאן? אז זי איז ניטאָ אין דער היים, קאָן מען קיינמאָל נישט וויסען, וואו זי איז. פּאָרמאַנען אָבגערופען.

נחום. אָבגערופען.

לעסער. נו?

נחום. נישט געוועזען אין דער היים.

לעסער. שלעכט. ער איז לינא'ס נאטיץ־בוך, העהע... ווערט איהר הייסט עס אוועקגעשיקט. ווען?

נחום. די טעג.

לעסער. און באלד הייסט עס אין פראנקרייך. נו, איז ווי פיהלט איהר זיך? ציטערט א ביסעל דער פופיק, ווי? העהעהע... דאס טארט איהר גארנישט צולאזען. א העלד טאר נישט מורא האבען. ווען, מיינט איהר, וועט מען אייך מכבד זיין מיט אן עליה? מיט א פסוק „אתה הראית"? העהעהע... איהר זאלט נישט פערגעסען צו מאכען „שהחיינו", ווען איהר וועט דער־זעהן די ערשט דייטשע קויל, העהעהע... ווען א באמבע פלאצט, מאכט מען דיזעלבע ברכה, ווי אויף א דונער, העהעהע.... מינטערט זיך אויף א ביסעל. וואס זייט איהר אזוי? (טעלעפאן קלינגעלט.)

נחום (איילט צום טעלעפאן). העללא! — ארויסגעפאהרען?! גוט. — מיט — ? גוט. א דאנק, ערנא! (הייגגט אויף דעם הערער.)

לעסער. אלזא, זי האט זיך אבגעזוכט. זי קומט אהער. מיט עמיצען, דאכט זיך? מיט מר. פארמאן, נאטירליך. איהר לייב־שומר, העהעהע... אז צו טאן האט דער מענש גארנישט, האט ער זיך געפונען א בעשעפטיגונג צו זיין אן אייביגער בעגלייטער ביי מיין לינאן, העהעהע... (צו נחומען.) וואס זייט איהר יעצט נאך אזוי?

נחום (צום טעלעפאן). העללא! מארנינגסייד... (עס קלינגעלט. ער עפענט די טיר.)

חנה (קומט אריין בעגלייט פון זעלצערן).

נחום הייגגט אויף דעם הערער). דו?

מרס. קאפלאן. אט איז זי דאך!

חנה. פאר וואס קוקט איהר מיך אזוי אן?

נחום. מיר האבען דאך געמיינט, אז דו האסט גע'חלש'ט ביים טעלעפאן.

חנה. איך? גע'חלש'ט ביים טעלעפאן?

נחום. אז פּלוצלונג ביזטו אנטשווינגען געוואָרען.

חנה. אה, דאן ווייס איך נישט וואָס איך האָב געטאָן. ווי איך האָב נאָר דערהערט „צוזעגענען זיך“ און „די טעג“, האָב איך אויפגעהאנגען דעם רעסיווער, גענאפּט א טעקסי...

זעלצער. און איך בין איהר נאָכגעלאָפען.

מרס. קאַפּלאַן. מיר זיינען זיך דאָ אויסגעשטאַנען דערוויילע טויטשרעק: טאָמער ליעגט איהר דאָרטין א גע־חלש׳טע איינע אליין.

חנה. אָה, ענטשולדיגט.

זעלצער. ווי האָט איהר זיך גאָר פאָרגעשטעלט, אז איך וועל זי לאָזען חלש׳ען זייענדיג אליין?

חנה. איז — די טעג. יעצט ביזטו דאָ אויף לאַנג.

נחום (א קוק טועגדיג אויף זיין האַנדגעלענקזייגער). קיין האלבע שטונדע נישט.

חנה. דאָס אלץ?

מרס. קאַפּלאַן (וויינט אויף).

ליעסער (וועלכער האָט געהאַט איינגעדרעמלט אין שאָקעל־שטול, עפענט־אויף שווער די אויגען). עה? שוים געוויינט? מען טאָר נישט, העהעהע... שטרייגג פערבאָטען, העהע... (מאַכט ווידער צו די אויגען.)

זעלצער. איך בין דיר מקנא, נחום. איך וואָלט אויך געוואָלט די טעג אוועקגעשיקט ווערען, אבי האָבען א געזונט הארץ. ווייסט, איך האָב מיך אָנגעגעבען אין דעם אידישען לע־גיאָן. געפּיהלט עפּעס אזא גרויסע באדערפניס, געפּיהלט, אז דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס איז מיר געבליבען אין לעבען. קעמפּפען און שטאַרבען פאר ארץ ישראל און א אידישע היים. האָבען זיי מיך נישט צוגענומען. איך האָב מיך ממש געבעטען ביי זיי. וואָס ארט אייך מיין הארץ? איך קאָן לויפען. איך קאָן שפּרינגען. וועט עס מיר פּלאַצען, איז וואָס ארט עס אייך? זאָל דוכטען, אז א קויל האָט מיך אוועקגעלעגט. איך וויל קעמפּפען פאר ארץ

ישראל, פאר אונזער לאנד. פיליכט וועט עס מיר גאר צוגעבען א שטיק געזונד. פיליכט וועט עס מיר גאר שטארקען מיין הארץ. וואלסטו געהערט, וואס פאר א רעדע איך האב זיי אוועק־געלעגט. אבער עס'ט נישט געהאלפען. איך בין געוועזען ריה־רענד, איך בין געוועזען פאטעטיש, איך בין — — — — — איך בין א נאר. דו האסט נאר א האלבע שטונדע, און איך האב מיך אוועקגעשטעלט רעדען. זאל עס זיין מיין חלק פון דער האלבער שטונדע, און יעצט וועל איך מיך מיט דיר צוזעגענען.

מרס. קאפלאן (וויינט אויף).

נחום. ניין, געה נאך נישט אוועק. וועסט דא בלייבען, ווען איך וועל אוועקגעהן. פערשטעהסט?

זעלצער. איך פערשטעה. דער מאנסביל, דער מענש מיט די שטארקע נערווען. וועל איך מיך אוועקזעצען און שווייגען. איך וויל קיינעמס נישט פערנעמען. חנה, יעצט איז אייער צייט. רעדט אפ אייער חלק.

חנה. איך וויל נאר קוקען. אנקוקען זיך פאר דער האל־בער שטונדע... ארייננעמען אין זיך — —

נחום (שטרעקט אויס צו איהר זיין האנד). דו ביזט דאך מיר מוחל...

חנה (ארייכלעגענדיג איהר האנד אין זיינע). דו ווייסט עס. איך האב דיר קיינמאל גארנישט נאכגעטראגען.

נחום. דו ביזט א — — הייליגע. דו ביזט א וואונדער.

חנה (שאקעלט מיט'ן קאפ). איך האב דיך בלויז אמת געליעבט.

נחום (חזר'ט איבער שטיל). געליעבט.

חנה (לאזט אראב דעם קאפ).

נחום. איך האב צו דיר א בקשה.

חנה. אלץ.

נחום. קלייב זיך אריבער אהער און וואוין מיט מיין

מוטער. — — מאמע, וואס דענקסטו פון דעם, אז חנה זאל זיך אריבערקלייבען אהער און וואוינען אין מיין צימער?

מ ר ס. ק א פ ל א ן. דאס וואלט געוועזען זעהר גוט. דארפסט נאך פרעגען?

ח נ ה. איך וועל עס טאן.

נ ח ו ם. בעסטען דאנק. (נעמט זי ארום און קושט זי לאנג און שטארק.)

ח נ ה (מיט געשלאסענע אויגען, האלטענדיג זיין האנד מיט ביידע הענד). יעצט וועל איך דיר זאגען: בעסטען דאנק. איך וואלט אויסגעגאנגען, אבער איך וואלט דיך נישט געבעטען, דו זאלסט מיך א קוש טאן. (לאזט אראב איהר קאפ אויף זיין האנד. עס קלינגעלט.)

ל ע ס ע ר (אויפגעוואכט). אהא! דאס מוז זיין מיין טאכטער. איהר'ט ענטשולדיגען, איך האב געכאפט א דרעמיל. בין נעמליך היינט זעהר מיד. העללא, יונגער מאן! העללא, יאנג לײדי!

נ ח ו ם (האט דערווייל לאנגזאם בעפרייט זיין האנד פון חנה'ן, ווארם דריקענדיג איהר האנד, איז לאנגזאם אוועק צו דער טיר און אויפגעעפענט זי).

ל י נ א און פ א ר מ א ן (קומען אריין).

ל י נ א. וואס איז די מער, מיין טייערער? (נעמט ארום בחומען און קושט איהם.) וואס איז געשעהן? וואס האסטו מיך אזוי ארומגעזוכט? העללא, פאפא! האו דו יו דו, מרס. קאפלאן? העללא, אלע מיט אנאנדער!

פ א ר מ א ן. האו דו יו דו, קאפלאן.

נ ח ו ם (קוים אומקוקענדיג זיך אויף איהם). די טעג ווערען מיר אוועקגעשיקט נאך פראנקרייך.

ל י נ א. ישוים? מיין גאט!

פ א ר מ א ן (בעגריסט זיך דערווייל מיט די אנדערע).

נחום. יעצט איז מיר געבליבען נאָר אַ פּאָר מינוטען צייט.

ליבא. איך וועל דיך אַבפיהרען מיט מיין אויטאָמאָביל צום קעמפּ.

נחום. ביזט דאָך געוועהנליך אין דער היים אין דער שטונדע.

ליבא. אלבערט האָט מיך גענומען אין אן אויסשטעלונג.

נחום (ארויסשעפּטשענדיג). אלבערט אלץ! אלץ מיט אלבערטען!

ליבא. וואָס איז די מער? אייפערזיכטיג?

נחום (ווי פריער). האָסט יעצט געמאָגט קומען אהער אָהן מר. פּאַרמאַן.

ליבא. אָה, רעד נישט קיין נארישקייטען. ווילסט זיך דאָך יעצט נישט צוקריגען מיט מיר.

נחום. ניין, וויים גאָט, ניין! אָבער עס פערדריסט מיך. אין מיין לעצטער פערטעל שעה...

ליבא. איך האָב דאָך נישט געוואוסט. — — סער אל־בערט, צוזעגענט זיך און פערנעמט זיך. איהר נעמט צו פּאפּא אין אייער אויטאָמאָביל. איך וועל אָבפיהרען אין אונזער אוי־טאָמאָביל אין קעמפּ.

פּאַרמאַן. אייער ווילען זאָל געשעהן.

לעסער. יאָ, איך האָב שוים טאקע געוואָלט. איך בין יעצט נאַרנישט געזעלשאפטספעהיג. בין יעצט עפּעס אזוי מיד. ווי איך וואָלט געשטאנען אין די טרענטשעס, העהעהע...

פּאַרמאַן (צו נחום'ען). איך בעדויער זעהר, וואָס איך בין יעצט נישט אם פּלאַץ. איך פיהל, יעצט געהער איך דאָ נישט. איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען. איך האָב איינפאך נישט געוואוסט. אָבער עס פרעהט מיך זעהר, וואָס דערווייל האָב איך געהאט די געלעגענהייט צו געזעגענען זיך מיט אייך. (גיט איהם

די האַנד. הארציג.) איך ווינש אייך פון גאנצען הארצען פאָהרען געזונד און קומען געזונד...

מ ר ס. ק א פ ל א ן (וויינט אויף).

נ ח ו ם. בעסטען דאנק.

פ אָ ר מ א ן. עס איז בלויז א צופאל, וואָס איך בין איבער דעם דרעפּט־אלטער, און אפשר דארף איך מיך שעמען, וואָס איך שטעק יעצט נישט אין דער אוניפאָרם און פאָהר נישט צוזאמען מיט אייך נאָך פראנקרייך.

ז ע ל צ ע ר. צייט! צייט!

פ אָ ר מ א ן. איך ווייס געוויס, איהר וועט זיין א מוסטער־סאָלדאט, אָבער נאָך מעהר ווינש איך, אז איידער איהר וועט קריגען די געלעגענהייט זיך אויסצוצייכענען, זאָל שלום — —

ז ע ל צ ע ר. צייט!

ל י נ א (וועלכע שטעהט ביי מרס. קאַפלאַן און גלעט זי). נענוג, אלבערט.

ל ע ס ע ר. לאָזט מיך א ווײלע, העהעהע...

פ אָ ר מ א ן (פערבויגט זיך און טרעט אָב).

מ ר ס. ק א פ ל א ן (אײלט אַרויס אין פארלאָר. חנה און זעלצער שבעל נאָך איהר).

ל י נ א. אָרמע פרוי!

ל ע ס ע ר. א פרוי בלייבט א פרוי.

פ אָ ר מ א ן (געהט צו צו דער פארלאָרטיר).

ל ע ס ע ר (געבענדיג נחומען די האַנד). אלזאָ פארגיט דאָר־טין די דייטשוקעס אזוי, אז זיי זאָלען האָבען צו געדענקען, און קומט באלד א היים צוריק און מיר וועלען שטעלען א חופּה. העהעהע... און מיר וועלען הוליען אויפ'ן גרויסען אופן. (גיעמט איהם אַרום און קוסט איהם.) פאָהרט געזונד, קומט בשלום נאָך פראנקרייך און.... (זיין געזיכט העבט אָן צו צוקען.)

ל י נ א. נו, גוט, גוט, פאפא! — — סער אלבערט, פארטיג!

פּאַרמאַן (אַריינרופענדיג אין פּאַרלאָר). גוד ביי! — — אַרמע פרוי! — — נאַ, נאָך אַ מאָל. (שאָקעלט נחומען די האַנד.) מיר וועלען זיך נאָך זעהן מיט אַ פרעהליכען הארץ נאָך אַ גרויסען זיעג. — — גוד ביי, לינא. (אַב מיט לעסער, וועלכער טריקענט זיך די אויגען.)

לינא. ביזטו צופריעדען?

נחום. עס האָט מיר אַזוי וועה געטאָן.

לינא. דו טאָרסט נישט אייפערזיכטיג זיין. דאָס איז אונזער אָבּרעד. אַז דו וועסט אייפערזיכטיג זיין, וועט דיר די גאַנצע מלחמה נישט איינגעהן. איך וועל מיך דאָ זיכער נישט איינשליסען. עס קאָן זיין, אַז אין מיטען פון אַ פרעהליכער געזעלשאַפט וועל אַך זיך דערמאַנען אויף דיר דאָרטין אין די טרענטשעס און וועל געוויס זאָגען: „מיין אַרומינקער!" — — אָבּער איך וועל זיכער זיין אין פרעהליכע געזעלשאַפטען. דאָס דאַרפסטו וויסען. איך וועל מיך פון גאָרנישט אָבּזאָגען. איך ערלויב דיר אָבּער דערפאַר, אַז דו וועסט זיין אין פּאַריז, מאַגסטו אויך אַ לעב טאָן. איך גיב דיר מיין פאָלשטענדיגע ערלויבנים. בין איך נישט גוט?

נחום (כאַפּט זי אָן). אָה, הער אויף! דו ווייסט נישט, ווי דו טוסט מיר וועה! איך וויל, אַז דו זאָלסט אין גאַנצען אויסגעפילט זיין פון מיר, אַז דו זאָלסט מיך אויף קיין אויגענבליק נישט פערגעסען, נישט נאָר צופעליג דערמאַנען זיך אויף מיר.

לינא. ניטע, ניטע, ניטע! דו ווייסט, ווי איך בין.

נחום. ליעבסט דו מיך ווירקליך?

לינא. האהא! דו ווייסט עס... (דריקט זיך צו איהם צו.) אין געשלאָסענעם אויטאָמאָביל וועל איך דיר געגויער ענטפערען.

נחום. אָה, דו! (כאַפּט זי ליידענשאַפטליך אַרום.)

לינא (ציהט זיך צוריק און דראָהט מיט'ן פינגער אויפ'ן נאָז, צייגענדיג אויף דער פּאַרלאָרטיר).

חנה (געהט דורך פון פארלאר אין קיך). ענטשולדיגט, איך מוז האבען א גלאז וואסער.

נחום (דערשראקען). וואס איז מיט דער מאמען?

חנה. זי איז א ביסעל בערוהיגט. זי קומט גלייך ארויס. (פערשווינדט אין קיך.)

לינא. ווי זי וואלט געוואוסט, ווען דורכצוגעהן. האסטו איהר אנגעזאגט, זי זאל מיך דערמאנען וועגען דיר?

נחום. אה, לאז זי צו רוה!

חנה (געהט דורך צוריק מיט א גלאז וואסער).

לינא. איבריגענס, וואס טוט זי דא היינט? אין דיין לעצטער פערטעל שעה?

נחום. מיר וועלען זיך צוקריגען, לינא.

לינא. טאקע? און צוליעב איהר?

נחום. ניין! ניין! לינא! (לעגט ארויף די הענד אויפ'ן געזיכט.)

לינא. וואס איז? וואס בעדייט עס?

נחום. קום אין אויטאמאביל! קום לאמיר פאהרען! אליין מיט דיר זיין! קיינעם פאר די אויגען נישט האבען!

לינא. דא איז מאמא.

מרס. קאפלאן (ווערט אריינגעפיהרט פון חנה'ן און זעלצער'ן. רייטשעל געהט נאך).

נחום (נעמט אראב די הענד פון געזיכט און לאזט זיך צו דער מוטער). זיי געזונד, מאמע!

מרס. קאפלאן (כאפט איהם ארום מיט א געשריי).

חנה און זעלצער (וויינען).

לינא (א ווײלע אנקוקענדיג די וויינענדיגע מיט א רחמנות־פנים. שאקלענדיג טרויעריג דעם קאפ, צו דער פערגליווערט שטעהענדיגער רייטשעל). איך קאן נישט וויינען. איך קאן קרימען דאס געזיכט, אבער איך קאן נישט וויינען. איהר קאנט אויך נישט וויינען?

רייטשעל (טרוקען). איך האב שוין מיין חלק אָב־געוויינט.

לינא. איהר זייט אויך געווען פערליעבט אין ען?

רייטשעל (קוקט אָן לינא׳ן מיט א שאַרפען, שטרענגען בליק).

לינא. אָה, איך וועל אראָבגעהן צום אויטאָמאָביל. אייך אלעמען וועל איך דאָך נאָך זעהן. (דערהערט די שטימע.) ען, איך וועל אויף דיר ווארטען אין אויטאָמאָביל. (געהט צו דער טיר, ווענדט זיך אום, שטעהט א ווײַלע, קוקט אָן מיט א רחמנות־פנים די וויינענדיגע, שאָקעלט רחמנות׳דיג מיט׳ן קאָפּ, ווארפט צו א האַנדקוס און געהט אַרויס.)

נחום (בעפרייט זיך פון דער מאַמעס אומאַרמונג).

מרס. קאַפּלאַן (אָנכאַפּענדיג זיינע ארבעל). מיין זוהן! מיין זוהן! מיין זוהן! דו זאָלסט מיר גאַנץ בלייבען! דו זאָלסט מיר לעבען בלייבען!

נחום. יאָ, מאַמוניו, יאָ! פּאַס דיך דאָך!

מרס. קאַפּלאַן. אי!... אי!... איך וועל... איך וועל... (לאָזט איהם אָב.)

נחום. זייט געזונד, זעלצער! (צוקוסען זיך.) זייט געזונד, רייטשעל! (גיט איהר די האַנד, וויל זי צוציהען צו זיך און א קוס טאָן.)

רייטשעל (האַלט איהם אָב און זאָגט אַרויס טרוקען). זייט געזונד.

נחום. היט אָב די מאַמען, רייטשעל. (ווענדט זיך צו חנה׳ן.) דיך דאַרף איך נישט בעטען. זייט געזונד, דו גוטע, דו ריינע, דו... (עסט זיך איין מיט א לאַנגען קוס אין איהר.) זייט געזונד! (קוסט זי ווידער. האַלט צו איהר קאָפּ אין זיין אָרם, קוקט אַריין אין די אויגען לאַנג און עסט און רעדט לאַנגזאַם.) ווען דער היינטיגער טאָג... ווען איך וואָלט געוואוסט אויף וואָסער וועלט איך בין... ווען איך וואָלט מוט געהאַט... אך!... (לאָזט

אַב חנה'ן.) זיי געזונד, מאמוניו! (קוסט זי שנעל, דאן כאַפּט ער ווידער חנה'ן אַרום, קוסט זי און אײַלט אַוועק.)

מרס. קאַפּלאַן (ברעכענדיג זיך די פינגער, פיתרענדיג זיך די הענד דורך די האָר, רעדט ווי פערוואירט). אין גאָט'ס הענד! אין גאָט'ס הענד! יברכך יהוה וישמרך! יברכך יהוה וישמרך! אי! — — אי! — — אי — —

חנה (האָט אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויפ'ן טיש און וויינט).

רייטשעל (שטעהט מיט אַ שמערץ־פערציקטען געזיכט און צוגעמאַכטע אויגען).

פּאוזע.

זעלצער (געהט צו צו חנה'ן, גלעט זי אויף דער פּלייצע. בערוהיגענדיג). היינט — זייט איהר — כמעט א שטורם געוועזען.

חנה (שווידערט אויף).

פּאוזע.

מרס. קאַפּלאַן (מיט אַ שטאַרען בליק). יעצט וועלען זיך אָנהעבען שרעקליכע טעג.

פּאַרהאַנג.

# פערטער אַקט

ענדע זומער 1918. — דאָס זעלבע צימער. אויפ'ן טיש און בופעט בלומען.

ר י י ט ש ע ל (שטעהט ביים טעלעפאָן). די מומע און מיסס גיסין זיינען געפאָהרען ברייגגען איהם אַ־היים. — העללאָ!... יעס, ברייגגען איהם אַ־היים. — איך ווייס נישט. — איך ווייס נישט, ווי ער איז פערוואונדעט געוואָרען. — ניין, ער האָט עס קיינמאָל נישט געשריבען. — יעס. — גוד ביי! (הייגגט אויף דעם הערער, געהט לאַנגזאַם צו צום טיש, זעצט זיך מיט'ן געזיכט צו דער טיר, שפּאַרט־אונטער דעם קאָפּ מיט ביידע הענד, די אויגען אויסגעשטעלט אויף דער טיר, אומבעוועגליך, שטאַר. פּלוצלונג שטעהט זי אויף, שטעהט אַ ווײַלע שטיל, זעצט זיך איבער אויף דעם דערבייאיגען שאָקעלשטול און הייבט זיך אָן צו שאָקלען, אַנגעמענדיג אַ גלייכגילטיגע מינע. — די טיר ווערט שווער אויפגעעפענט. עס קומט אַריין נ ח ו ם, הינטער איהם מ ר ס. ק א פ ל א ן און ח נ ה. אַן עלעוויטאָר־מאַן ברייגגט אַריין אַ סאַקוואָיאַזש, שטעלט איהם אַוועק, קוקט אָן נחום'ען פּעראינ־טערעסירט און פערשווינדט. מרס. קאַפּלאַן, חנה און נחום נעמען פון זיך אַראָב די אויבערמאַנטלען און די היט אין פאָרצימער. נחום טראָגט שוואַרצע ברילען און הינקט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטאָק; אויף דער ברוסט אַ מעדאַל. רייטשעל שטעהט לאַנגזאַם אויף.)

נ ח ו ם (רופט אַריין ביים אויסטאָן זיך). עליכם שלום, רייטשעל!

ר י י ט ש ע ל (ענטפערט עפּעס אָב, שווער און שמערצפול אויפ־עטמענדיג).

מ ר ס. ק א פ ל א ן (טרעט אריין אין עסצימער און ווינקט אויף).

ח נ ה (בערוהיגענדיג זי). גענוג. גענוג. (נעמט דעם סאַקוואַיאַזש און טראָגט אַוועק אין אַנדער צימער.)

מ ר ס. ק א פ ל א ן (געהט אריין אין קיך).

נ ח ו ם (געהט־צו צו רייטשלען, גיט איהר די האַנד). שלום עליכם! (שמייכעלט.) הם! (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס, פּערוויבערט, זעצט זיך אויפ׳ן פאָטערשטול.) וואָס־זשע מאַכסטו, רייטשעל?

ר י י ט ש ע ל (אַוועקזעצענדיג זיך). אַ דאנק.

נ ח ו ם. ביזט נאָך אלץ ברגז? קינד, דארפסט דאָך גאָט דאנקען. וואָס וואָלסטו מיט מיר יעצט געמאַכט? אָהן אַן אויג, א הינקעדיגער, א קראנקער, א נערוועזער...

ר י י ט ש ע ל. איך וואָלט מיין חלק געטראָגען, ווי מיר איז בעשערט.

נ ח ו ם. דו וואָלסט דיך זעהר אונגליקליך געפיהלט.

ר י י ט ש ע ל. דאָס קאָנסטו ניט וויסען.

נ ח ו ם. מערקווירדיג.

ר י י ט ש ע ל. פאר וואָס מערקווירדיג?

נ ח ו ם. הייסט עס, אז מען ליעבט, איז... אָבער פאר וואָס איז זי נישט געקומען בעגעגענען מיך ביים שיף? — ווייסטו עפּעס פון לינא׳ן?

ר י י ט ש ע ל (שווייגט).

נ ח ו ם. ווייסטו עפּעס פון לינא׳ן? פאר וואָס שווייגסטו אזוי? פאר וואָס ענטפערסטו מיר נישט? (שטעהט אויף, מאַכט אַ שריט צו איהר.) רייטשעל!

ח נ ה (קומט אַריין). דו קאָנסט דיך געהן ארומוואשען און איבערטאָן. אלץ איז פארטיג.

נ ח ו ם (פּאַסט זיך, צודריקט דעם פּאַפּיראָס אין אַשבעכער און געהט אַרויס).

חנה. איהר האָט דאָ מיט איהם גערעדט וועגען לינא'ן? ער האָט אויסגעזעהן אזוי אויפגערעגט.

רייטשעל. דאָס איז דערפאר, וואָס זיין הארץ זאָגט איהם. און איך זעה נישט איין דעם שכל, פאר וואָס מען בעהאלט עס פון איהם.

חנה. אָה, ניין... זאָל ער עס פון איהר אליין הערען.

רייטשעל. אָה, יע, איהר וועט נאָך צייט האָבען צו פרעהען זיך.

חנה. ווי מיינט איהר עס?

רייטשעל. אָדער פרעהט איהר זיך שוין?

חנה. איך פערשטעה אייך נישט.

רייטשעל. בלומרסט.

חנה. איך פערשטעה אייך ווירקליך נישט. אָדער —?

רייטשעל. נו, זעהט איהר, איהר פערשטעהט מיך דאָך. איהר מוזט זיך דאָך פרעהען, וואָס יעצט איז אייער „געלעגענ־הייט" — אָדער זייט איהר איצט מוחל אייער „געלעגענהייט"?

חנה. אויף דערויף איז גלייבער נישט צו ענטפערען.

רייטשעל. איהר האָט מורא צו פערראַטען זיך? איהר דארפט זיך נאָך איבערלעגען. צווישען דעם מר. זעלצער מיט א הארצפעהלער און דעם בלינדען און הינקעדיגען נחום, איז נאָך אלץ פיליכט נחום בעסער.

חנה (קוקט זי אָן מיט גרויסע אויגען, שעפטשעט אַרויס). איך וואונדער מיך בלויז, צו וועלכע געמיינהייטען מענשען קאָנען זיך דערקלערען. (געהט אין קיך.)

רייטשעל (שיסט בייז אַרויס און טאַפּעט־אויף מיט'ן פוס).

מרס. קאפלאן (קומט אַרויס פון קיך). איך וועל איהם געהן העלפען... אפשר דארף ער מיך האָבען... אַי, וועה, אַי, וועה...

רייטשעל (נישט קוקענדיג אויף איהר). ווי זיינען זיינע איבעריגע וואונדען? פערהיילט?

מרס. קאפלאן (בלייבט שטעהן, ווי זי וואלט איהרע אויערן נישט געגלויבט). האסט מיך געפרעגט?

רייטשעל (ענטפערט נישט).

מרס. קאפלאן (שאקעלט פארוואורפספול מיט'ן קאפ און געהט ארויס).

רייטשעל (פערוואורפט דעם קאפ אויף'ן וועגטעל פון שאקעל־שטול און לעגט ארויף די הענד אויף די אויגען. — עס טעלעפאנירט. רייטשעל בעוועגט זיך לאנגזאם צום טעלעפאן).

חנה (בעוויזט זיך אין דער קיכענטיר).

מרס. קאפלאן (בעוויזט זיך אין דער טיר רעכטס).

רייטשעל (ביים טעלעפאן). העללא! יע. — יע. — יע. (הייבט אויף דעם הערער.) לינא, פארמאן און לעסער קומען אהער. זיי זיינען ערסט אנגעקומען פון דער קאונטרי און פאהרען גלייך אהער.

מרס. קאפלאן (ווישט זיך די אויגען). אך, גאטוניו! (פערשווינדט צוריק.)

חנה (פערשווינדט צוריק אין קיך).

רייטשעל (שטעלט זיך ביים פענסטער מיט צונויפגעלעגטע הענד אויף דער ברוסט, שטאר און פערשטייגערט).

נחום (קומט אריין איבערגעטאן. ער איז זעהר אויפגערעגט און רויכערט א פאפיראס נאך א פאפיראס).

מרס. קאפלאן (הינטער איהם, טריקענדיג זיך די אויגען).

נחום (צו רייטשלען). וועט זי באלד קומען? ווער איז געוועזען ביים טעלעפאן? זי?

רייטשעל. איך גלויב, מר. פארמאן.

נחום. דער אייביגער בעגלייטער... א שאד, וואס דו האסט מיך נישט צוגערופען.

רייטשעל. ער האט שנעל אבגערעדט און אויפגעהאנגען דעם רעסיווער.

נחום. איך וואלט זי צוגערופען. איך וואלט געוואלט הערען איהר שטימע...

חנה (ברייננט אריין א טאסע קאפע מיט קוכען).

נחום. דו ווייסט עס שוין מסתמא. לינא קומט אהער. זי איז ערסט אנגעקומען פון דער קאונטרי און פאהרט גלייך אהער... הערט, איך וויל איך עפּעס בעטען. ווי זי וועט קומען, זאלט איהר מיך לאזען אליין. מיט איהר. איהר'ט פערשטאנען?

רייטשעל. עס וועלען דאך זיין מיט איהר מר. פארמאן און מר. לעסער.

נחום (גערייצט). וועט איהר זיי אויך אוועקנעמען! ווארפט זיי ארויס פון פענסטער, אויב איהר ווילט. דערשטיקט זיי דארטין, אויב איהר ווילט.

מרס. קאפלאן. נו, נו, וואס דארפסטו זיך אזוי ערגערן.

נחום. צו וואס דארף מען רעדען זעלבסטפערשטענדליכ־קייטען?! איך וועל אפשר נישט קאנען אויפשטעהן און זאגען איהר: קום מיט מיר אין מיין צימער. אבער איהר וועט קאנען אלעמען ארויסבעטען אין פארלאר. דארט איז קיהלער, וועט איהר זאגען. דארטין זיינען מעהר פענסטער. דארטין זיצט זיך בעסער. מאלע וואס איהר וועט זאגען.

מרס. קאפלאן. געוויס. מיר וועלען שוין וויסען, וואס צו זאגען. טרינק דיין קאפע.

נחום (א זוס טועכדיג). דער עיקר, נישט פערגעסען. נישט פערהרעדען זיך. איך זאל איך נישט דארפען ארויסווינקען מיין איינציג אויג אונטער מיין שווארצער בריל, און איהר זאלט נישט זעהן.

מרס. קאפלאן. זוהן מיינער!

נחום. נו, יא! נו, יא! (טרינקט און רויכערט.) איך בין א ביסעל אויפגערעגט. איך לייקען נישט. — און, איהר'ט זי שוין לאנג נישט געזעהן. ווייסט איהר נישט, ווי זי זעהט אויס. איך

קאָן מיר פאַרשטעלען. שטענדיג ווען זי איז אין קאונטרי, בליהט זי זיך פאנאנדער ווי א בלום. פראכטפול איז זי. — טייער מיי־דעל! זי וועט זיך דערשרעקען, ווען זי וועט מיך דערזעהן. פער־דאמטע גראנאטע! מיינט איהר נישט, איך זאָל בעסער אראָב־נעמען די שווארצע ברילען און אָנטאָן אויף'ן אויג א שווארצען דעקעל? אויסערדעם — אויסערדעם זעה איך דאָך אלעמען שווארץ, און איך וואָלט זי געוואָלט זעהן, ווי זי איז. (עס קלינגעלט.)

חנה (געהט עפענען די טיר).

נחום (שפרינגט־אויף). לינא! לינא! לינא! לינא!

זעלצער (קומט אריין).

נחום. הם! העהע־ם! העהע־ם!

זעלצער (איילט צו איהם צו, כאַפּט איהם ארום און קושט איהם).

נחום (קלאַפּט איהם פריינדליך אויפ'ן רוקען). שאלאָם, זעלצער, שאלאָם! זעץ זיך. ווילסט קאפע? נא, רויכער! — אך, דו טאָרסט דאך נישט. — וואָס־זשע מאכסטו? — ווי זעה איך דיר עפּעס אוים? זעה איך נישט אוים שיין מיט מיינע שווארצע ברילען? מיינע טונקעלע אויגען זיינען שווארצער גע־ווארען. און וואָס איז א קירצערער פּוס? וועל איך נ י ש ט מאנצען, האהא!

זעלצער. אך, ברודער! דו מיט איין אויג ביזט נאָך אלץ שענער פאר מיר. און אויב דו האָסט איצט א קירצערען פוס, בין איך נאָך אלץ מעהר קאליקע פאר דיר מיט מיין שוואכען הארץ.

נחום. גערעכט, גערעכט. זוך פאר מיר אוים נאָך עפּעס אדרעסען פון גרעסערע קאליקעס פאר מיר. דארפסט מיך אָבער נישט טרייסטען, ברודער'ל.

זעלצער. טרייסטען! הלואי וואָלט דאָס מיר בעשערט געוועזען אין ארץ ישראל. פערליערען א האנד, א פוס, אן אויג, — דאָס לעבען — פעט מאכען מיט דעם אייגענעם בלוט די ערד און

גליקליך זיין אין דעם גלויבען, אז איך האָב געהאָלפען עפּעס אויפ־טאָן, אז — —

נחום. יאָ... יאָ... איך... איך וועל טאקע אראָבנעמען די שווארצע ברילען. נישט אזוי שרעקליך זיין. און וועל זעהן קלאָרער איהר קלאָר געזיכט. (ער פּאטשט זעלצער׳ן אויפ׳ן קני.) ברודער, לינא קומט באלד צו מיר! דו ווייסט, ביזט אריינגעקומען נישט אין דעם פּסיכאָלאָגישען מאָמענט. איך ווארט אויף לינא׳ן, עס קלינגט, איך שפּרינג אויף אויף מיין פוס, פול פרייד: לינא! לינא! — און דו קומסט גאָר אריין... העהע!... עס מאכט נישט, דו ביזט ביי מיר אן אָנגעלעגטער גאסט. יאָ. איך וועל געהן אראָבנעמען די שווארצע ברילען און אָנטאָן דעם שווארצען דעקעל אויף דאָס גראנאטענלאָך אין מיין שיינעם פּנים. א גאנצע גרוב האָט זי אָנגעמאכט, צום טייפעל! (הינקט ארויס.)

מרס. קאפּלאן (נאָך איהם).

זעלצער. ווי? ער וויים נאָך נישט — —

חנה. ששש...

זעלצער. וועל איך דאָ בעסער נישט זיין. צו מיין שוואַ־כען הארץ פּאסט נישט אזא בעגעגענים. און עס קומען נאטירליך דער מר. פאָרמאן מיט זיין גלאטקייט און זיין זעלבסטצופריעדענ־הייט, און דער מר. „העהעהע" — איך קאָן זייערע פּרצופים נישט אָנזעהן. איך וועל מיך בעסער אָבטראָגען.

חנה. אך, יאָ, אנגענעמע מענשען זיינען זיי נישט געוועזען.

זעלצער (איבערגעבויגט איבער חנה׳ן, זאָגט איהר שטיל). און ווייסט איהר וואָס, חנה? איצט זאָלט איהר בלייבען דאָ. איהר פערשטעהט, וואָס איך מיין? אויף שטענדיג זאָלט איהר דאָ בלייבען.

רייטשעל. האהא!

חנה (לאסצעט זיין האנד). לויפט נישט אין פאָראויס, זעלצער.

זעלצער. ניין, איך מיין עס ד״ר׳אמת׳ען. איך ציה

מיך צוריק. גאנץ צוריק. אויף אייביג. איך בין נישטא מעהר. אוים. איצט איז אייער פּלאַץ דאָ. ביי איהם. איך מיין עס ערנסט. איהר טאָרט זיך נישט אָבשטעלען ביי דעם, וואָס ער איז אַ קריפּעל. איהר וועט זיך אויך נישט. איהר זייט דאָך נישט ווי יענע, די בויכטענצעריין. און איך זאָג אייך, איך וועל יעמאָלט געזונד ווערען. איך וועל מיך עפּעס ווי בעפרייען. עס וועט מיר ווערען אַזוי לייכט אויפ'ן הארצען. אמת לייכט אויפ'ן הארצען. איך וועל עפּעס פיהלען, ווי איך אליין וואָלט אייך אויס־געגעבען.

חנה. אָבער, זעלצער! ער דאַרף עס אויך נאָך וועלען.

זעלצער. ווי וועט ער עס נאָך וועלען, הא! איך ווייס אָן מיר נאָך. איך ווייס, וואָס איך וואָלט געפיהלט, ווען — — וואָס פאַר אַ וואָרמקייט, וואָס פאַר אַ ריהרענדע האנקבאר־קייט — — מיר קריפּעלס — ער וועט... (נחום און מרים. קאַפּלאַן קומען צוריק אריין. נחום האָט אַ שווארצען דעקעל אויף זיין לינקען אויג.)

נחום. אזוי איז בעסער, ווי? איצטער וועל איך איהר פּנים נישט פערשווארצען, האהא! — וואָס־זשע קומט זי נאָך נישט. מיינט איהר נישט, אַז זי האָט שוין דאָ געדאַרפט זיין?

זעלצער. איך מיין אָבער געוויס, אַז איך דאַרף דאָ שוין נישט זיין. געקומען, געזעהן, ניו יאָרק איז מיר עפּעס ווידער פּולער געוואָרען, צוריקבעקומען מיין גוטען קונד אויף בילעטען — און שאלאָם! (גיט איהם די האַנד.)

נחום. שאלאָם! שאלאָם! וואַרט, איך האָב דיר עפּעס געוואָלט זאָגען. אַה, יאָ. איינמאָל אין אַ שיינער לבנה־נאַכט, אין אַ טרענטש, נישט ווייט פון דער דייטשער ליניע, אונטער אַ טויב מאַכענדיגען געריוש פון פּלאַצענדיגע גראַנאַטען, האָב איך זיך גאָר עפּעס פערטראַכט און דערמאָנט זיך, ווי דו האָסט מיר איינמאָל אין אַ דענקווירדיגען טאָג אַ זאַג געטאָן, אַז דו האָסט מיך

ליעב און אז איך בין א גוטער, עהרליכער מענש, און איך האָב גע־נומען און ארויסגעשמיסען דיך.

**זעלצער.** האָסטו אין גערדאנקען אויף דערויף חרטה געהאט?

**נחום.** ניין. איך האָב אָבגעשמייכעלט און דיך ווידער ארויסגעשמיסען. גאָט דערבאַרעמדיגער, פאַר וואָס קומט זי נאָך נישט?

**זעלצער.** איך דאָפּעלט ארויסגעשמיסענער טראָג מיך אָב, איך זאָל ווידער נישט ארויסגעשמיסען ווערען. שאַלאָם, אלע!

**נחום** (רופט איהם נאָך). דאָס צווייטע מאָל וועלען מיר מעהר פערברייגגען. איך האָב א סך צו דערצעהלען. וואַרט, איך וויל דיך עפּעס בעטען. שטעה אונטען און לאָז קיינעם צו אונז נישט קלינגען. ביז זי קומט. איך וויל נישט אומזיסט אויפ־גערעגט ווערען. פערשטעהסט!

**זעלצער** (אין טיר, פערבויגט זיך, גריסט אויפ'ן אראבישען שטייגער און פערשווינדט).

**נחום.** קיינער האָט זיך אין גאָרנישט געביטען. און דאָס לעבען וועט ווידער אוועקגעהן זיין אלטען גאַנג. — איך וועל מוזען ביי איהר מחילה בעטען. גאָט, פאַר וואָס האָט זיך מיר געדאַכט, אז זי וועט נישט קומען? — איהר'ט נערענקען, אז איך וויל בלייבען אליין. (עס קלינגט.) אהההה, זי—י—י! (שטעהט אויף און געהט ענטגעגען.)

**חנה און רייטשעל** (געהען אוועק אין פּאַרלאָר).

**מרס. קאַפּלאַן** (עפענט אויף די טיר. לינא, לעסער און פאַרמאַן קומען אריין. פאַרמאַן האַלט א גרויסען בוקעט).

**לינא.** מיין אָרמער יונג! (נעמט אַרום נחום'ען מיט דער רעכטער האַנד און הריקט צו איהר באַק צו זיין קאָפּ, וועלכען ער בעהאַלט אויף איהר שולטער, בעקעמפּפענדיג אן אָנפאַל פון טרערען).

**לעסער און פּאַרמאַן** (בעגריסען זיך מיט מרס. קאַפּ־

לאַן. פֿאַרמאַן גיט איהר איבער די בלומען, וועלכע זי לעגט אוועק אויפֿ'ן טיש).

לעסער. אבי געקומען א לעבעדיגער, מרס. קאַפּלאַן! אבי געקומען א לעבעדיגער! ער זעהט נאָך גוט אויס, וואָס ווילט איהר. ווייס ער פון...?

מרס. קאַפּלאַן. ניין, מיר האָבען איהם גאָרנישט געזאָגט.

לעסער. איהר הערט, פֿאַרמאַן? דאָס איז ערגער ווי אלץ. אבי מיר האָבען געמיינט, אז מיר קומען אויף אלעם פאַר־טיגען?

נחום (האלט זיין געזיכט פערגראָבען אויף לינאַ'ס פּלייצע). לינאַ! מיין לינאַ!

לינא (פּעטשעלט איהם איבער'ן רוקען). מיין אָרמער יונג! מיין אָרמער יונג!

מרס. קאַפּלאַן (צו אַלעמען און צו קיינעם נישט). ווילען מיר נישט אריין אין פּאַרלאָר?

לעסער. איך וועל נאָר נאָך א קוק טאָן אויף אונזער העלד, איך האָב איהם דאָך נאָך נישט געזעהן.

לינא (צו נחום'ען, ווי צו אַ קינד). מיין אָרמער יונג! ווילסטו זיך נישט בעגריסען מיט פּאַפּא און מר. פֿאַרמאַן?

נחום (קוקט זיך אַרום און תינקט שנעל צו צו לעסער'ן). העללאָ, מיין אלטער!

לעסער (כאַפּט אָן זיין האַנד מיט ביידע הענד, דריקט איהם צו זיך צו, קוסט איהם, קוקט איהם אָן גערירט מיט צוקענדיגען געזיכט).

פֿאַרמאַן (שטיל צו לינאַ'ן). ער ווייס נאָך גאָרנישט.

לינא. איך האָב'ס פערשטאַנען. מיין אָרמער יונג!

לעסער. העללאָ! העללאָ! העללאָ! אבי געקומען א לעבעדיגער! — און נאָר נישט אזוי שלעכט אָבגעקראָגען. עס האָט געקאָנט זיין אַ סך ערגער, העהע!... און דעם אָרדען אויף

דער ברוסט! מיר האָבען געלייענט אין די צייטונגען. פיין! העהע. (צו פאַרמאַנ׳ען.) וואָס זאָגט איהר, האַ?

פאַרמאַן (צוּאייליענדיג). העללאָ, קעפּטען!

נחום. העללאָ, פאַרמאַן!

פאַרמאַן (דריקענדיג איהם די האַנד). זעהר צופריעדען צו זעהן אייך! זעהר צופריעדען! איך קאָן אייך נישט אויס־דריקען, ווי מיר טוט זעהר לייד....

לעסער. לייד! וואָס פאַר א לייד! ווער רעדט פון לייד! „לייד“ רעדט ער גאָר!

פאַרמאַן. ריכטיג. ריכטיג. מיר מוזען זעהן די זאַך —

לינא. מען האָט אייך געבעטען אין פּאַרלאָר.

לעסער. העהעהע... (אָב.)

פאַרמאַן (אָב, מיט אַ פערבויגונג און אַ בליק אויף לינא׳ן).

מרס. קאַפּלאַן (אָב נאָך זיי און מאַכט צו די טיר).

נחום. בעסטען דאנק! אַה, לינא! (נעמט זי ווידער אַרום, וויל זי קוּסען, אָבער ווען זי וויכט אויס זיין קוס, שרייט ער כמעט אויס פערוואונדערט, איבערראַשט, דערשראָקען.) וואָס איז? לינא?

לינא. מיין אָרמער יונג!

נחום. פאַר וואָס — — ?

לינא. דו ווייסט עס נאָך נישט?

נחום. וואָס וויים איך נאָך נישט?

לינא. איך האָב געמיינט, דיינע לייט האָבען דיר שוין דערצעהלט. עס איז דאָך געווען אין אַלע ניו יאָרקער צייטונגען.

נחום. וואָס איז געווען אין אַלע ניו יאָרקער צייטונגען?!

לינא. ווילסטו זיך נישט צוזעצען? דיר מוז דאָך שווער זיין צו שטעהן.

נחום. וואָס איז געווען אין אַלע צייטונגען?!

לינא. ניין, ניין, דאַרפסט זיך נישט אַזוי אויפרעגען. קום

זעץ זיך, און איך וועל מיך צוזעצן לעבען דיר, וועסט אוועקלעגען דיין קאָפּ אויף מיין שולטער. קום, זעץ זיך.

נחום. איך וויל וויסען — —

לינא. אַך, איך וועל דיר שוין זאָגען. (זעצט איהם אַוועק אויפ'ן פאָטערשטול און שטעלט זיך פאַר איהם אויף די קני.)

נחום. לינא! לינא!

לינא. קאָן איך א קוק טאָן הינטער דעם שווארצען דעקעל?

נחום. מאכט דיר פערגניגען, ווען דו מאטערסט מיך?

לינא. איך וועל נאָר א קוק טאָן הינטער'ן דעקעל.

נחום. צו וואָס? צו וואָס?

לינא. איך וויל בלויז זעהן, וואָס דאָרטען טוט זיך. איך האָב דאָך יענעם פלאַץ א סך מאָל געקוסט.

נחום. יעצט איז דאָרטען א לאָך. א גרויס לאָך. א פינ־סטערניס, און א גרויסער שמערץ. קוק, אויב דו ווילסט! (וויל אויפהעבען דעם דעקעל.)

לינא (כאַפּט איהם אָן פאַרביידע אָרמס, שוידערט און מאַכט צו די אויגען).

נחום. וואָס איז געוועזען אין די צייטונגען?

לינא (עפענט־אויף די אויגען). העהע. א קליינע מעלדונג.

נחום. אז?

לינא. לינא לעסער און אלבערט פאָרמאַן —

נחום. אההה...

לינא. פער'קנס'ט!...

נחום (די פויסטען דריקענדיג צו די ציינער און צומאַכענדיג דאָס אויג). אהההה... אהההה...

לינא. מיין אָרמער יונג! ווי ער ליידט דורך מיר!

נחום. לינא! ליננא! ליננא!

לינא. איך בין שלעכט, איך בין זעהר לייכטזיניג.

נחום (געפּאַסט). ווען איז דאָס געשעהן?

לינא. מיט צעהן טעג צוריק.

נחום. ווען איך האב דיר געקיבעלט, אז איך פאהר א חיים.

לינא. איך האב דאך נישט געוואוסט, אז דו ביזט אזוי ווענינ פערוואונדעט. פאר וואס האסטו מיר נישט געשריבען? — און אפשר וואלט איך סיי ווי סיי. איך האב דאך ליעב געהאט דיינעביידע אויגען. און דו וואלסט מיר לאנגווייליג געווארען, ווען איך וואלט נישט געקאנט מיט דיר טאנצען. אבער ווייסטו, ווען דו וואלסט אפילו נישט געוועזען פערוואונדעט, וואלט דאס אויך געשעהן. דאס איז דער ריינער אמת. פערשטעהסט דאך: דו ביזט נישט געוועזען, און פארמאן איז געוועזען פאר די אויגען יעדען טאג און יעדען טאג. איך פלעג דאך געוועהנליך ערלויבען איהם מיר די האנד צו קוסען, אבער אז דו ביזט אוועק... איך האב דאך געמוזט פון עמיצען געקוסט ווערען! אך, דו האסט געדארפט זיך ריכטען, אז מיט מיר וועט עס געשעהן!

נחום. איך האב מיך געריכט. דער עיקר נאך דיין בריעף פון צוואנציגסטען מאי.

לינא. וואס האב איך דען געשריבען אין יענעם בריעף? מיינסט, איך געדענק? איך געדענק נישט, וואס איך רעד, איך געדענק נישט, וואס איך שרייב.

נחום. דיין בריעף איז פול געוועזען פון פארמאנען.

לינא. נו, יא. ווי האט דאס אנדערש געקאנט זיין? אז גאנצע טעג איז ער נישט אבגעטראטען פון מיר. און ער איז גע־וועזען אזוי ליעב, אזוי זיס, דער גוטער יונג!

נחום (מיט טרוקענער שטימע). און אין דעמזעלבען טאג האט מיך געטראפען די דייטשע גראנאטע.

לינא. אה, ווען איך וואלט דאס געוואוסט, וואלט איך דעם בריעף נישט געשריעבען.

נחום. דו ווייסט נישט, וויפיעל אמת דו האסט יעצט געזאגט!

ליבא. מיין באבע פלעגט זאגען: איין צרה שלעפט די אנדערע.

נחום. אההההה!... (ברעכט ארויס כמעט מיט טרערען.) אבער איך ליעב דיך דאך! איך ליעב דיך דאך אזוי שטארק!

ליבא (קוקט צו איהם ארויף, זופצט שווער אויף). אהה! — וועסט יעצט שטענדיג ארומגעהן מיט דעם שווארצען דעקעל? דו וואלסט בעסער געטראגען שווארצע ברילען. איך גלויב, שווארצע ברילען וועלען דיר גוט געהן. איך האב געזעהן פאטאגראפיעס פון בלינדע סאלדאטען מיט שווארצע ברילען — מסתמא אויך בלויז איין אויג פערלארען — האבען זעהר גוט אויסגעזעהן. איינעם געדענק איך נאך. מיט אזא רונדען געזיכט — צום צוקוסען.

נחום. און דאס האב איך דאך ליעב אין דיר. אט דעם אונזין, אט דאס רעדען...

ליבא. אה, קאנסט קומען צו זעהן מיך אזוי אפט, ווי דו ווילסט. איך וועל דיר אנרעדען דעם שענסטען און בעסטען אונ-זין — אויב פארמאן וועט נאר געבען די געלעגענהייט. דו ווייסט, ווען דו וועסט זיך פערבייניקען נאך מיין אונזין, קאנסטו מיך אב-רופען אין טעלעפאן.

נחום. געדענקסטו אונזער צושיידען זיך? געדענקסטו אין דעם אויטאמאביל?

ליבא (מיט צוזאמענגעשלאגענע ציינער). אה, ווי נעטליך איז עס געוועזען! נאטירליך געדענק איך. איך געדענק אפילו מיסס גיסין. האסט זי שוים געזעהן? וואס מאכט זי?

נחום (מיט איינגעהאלטענעם כעס). זי איז אין פארלאר, קאנסט זי פרעגען.

ליבא. אונזער זיין אונטער דריי אויגען — אה, ענטשולדיג מיר דעם וויץ! — האט אויפגעהערט?

נחום (ווי פריער). האט אויפגעהערט.

ליבא. אה, איך וויל נישט, עס זאל זיך אזוי ענדיגען.

קאָנסט מיך ארומנעמען און געבען א גוטען קוש — אזוי ווי אין אויטאָמאָביל. (דריקט זיך צו איהם צו.)

נ ח ו ם (העבט פלוצלונג אויף די פויסט און שיפּעט אַרוים). אוועק! — אוועק! — איך צושמעטער דיך! — איך — — — ! (כאַפּט זי אָן פאר ביידע שולטערן און טרייסעלט זי.) פאר וואָס ביזטו געקומען צו מיר? ווי האָסטו זיך נישט געשעמט קומען צו מיר?! האָסטו נישט געוואוסט, ווי מיר ווערט עס זיין? — אההה, דו!... איך האָב מיך אָנגעזעהן א סך בלוט... איך האָב געטראָטען אין בלוט... איך בין געשלאָפען אין בלוט... איך קאָן דיך איצט... איך קאָן דיך איצט... דיך און דיין פאָרמאַן און זיך... דו־ו־ו... (כאַפּט זי אָן פאר'ן האלז ווי צו דערשטיקען, שטויסט זי אָבער באַלד אוועק פון זיך, אז זי פאַלט.) געה! געה!

ל י נ א (צוערסט דערשראָקען, העבט זיך אויף פון באָדען פול פערלאָבטונג, מאַכט זיך צורעכט, געהט צום פארלאָר און עפענט־אויף די טיר). פאָרמאַן, פּאַפּא, מיר קאָנען פאָהרען. (דרעהט זיך אוועק פון דער טיר און לאַכט אויף מיט פערלאַכטונג.) האהא!... (קוקט ווי־דער אריין אין פארלאָר.) מיסס גיסין, איך געה אוועק, איהר קאָנט אריינקומען. (געהט צו דער אַרויסגאַנגטיר. פארבייגעהענדיג פאר נחום'ען, קוקט זי איהם אָן פול פערלאַכטונג און לאַכט ווידער אויף.) האהא! (אָב.)

פּ אָ ר מ א ן (אַרויסקומענדיג פון פארלאָר צוזאַמען מיט לעסער'ן און מרס. קאַפּלאַן, מאַכט א בעוועגונג נאָכצוגעהן לינאַ'ן). אדיע, קעפּטען!

נ ח ו ם (העבט־אויף איהם אויף זיין שטאַרען בליק).

פּ אָ ר מ א ן (גוטמוטיג). איהר דאַרפט מיך אזוי נישט אָנ־קוקען, קאַפּלאַן. מיר זיינען קוויט. איך האָב אוועקגענומען מיינס.

נ ח ו ם. איך וואונדער מיך אייך דאָ צו זעהן.

פּ אָ ר מ א ן. פּאַרדאָן, איך בין לינאַ'ס אייבינער בעגלייטער. איך האָב שוין נישט איין טאַקטלאָזיגקייט דורך דעם בע־גאַנגען און וועל מסתמא ווייטער אויף בעגעהן. און אויסערדעם,

מיין ליעבער פריינד, מוזט איהר דאך געדענקען, ווי איך האב מיך בענומען, ווען איהר זייט דער זיעגער געוועזען. אדיע, קעפטען. (פערבויגט זיך.) אדיע, מרס. קאפלאן. (אב.)

ל ע ס ע ר (קומט־צו, קלאפט נחום'ען אויף דער פלייצע). נו, נו, נו, נישט אזוי זיך צום הארצען נעמען. איהר גלויבט אין בעשערט? איהר מוזט גלויבען אין בעשערט, העהע. זי איז נישט בעשערט געוועזען אייך, זי איז בעשערט געוועזען פארמאנ'ען, האט עס געמוזט אזוי זיין. ווען זי וואלט נישט געווארען אייער כלה, וואלט איהר אין מלחמה נישט געגאנגען, וואלט איהר נישט פער־וואונדעט געווארען, העהע... אבער יעמאלט וואלט איהר דעם אר־דען אויך נישט געהאט, העהע... נא, זייט ביי אייך נישט אראב־געפאלען. וואס איז שייך אונזערע בעציהונגען — בלייבען זיי די אלטע, די בעסטע. ווי גארנישט וואלט זיך געביטען. אייער פלאץ ביי מיר אין געשעפט — צו יעדער צייט. איין אויג זעהט נאך מעהר, העהע... און אייער פום האב איך קיינמאל נישט בעדארפט, העהע... אט דאס האב איך בעדארפט — אייער קאפ. און ער איז שטארק אויף די פלייצעס. איהם האט אפילו א דייטשע גראנאטע נישט געקאנט נעמען, העהע... אלזא, מיר וועלען זיך דאך זעהן, ווי?

נ ח ו ם. ניין.

ל ע ס ע ר. ניין? ניין? איך פערשטעה נישט, פאר וואס ניין? איך וועל אייך זאגען נאך מעהר: איך באט אייך ווידער אן שותפות.

נ ח ו ם. ניין.

ל ע ס ע ר. הערט, אז איהר זייט ברגז אויף דער טאכטער, דארפט איהר ברגז זיין אויפ'ן טאטען? העהע... זאל דוכטען, אז קיין שידוך איז קיינמאל נישט געוועזען. זייט איהר נישט קיין בן מלך, העהע... אבער איהר קאנט דאך זיין א שני למלך, העהע... וואס זיצט איהר אזוי ווי פערשטיינערט, וואס? איהר ווייסט,

איך קאָן דאָך נעמען און צושרייען זיך. איך קאָן איך נאָך אויס־זידלען.

נ ח ו ם. מר. לעסער, גענוג.

ל ע ס ע ר. דאָס איז מיר אמת פערדראָסיג. דאָס קריינקט מיך ביז'ן ביין. אָבער איך מוז זאָגען, איך האָב קיין פאַראיבעל נישט! און צו יעדער צייט, צו יעדער צייט... קאַפּלאַן, צו יעדער צייט... אדיע! (גיט איהם די האַנד.)

נ ח ו ם (קוקט נישט אין זיין זייט).

ל ע ס ע ר. ווי? העהע... הם... נע... ער איז משוגע, העהע. אַ גוטען טאָג אייך, מרס. קאַפּלאַן, איהר'ט'אָך מיר אייער האַנד געבען?

מ ר ס. ק א פּ ל א ן (גיט איהם די האַנד, שאָקעלט טרויעריג דעם קאָפּ).

ל ע ס ע ר (מיט אַ זיפץ). נאַ, נאַ. און ווי געזאָגט, איך האָב אויף איהם קיין פאַראיבעל נישט. אדיע. (געהט צו דער טיר.) העהע... נו, יאָ... העהע... (אָב.)

מ ר ס. ק א פּ ל א ן. זוהן מיינער!

נ ח ו ם. פאַר וואָס האָסטו מיר נישט דערצעהלט? פאַר וואָס האָסטו פון מיר בעהאַלטען?

מ ר ס. ק א פּ ל א ן. מיר האָט עפּעס דאָס האַרץ נישט דער־לאָזען.

נ ח ו ם. האָסטו נישט געוואוסט, אַז איך וועל מיך דערוויי־סען? צו וואָס האָב איך געדאַרפט איבערלעבען דאָס, וואָס איך האָב איצט דאָ איבערגעלעבט? אההה!...

מ ר ס. ק א פּ ל א ן. זוהן מיינער, דו וואָלסט מיר דאָך גאָר נישט געוואָלט גלויבען. דו וואָלסט דאָך סיי ווי סיי געוואָלט זי זעהן, פון איהר מויל אליין הערען. און וואָס מאַכט עס אויס אַזוי צו אַזוי? ווילסט דאָך אויף מיר נישט ברגז ווערען. וואָס זיצסטו אַזוי, זוהן מיינער? וואָס קוקסטו אַזוי? אַי, איך קאָן עס

נישט צוזעהן! איך קאָן עס נישט צוזעהן! (געהט אַרויס אין פּאַרלאָר.)

נחום (בלייבט זיצען אומבעוועגליך, קוקענדיג שטאַר פאַר זיך).

חנה (בעווייזט זיך אין פּאַרלאָר־טיר, קוקט טרויעריג אויף איהם, בעוועגט זיך לאַנגזאַם, קומט־צו און לעגט אַרויף פּאַמעליבעל איהר האַנד אויף זיין קאָפּ). נחום!

נחום (מאַכט צו דאָס אויג, זיצט אַ וויילע שטיל, דאַן גיט ער זיך אַ שאָקעל, ווי ער וואָלט אַראָבגעטרייסעלט עפּעס פון זיך). דאָס איז געווען אַ שרעקליכע אָפּעראַציע און די שווערסטע וואונד. אַהן אַן אויג, אַ שלעכטער פּוס און אָהן איהר ליעבע. אָבער דאָס לעבען וועט מוזען ווייטער געלעבט ווערען.

חנה. יאָ, נחום.

נחום. און דאָס וועט געלעבט ווערען... וועל ווידער עפּעס טאָן. טאָן, טאָן! איך וועל אויספילען מיין לעבען מיט טאָן. איך מוז פערגעסען מיין אויג און מיין פוס — —

חנה (שטיל). זאָל איך דיר העלפען?

נחום (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). ניין. קיינער דאַרף מיר נישט העלפען. קיינער נישט!

חנה (בעהאַלט איהר געזיכט אין די הענד).

נחום. חנה, זי איז אוועק, אָבער דו וועסט נ י ש ט אריינקומען.

חנה. נחום!

נחום. עס איז אונמעגליך. וואָס וועסטו זאָגען, ווען דו וועסט הערען, אז צוליעב לינא'ן האָב איך מיר געווינשט דעם טויט?

חנה. איך וועל זאָגען, אז דו ביזט געשטאָרבען, און יעצט ביזטו ניי געבאָרען געוואָרען — פאַר מיר. פאַר מיר!

נחום. עס איז אונמעגליך, חנה. דענק דיר: אין דעם טאָג, ווען די קויל האָט מיך געטראָפען, האָב איך פון איהר אַ בריעף געקראָגען. פון דעם בריעף האָב איך געקאָנט ארויסזעהן,

אז איך האב זי פערלארען. עס איז מיר געווארען אזוי ביטער אויפ׳ן הארצען — אהה, ווען א קויל זאל מיך טרעפען! א ווײלע שפעטער בין איך שוין געלעגען א געטראפענער פון די שטיקלעך פון א געפלאצטער גראנאטע. איך וואלט זיי געקאנט אויסמיידען — אפשר, אבער איך האב עס נישט געוואלט. איך האב מיך דאכט זיך אונטערגעשטעלט אונטער זיי... זאל איך דיר אוועקגעבען איצט דעם קריפעל? איך וואלט געוועזען א פערברעכער!

חנה. האסטו מיך גאר קיין ביסעל מעהר נישט ליעב?

נחום (קוקט זי אן ווי עטוואס פרעמדס, ווייטעס).

חנה. גערענקסטו דיין צושיידען זיך מיט מיר — פאר דיין אבפאהר נאך פראנקרייך?

נחום. אויפגעפלאקערט — און פערלאשען געווארען. — מיט איהר אין דעם אויטאמאביל.

חנה. איז אויס! איז אויס!

נחום. איז אויס. איך וויל דיר נאך א מאל בעדאנקען פאר דאס, וואס דו ביזט דא געוועזען צו מיין מוטער. דו ביזט אזוי אונענדליך גוט און טריי. אך, יא! — פול מיט ליעבע און רחמנות. — (נערוועז און אויפגערעגט.) דאס זאל נישט געשעהן. איך ברויך קיין רחמנות נישט. איך בין געגאנגען אין מלחמה מיט מיין גאנצען הארצען און מיט ענטוזיאזם. איך האב געליעבט לינא׳ן מיט אפענע אויגען. אט אזוי האט זיך עס אלץ געדארפט אויסלאזען. און איך אליין וויל עס טראגען. קיינער דארף מיר נישט העלפען. איך וויל נישט! איך וויל נישט!

חנה. איצט ווייס איך, ווי דו וועסט אויסזעהן אין לעבען. איינאויגיג, הינקעדיג, מיט א וואונד אין הארצען און — א הארב אויף די פלייצעס.

נחום. א הארב?

חנה. איך.

נחום. האהאהא... נא, דעם הארב וועט אפשר עמיצער ביי מיר אראבנעמען.

חנה (שוידערט אויף). מיינסטו, אז איך וועל פערגעסען מיין ליעבע צו דיר, די ליעבע, וועלכע איך טראָג אין מיר אזא לאנגע צייט און דורך אזויפיעל שמערצען? ניין, איך וויים: איך וועל מיך דיר נאָכשלעפּען ווי א הארב. און אז דו וועסט מיד ווע־רען פון דעם הארב אויף דיין רוקען, וועסטו איהם מוזען אראָב־נעמען...

נחום. האהא...

חנה. דו, וואָס וועסטו טאָן, אום פּטור צו ווערען פון דעם האָרב אויף דעם רוקען?

נחום. ווילסטו ווארטען אויף דעם ענטפער?

חנה. אזוי לאנג, ווי דו וועסט וועלען. (שטרעקט צו איתם אויס די האַנד.) אָבגעמאכט? (העבט־אויף די הענד אין דער הויך, בעגייסטערט.) אה־ה־ה! (אראָבלאָזענדיג די אויגען, פאַלט איהר בליק אויף ליבאַ׳ס בלומען, וועלכע ליגען אויפ׳ן טיש.) אה, די שיינע בלומען! מען האָט זיי פערגעסען און נישט אריינגעשטעלט אין וואסער. (נעמט זיי אויף, שמעקט זיי, טוליעט זיי צו זיך צו, טראָגט זיי צו איהם צו.) או, ווי זיי שמעקען!

נחום (אָבשטופּענדיג די בלומען פון זיך). שמייס זיי ארויס!

חנה. די שיינע בלומען? אָה, ניין! — דו וועסט זיי אליין ארויסשמייסען. — איך וועל געהן און אריינברייגען א וואזע מיט וואסער. (פערשווינדט אין קיך.)

נחום (קוקט אָן די בלומען, פערגראָבט אין זיי זיין געזיכט, זיין קערפּער ציטערט, ווי ער וואָלט אויפגעווייגט, דאן קוקט ער זיי ווידער אָן, פערבייסט די ציינער, דריקט זיי מיט כעס, און שמייסט זיי אראָב פון זיך אויף דער ערד).

חנה (בעווייזט זיך אין דער קיכענטיר מיט דער וואזע וואסער, קוקט־אָן איהם און די בלומען מיט גרויס רחמנות, באַלד אָבער בעווייזט זיך א גליקליכער שמייכעל אויף די ליפּען).